STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10256

OYF ALTER ERD

Benjamin Ressler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנימין רעסלער

אויף אַלטער ערד

(ראָמאַן)

1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

B. Resler — Ojf Alter Erd (Powieść)
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

I

...אַז די קופּערוויטע, נאָך גליענדיקע פּאַרנאַכטזון האָט אָנגעהויבן זינקען צווישן די אַרומיקע בערגקייטן און זיי פאַרגיסן מיט אַ צונטערדיקער שיין, האָט זיך אויף דעם נאָך־שניטפעלד אַן אויסגעצויגענער גרילצנדיקער פּייף דערהערט.

א בשורה האָט זיך צעטראָגן: דער שווערער, שרפהדיקער טאָג פאַרגייט, אַן אָפּפרישנדיקער אָוונט רוקט אָן — גייט רוען, מענטש, בהמה און מאַשין!

האָט זיך פּאַמעלעך, ווי אויסגעמאָסטן געגומען איינשטעלן דער הייסער, האַסטיקער אָטעם פון דער קלאַפּנדיקער דרעשמאַשין און דער רויך פון איר צעגליטן, אייזערנעם האַלדז זיך צעגיין אין דער נאָך־דורכזיכטיקער שקיעהלופט.

טיק־טיק־טראַך־ראַך! פּ־פּ־פּ־ו־ף..!

און אַז דער לעצטער גריליך האָט זיך דורכגעשניטן שאַרף דורך דער פאַרנאַכטנבלאָקייט, און קלעטערנדיק איבער די בייכיקע בערגווערכעס, ערגעץ פאַרבלאָנדזעט צו די דרעמלענדיקע, אַראַבישע נאָרעס און זיי אָנגעשראָקן — האָבן אונטן, אין פלאַכן טאָל, עטלעכע צענדליק יונגע מענטשן מיט הנאה אויסגעגלייכט זייערע רוקנס און אָפּגעעטעמט מיט אַנגענעמער צעפרידנקייט: „נאַכט... ס'קומט צו גאַסט די נאַכט"...

שפּאַנען שוין דאַן, ביים אָפּגלאַנץ פון לעצטן זונפלאַם, בחורים

און בחורות, מידקייט אין די אבריב, און אַ שטיפערישער שמייכל אויף די בראָנזענע פנימער, איבער די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, צו זייערע געצעלטן און ביידלעך.

דערהערט זיך אָבער, בשעתן אַהיימגאַנג, אַ באָגנדיק ליד, ווערן אַלע הערצער פאַרכאַפט, די אויגנלעפלעך פאַלן צו, פון זיך, און אַ פלאַטערדיקע בענקשאַפט ציטערט:

„ס׳פאַרגייט דער טאָג, און ס׳קומט די נאַכט,
און האָט די בענקשאַפט מיטגעבראַכט"...

און ווייטער:

„טרויריק איז אין מיין געצעלט,
ווייל ס׳האָט די ליבסטע נישט באַשטעלט
דעם ליבסטן פאַר דער נאַכט"....

אַקסל פאַלט צו צו אַקסל, אָרעמס איבער פלייצעס פאַרוואָרפן גייט מען, אַזוי אָט, צו רו...

אַז אין די פענסטער פון דער גרויסער, באַלויכטענער עסשטוב, אין יוספיה׳ער הויף, האָבן זיך פלעמלעך באַוויזן, איז דער געזאַנג שטאַרקער געוואָרן, אימפעטיקער, זיך איבערגעגאָסן אין אַ התלהבותדיקן נגון און ס׳איז אַוועק אַ ברענענדיקער, ווילדער טאַנץ אין קאַראַהאָד:

„אל יבנה הגליל, אל יבנה הגליל!"

ס׳הויבן זיך די ברוסטן, פאַר די אויגן נעמט שווינדלען, און די קעפ זענען הייסע, הייסע...

„אל יבנה הגליל".

און די שטאַרקע, די ווילדע יונגען, מיט אַ שמייכל פון מבטל-זיין אַלץ, אָדער גאָר פון פאַרגעסנקייט; די ווילדע יונגען, וואָס זענען שוין גלייך צו׳ן אַ דורכגעברענטן, פאַרקוילטן שטיק ערד, — שטאַמלען אָן אָטעם:

„אל יבנה, האַק אַ טשייניק! אל יבנה, האַק אַ טשייניק!"

און אַלע אינאיינעם: האַ! האַ! אוהאַ! האַ! האַ! האַ!

ס׳פלעכטן זיך נאַקעטע הענט, בראָנזענע פיס פון קורצע הויזן אַרויס טראָגן זיך אין דער לופטן, קעגן וואַקסנדיקער לבנה שיין, און אין גאַנצן טאָל ווערבלט דער „האַ-האַ" און הילכט אָפּ אין די בערג, ווו, דוכט, ער בלייבט הענגען אויף אייביק. — — — — — —

אויף דער שוועל פון דער גרויסער עסשטוב בלייבט איצט שטיין נחמה, אַ שווייגנדיקע. די צעשפּאָלטענע, פאַראַרבעטע הענט פאַרלעגט אויף דער ברוסט, זעט זי אויס אַצינד, אין דער ווייסער, לאַנגער קיך־שערץ, מאַמע־דערבאַרעמדיק. נאָר מיט אומרויקע, בלאָנ־דזשענדיקע אויגן כאַפּט זי אַלעמען און אַלץ אַרום און עפּעס נעמט איר פאַרשפּאַרן אַזש ביז צום האַלדז: „ע ר איז נישטאָ...“

— נחמה, טאַנצן! קום טאַנצן! — נעמט רופן עמעץ פון רעדל— נחמה! וואָס מיינסטו דיר עפּעס?! — אוהאַ! אוהאַ!

אָבער נחמה האָט זיך שוין אַוועקגעדרייט פון שוועל און פאַר־שווונדן געוואָרן אין דער טיף פון דער געגרייטער, נאָך לעדיקער עסשטוב.

— נחמה.. נ ח מ ה .. ה.ה.. אוהאַ! אוהאַ!.....

באַלד פאַרפעלט שוין אָטעם. די הענט פאַלן אָפּ, מאַטע, און איינציקווייז, איינציקווייז רוקט מען זיך אַרויס פון רעדל.

עטלעכע כוחגייערס קלאַמערן זיך נאָך מיט די הענט, קריצן מיט די ציין, פּרווון נאָך צופייפן, אָבער אויך זיי צעפאַלן זיך באַלד מיט אַ הונגעריקן, הירזשנדיקן געלעכטער:

— כאַ־כאַ! בו הו הו בו... האָ האָ! — — — —

אַז יענע, וואָס זענען די טאַטעס און די מאַמעס, האָבן זיך שוין באַוויזן זיך צו זען און אָנפרייען מיט זייערע קינדער, וואָס געפינען זיך אין קינדערשטוב און ווערן געפּלעקעט פון אַ באַזונדערער קינ־דערדערציערין; אַז אַלע האָבן זיך שוין איינגעוואַשן, אויסגעבאָדן, האָט זיך דערהערט איבערן הויף דאָס באַקאַנטע גלעקל:

גין, גין! גין גין! גינ ן ן, גין!

וואָס טייטש: וועטשערע! וועטשערע! ס׳וואַרט שוין דאָס ברויט אויף די טישן!

גין, גין! גין גין! גין ן ן... גין!

אין אַ קורצער ווייל זענען די לאַנגע טישן אַרום די ווענט פון דער גרויסער, הילצערנער עסשטוב געווען באַזעצט פון היפּשע עט־לעכע צענדליק חברים און חברטעס, וואָס האָבן זי אָנגעפילט מיט אַ פּאַרטויבנדיקן, בלעכערנעם געקלינגעריי מיט לעפל־מעסער איבער שיס־לען און טעפּלעך

אַז ס׳האָבן זיך פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע שפּענדלעך אַריינ־

געשאַרט, דורך צווי׳ פאַרשיידענע טירן, ר׳ זייַנוועלע און זייַן פלונית ביילע יענטל, האָבן חברה זיי אויפגענומען מיט אַ שטיפערישער האַר־ציקייט:

— אָט זענען זיי שוין אויך דאָ, אונזערע קעסטקינדער! זאָלן זיי אונז מאַריך־ימים זיין! ווי זיי ווייסן עס שוין אויך, וואָס דאָס גלעקל באַטייט!...

ר׳ זייַנוועלע האָט זיך געוואַשן צו ברויט אין איין ווינקל, ביי־לע יענטל אין אַנדערן, און האָבן זיך געזעצט ביי ביידע זייטן „אויבן אָן" פון טיש.

ר׳ זייַנוועלע האָט געמאַכט „המוציא" און געמיטלעך געטונקען ברויט אין זאַלץ פון אַ „באַזונדערן" זאַלצמעסטל. ביילע יענטל, פון דער אַנדערער זייט „אויבנאָן", האָט זאָסועלביקע געטון און אָנגע־שטעקט אַ שטיקל דאַרע שישקע אויף איר אייַנציקן, געלן פאָדערצאָן.

דאַן האָבן ביידע, אי ר׳ זייַנוועלע, אי ביילע יענטל, ווי אָפּגע־רעדט פון פריער, גלייכצייטיק זיך אָנגעגאָסן צו ביסלעך וואַסער אין די גלעזער, אייגנס פאַר זיי ביידע צוגעגרייטע, און טראָפּינקעווייז באַנעצט די גומענס.

— האַ! אַ מחיה! טייער וואַסער, אַ היילונג אויף דער ברוסט. — האָט ביילע יענטל זיך געקוויקט.

האָבן זיך חברה געשמאָלצן פאַר נחת, קוקנדיק אויפן פּאָרפּאָלק, זייערע געציטערטע קעסטקינדער.

מרים, זייער טאָכטער, וואָס האָט זיי אַריבערגעבראַכט אַהער פון פוילן, און די קבוצה האָט זיי דאָ צוגענומען אויף אייביקע קעסט און קוואַרטיר, האָט געשטראַלט פאַר גליק, זעענדיק טאַטע־מאַמע.

ר׳ זייַנוועלע האָט זיך געגלעט זייַן גראָ בערדעלע, געווישט דעם שוויס, און ביילע יענטל, פון דער אַנדערער זייט, האָט פאַרוקט דאָס טיכל איבערן לינקן אויער און זיך געפּאָכעט מיט אַ פאַרביקן, ציצענעם פאַרטוך:

— פּפּע... פּע... הייס...

בערעלע האָז, וועלכער האָט זיך ערגעץ פאַרטאַיעט און אַריין דער לעצטער אין עססטוב, האָט זיך צוגערוקט צו ר׳ זייַנוועלען און באַרפירט אַ טענה:

— הייסט עס, ר׳ זיינוועלע, אַז... טאַביק צום שמעקן איז נאָך ביי אייך דאָ?

— ס׳וועט נאָך זיין. פונקט ביז צו דער נייער „פּאַסונג״... ס׳שמעקט זיך מיט חשבון.

— זאָגט זשע מיר, טייערער ר׳ זיינוועלע — האָט אים בערע־לע האָז אַ טאָרע געטון ביים ברייטן אַרבל פון געבלומטן כאַלאַט — הייגט אויך אַריינגעקומען דורך אַן עקסטרע טיר? זענט איר אפשר מיט אייער פלונית נישט שוה בשוה?

— ווייס איך! שטותערייען! וואָס נישט שוה, ווער נישט שוה... סתם... וואָס האָב איך עפּעס מיט יידענעס צו טון?... מיט נשים...

ר׳האָט גענומען אַ צווייטן זופּ וואַסער און געמאַכט — מעשה־טאַטע מיט דער האַנט, אַז בערעלע זאָל גיין צום טיש.ביילע יענטל פון דער צווייטער זייט „אויבן אָן״, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ מין פולקומע צושטימונג.

אייניקע חברטעס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן דרייען פאַרהאַוועטע פון דער דערביי׳איקער קיך אין עסשטוב אַריין און צוריק.

אויך נחמה אין איר ווייסער באַלעבאָסטע־שערץ האָט זיך גע־דרייט אַרום די טישן. איר „תור״ הייגט אין קיך. האָבן טאַקע אַלע חברים מיט נייגיריקייט געוואַרט אויף דער וועטשערע, וואָס נחמה האָט צוגעגרייט. ביי אַלע איז געווען אָפּגערעדט, אַז בלויז זי, נחמה, פאַרשטייט, ווי אַזוי צוצוריכטן די אָרעמע, נישט פעטע מאָלצייטן, אַז אַלע זאָלן פילן אין זיי אַ טעם און אפילו האָבן צו נישקשהדיקער זעט, וואָס איז, געווייגלעך, נישט תמיד שכיח. און די טישן ביי וועל־כע נחמה דערלאַנגט, איז טאַקע שטענדיק אַ וווּנדערלעכע אָרדענונג.

„אָבער פאַרוואָס איז נחמה אַזוי מאָדנע נישט אויפגעלעגט? עפּעס ביי איר די הענט נאָכגעלאָזן, און ווי נישט־זי, דרייט זי זיך ביי די בענק און קאָן זיך נישט אויספּ־אָנטערן״... חברה האָבן עפּעס דער־קענט: „וואָס איז מיט איר?״

— נחמה, ביי דיר הייגט אַ „מצב־רוח״? טאָ פאַרוואָס־זשע דרייסטו זיך אַרום, ווי אויף פאַרשלאָפענע פיס? מ׳לעגט זיך אויפן בעטל אין צריף און מ׳לאַכט צו דער לבנה — האָט זיך בערעלע האָז, דער לץ פון קבוצה, צו איר אָפּגערופן. — אַז אַ „מצב־רוח״, פאַרשטייסטו מיך,

נחמה, כאַפּט זיך צו מיר אַריין, קער איך אויף זיך איבער דעם שטרויזאַק, צופּ אים, רייס אים, בין אפילו גרייט אים אויפצוקייען, און נאָכדעם נאָך אַריינוואַרפן דיר אַ פּאָר געזונטע קיש, אַ מין צימעס, פאַרשטייסטו מיך... אַנטלויפסט, נחמה? הער זיך איין, איך טרייב נישט קיין קאַטאָוועס, מוז איך דיר מעלדן... נחמה, „בחיי״, איך....

דאָס לעצטע וואָרט, וואָס ר׳האָט נאָך באַדאַרפט צו דערלאַנגען איז אים שוין געבליבן שטעקן אין גאָרגל, — די פּאַרע פון דער אונטערגערוקטער שיסלזופּ, וואָס האָט זיך געלענגערט ביז צום אויבערשטן בעליק, האָט אים אַ קיצל געטון אין די נאָזלעכער און זיין נאָז איז, גלייך ווי אַלעמענס, באַלד געווען אריינגעטון אין וווילן ביסל עסן.

ווען אַלע און אַלץ איז געווען אין באַוועגונג און ס׳איז גאָר קיין צייט נישט געווען אַפילו אויסצוהערן אַ שכנס אַן אָפּגעריסענע מימרא, אָדער אַ חריפותדיקע באַמערקונג, האָט זיך דערהערט אַ לויטער, נאָגנדיק פּייפעריי אויף אַ דודע, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין דרויסן איבערן הויף.

איז דעמאָלט נחמה געבליבן שטיין אין מיט שטוב, מיט אַ טעלער אין האַנט, און ווי פון זיך אַליין האָבן אירע אויגן זיך מיטאַמאָל צעפּינטלט און די אוירנלעפּלעך זענען געוואָרן אויפגעשפּיצט. ס׳האָט געקאָנט דוכטן, אַז זי וויל עפּעס אויפכאַפּן, זיך אָן עפּעס דערמאָנען; אָדער ווי זי וואָלט גאָר אינגאַנצן האָבן פאַרגעסן, צוליב וואָס זי איז איצט פלוצלינג אַריין פון דער קיך אַהער, אין עסשטוב.

די מאָנענדיקע, לייכטע קולות פון פּייפל האָבן געבלאָנדזשעט אין דער וואָס-מער וואַקסנדיקער, ווייסער לבנה ליכטיקייט; וואָס האָט באַגאָסן דעם הויף און געפּרוווט גרייכן צו די טיפע הימלען, וואָס האָבן זיך אַלץ העכער און העכער דערהויבן און טיפער געוואָרן אין זייער אָוונטיקער אויסגעשטערנטקייט.

און גלייך מיט די בלאָנדזענדיקע פּייפל-קולות אין דרויסן האָט דאָ, אינעווייניק, געבלאָנדזעט נחמהס בליק..

אַ שפּאָרע ווייל איז זי געשטאַנען, נישט ווויסנדיק וווהין זיך צו קערן, האַלטנדיק דעם טעלער אויף דער דלאָניע. אָבער קיינער, דוכט זיך, האָט זי נישט באַמערקט אין איר פאַרלוירנקייט, פונקט ווי קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו די דודע-טענער, וואָס האָ

געכוואַליעט און אָנגעשלאָגן אָן דער אויפגעפראַלטער טיר פון „צריך".

ערשט ווען די קולות אין דרויסן זענען מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן און זי, נחמה, האָט, ווי אויפגעכאַפּט פון איר פאַרטראַכטקייט, אַ פּיר געטון מיט איר האַנט איבערן שטערן און נישט־זיכער זיך צו־געלאָזט צום טיש, האָט בערעלע האָז אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טע־לער און אויף איר אָנגעשטעלט זיינע לויפנדיקע אויגעלעך:

—זעסטו, נחמה, קיינמאָל האָסטו נאָך אַזוי קלוג נישט געטון ווי איצט! ווי דו וואָלסט האָבן געוווסט, אַז כ׳בין הונגעריק, ווי אַן אַראַביש קעמל! גיב אַהער די שיסל!

ער האָט פלינק אַרויסגענומען פון איר האַנט דעם טעלער זופּ און אין דער רגע האָט אין אים געשטעקט זיין נאָך פריש אַרומגע־לעקטער לעפל.

— האָסט דעם גאַנצן סאָס אַריינגעטון אין דעם מאכל! — האָט בערעלע זיך געחכמהט.

ר׳האָט ברייטלעך געזופּט, פאַרקייעט מיט ברויט, און זיינע פּנים־מוסקולן זענען געווען געשפּאַנט.

— נחמה, איך זאָג דיר, ס׳איז באמת אַ געשמאַק מאכל פון אַ געשמאַקער בחורה! ווי איך בין אַ לעבעדיקער, וואָלט איך עס אַצינד בכּוח געווען דיר אַריינצושיילן אין דיינע באַקן!...

דער עולם האָט זיך געהאַט כמעט אָפּגעפּאַרטיקט מיטן עסן מ׳האָט נאָך פאַרביסן אויסגעדאַרטע שטיקלעך ברויט און אַזוי זיך שוין געקאָנט גיכער צוהערן צו בערעלעס דבורים און אונטערהעלפן מיטן אַ זאַטן געלעכטער...

נחמה, וואָס פלעגט צומאָל אַליין נישט שמייכלען פון בערעלע האָזס נישט שטענדיק קיילעכדיקע חכמות, האָט איצט אַפילו אַ וואָרט נישט אויפגעכאַפּט — כאָטש אַלץ איז געווען געווענדט צו איר. זי האָט צענויפגענומען אייניקע אויסגעליידיקטע טעלער און געלאָזט זיך דערמיט אין קיך אַריין.

ווען זי איז אַריבער די שוועל, האָבן זיך מיטאַמאָל די בלעכער־נע טעלער אַרויסגעגליטשט פון די הענט און אַראָפּ מיט אַ טויבן גע־קלאַנג אויפן שטיינערנעם קיך־טיש. — זי האָט זיך דערשראָקן: אויס־געגלייכט אין זיין גאַנצער הויך, אַזוי ווי אַ טייטלבוים, איז אַקעגן

איר געשטאַנען צמח, דער שווייגנדיקער פּאַסטוך פון קבוצה.

פון אונטער זיין ווייסן, לאַנגן העמד, וואָס האָט באַדעקט זיין טונקלהויטיקן גוף, האָבן אַרויסגעשטעקט זיינע נאַקעטע פיס, צווישן וועלכע ר'האָט געהאַלטן דעם לאַנגן פּאַסטוך-שטעקל. זיין בלאָנדער קאָפּ מיט די לאַנגע האָר, וואָס גיסן זיך צענויף מיט זיין באָרד אָנוואַקס, זענען געווען נאַס און צעקאַמט. די פּייכטע קרויזן האָבן פאַרשפּרייט אַ ריח פון באַרגלופט און פרישן וואַסער, פון שטראָמענדיקן באַרגקוואַל. זיינע ליפּן, אויפגעשוואָמענע אַצינד, האָבן געשעפּטשעט:

— נחמה, איך האָב באַקומען אַ ניי פייפל; האָסט געהערט זיינע קולות? כ'האָב אויסגעשפּילט אויף אים אַ נגון, וואָס איז מיר געלעגן אויפן האַרצן די גאַנצע צייט... דו ווייסט, נחמה, אין אָוונט גיסן זיך איבער די טענער אַ סך בעסער, ווי ווען איך ליג אויף דער זון פון טאָג, צווישן די שאָף.

צמח דער שווייגער האָט פּלוצלינג אַ רעד געטון... נחמה האָט געענטפערט אָפּגעריסן:

— איך האָב געהערט.

— און פאַרשטאַנען האָסטו?... — —

אין עסשטוב האָט מען זיך שוין געווערטלט, געלאַכט, און בעֵ רעלע האָט סווישטשענדיק קולעכל האָט אַלעמען איבערגעהילכט.— —

די איבריקע טײַלערינס האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין קיך מיט די ליידיקע טעלער און גענומען אָנגיסן טיי אין בלעכן אַריין. נחמה האָט זיך גענומען פּאָרען מיט זיי אינאיינעם ביים זידנדיקן קעסל, אָבער... אַלע טײַלערינס זענען שוין צוריק געווען אין עסשטוב מיט דער טיי און זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ נישט אָנגעגאָסענער בלעך אין האַנט. צמח האָט דערקענט איר פאַרלוירנקייט:

— נחמה דיר איז עפּעס היינט.... — —

זי האָט אים שטילערהייט געבעטן:

— רעד נישט, צמח. גיי אין דיין געצעלט.

— איך וועל דיך פאָלגן, נחמה...

ר'האָט איבערגענומען זיין לאַנגן שטעקן פון דער לינקער האַנט אין דער רעכטער און זיך געלאָזט צו דער זייטנדיקער טיר, וואָס

פירט פון קיך אַרויס אין הינטערשטן טייל פון הויף. ווען ר׳איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר מיטן פנים געווענדט אין הויף אַרויס, האָט זיך נחמה דערמאָנט:

— צמח, דו האָסט דאָך נאָך נישט געגעסן,

צמח האָט זיך אומגעקערט צו איר מיטן פנים, און אַ פלוצלינג-דיקע צופרידנקייט איז געווען ניכר:

— איך האָב געגעסן פריער. טרויבן זאַפטיקע האָב איך באַקומען ביי אַ דורכגייער און דערנאָך האָב איך פאַרטרונקען מיט פריש קוואַלוואַסער.

— איז דען דאָס אַן עסן? איך האָב פאַרדיינעטווען באַהאַלטן עטלעכע זיסע מייערלעך און צוויי גרויסע מילגרוימען.

— איך וועל מיר דאָס באַהאַלטן אויף מאָרגן.

— אויף מאָרגן האָב איך דיר אויך צוגעגרייט.

צמחס בלאָע קינדערשע אויגן זענען טיפער געוואָרן, און אַ גלאַנץ פון טרערן האָט אין זיי אויפגעלויכטן. האָט דער גלאַנץ אָנגעוואַרעמט...

– נחמה...

ר׳האָט זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל און איינגעביסן זיינע ווייסע ציין אין אַ זאַפטיקן מילגרוים אַריין. — — —

אין דער גרויסער שטוב האָט מען שוין גאָר געטומלט. אייניקע זענען געזעסן אין אַ באַזונדערן ווינקל און געפירט אַן ערנסטן שמועס וועגן די ענינים פון קבוצה, וועגן דער ווירטשאַפט, וועגן דעם בייעם ברויט, וואָס זיי האָבן איצט אַראָפּגענומען און ס׳וועט, דוכט זיך, נישט סטייען; וועגן דעם מאַנגל אין קי און פערד, וועגן דער גוטער ווירטשאַפט פון שכנותדיקן גרויסן צוריהער „קבוץ” און וועגן דעם, אַז דער „עמק” איז די קרוין פון יונגן הונגער-מלכות אין הייליקן לאַנד פון ישראל.

אייניקע זענען געזעסן אויף דער ערד, די פיס הינטער זיך און געזונגען אַ רוזינער נגון; אייניקע האָבן סתם גערעדט וועגן אַלץ און וועגן נאַרישקייטן. ר׳ זייגוועלע און ביילע יענטל האָבן זיך שוין אויך געהאַט אַרויסגעשאַרט; — אגב, האָט איצט געטראָפן אַ פאַרדרייעניש: ד׳האָבן זיך טועה געווען מיט די טירן, אויף וואָס עולם האָט געלאַכט

און געפרעגט ביי מרימען, צי זי ווייסט נישט אַמאָל וועגן עפּעס אַן „אינצידענט" צווישן די „קינדער".

פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן שעפּטשענדיק זיך אַרויסגעשאַרט און זיך אָפּגעזעגנט מיט זייערע ליבע־געפילן און יונגע געבליטן אין דער נאַכט אַריין, אין דער אויפגעריסן־ווייסער. בערעלע האָט קול האָט זיך נאָך געהערט, ווי ער פּילדערט, יאָגנדיק זיך נאָך אַ מיידל, פון אַ ווייטן דאָרף אַהער צו גאַסט געקומען. ווען דאָס מיידל האָט זיך ווי אַרום אַרויסגעקריגן פון זיינע הענט און ער האָט זי פאַרלוירן פון אויג, איז ער אַריין אין קיך, מיינענדיק זי דאָ צו געפינען. דערזעענדיק צמחן אין אַ ווינקל, האָט ער אויף אים אָנגעשפּיזט זיינע אויגלעך און זיך אָנגעכאַפּט ביים בויך:

— וואָסזשע, דו אויך? דו, צמח? דוכנסט שוין אויך אין אַ ווינקל? און דו, נחמה, אפנים אַז... געוואַלט! חברה זיצט דאָרט און קהלט און דאָ, אין קיך, דעקט מען שטילע חתונקה!

אויף צמחס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ קרומער שמייכל, וואָס האָט באַדאַרפט הייסן „אידיאָטישע חכמות". דאַן האָט זיך זיין פּנים אויסגעגלייכט, צוריק באַקומען דעם הדרת פון שוועיגעדיקייט און פון זיין שטערן איז די איינציקע פאַלד פאַרשווונדן. — איז אַלץ איצט געווען אַראָפּצולייענען פון זיין ליכטיקן פּנים, וואָס איז געווען באַצויגן מיט אַ דינענקער, זיידענער הויט, הגם ברוינלעך פון אייביקער, הימלישער בראַנד. אַלץ האָט אַראָפּגערעדט דערפון: לויטערער געמיט, טיפער באַנעם, צאַרטקייט און אַ ים פון ערלעכע געפילן, צו וועלכע ער איז דערגאַנגען נאָך יאָרן פון פאַרשידענע גלגולים.

בערעלע האָז האָט נאָך געפּרוווט צוואַרפן אַ וואָרט אויף נחמהס חשבון, נישט מער אַזוי נאַריש ציניש, ווי פריער, און זיך אַרויסגערוקט פון קיך, ווי איינער, וואָס האָט גאָרנישט געפועלט — אַ גנב, וואָס האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פאַריגלטער טיר און גייט זוכן ערגעץ אַנדערש גליק. ער איז זיכער אַרויס אויפצוזוכן חברה, כדי צו גלאַנצן מיט ווערטלעך אויפן חשבון פון דעם, וואָס ר'האָט נ י ש ט געזען אין קיך.

— צמח....

— ווילסט מיר עפּעס זאָגן, נחמה?

— צמח....

— .....

נחמה האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן, אָבער צו שווער, צו פיינלעך איז פאַר איר געווען, אַזוי אָט אַראָפּצורעדן דאָס, וואָס האָט זיך ביי איר אָנגענומען אויף דער נשמה.

און צמח האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט. ער האָט געגאַרט צו הערן פון איר מויל כאָטש איין איינציק וואָרט, וואָס זאָל זיין אפילו אַ קאַרגער רמז בלויז אויף דעם, וועגן וואָס ער קלערט און וואָס ער האָט מיט זיין דינעם חוש דערפילט. — — — —

— נחמה... דו באַהאַלטסט וואָס פאַר מיר... צמח קאָן אויס-הערן... און באַנעמען... צמח קאָן זייער גוט פאַרשטיין...

— איך... גיי רו זיך אויס אין דיין געצעלט... לאָז מיך דאָ איבער... איך דאַרף דאָך דאָ ריין מאַכן די געפעסן... אָט קומען שוין חנה און זהבה.

צמח האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט אין ווינקל און אַ שווייגעדיקער אַרויסגעשפּאַנט פון קיך.

לייכטע זענען געווען זיינע טריט איבער דעם הויף און קוים אָנזעעוודיקע איבער דער זאַמדיקער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו די געצעלטן. האָבן זיך נאָר שוואַכע סמנים פון באָרוועסע פינגער און פיאַטעס אָפּגעדרוקט אויף דעם ערשט פריש באַשאָטענעם געלבלעכן זאַמד.

קוקנדיק פאַר זיך, האָט ער זיך דערנענטערט צום געצעלט, וואָס ער באוווינט אַליין, אָן שותּפים, זייט ער געפינט זיך דאָ אין קבוצה און איז איר איינציקער פּאַסטוך.

ר'האָט פאַרהויבן דעם אַראָפּגעלאָזענעם פּרעזענטענעם צודעק און זיך אַריינגעשאַרט אינעווייניק.

ר'האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט.

ר'האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטעקן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין געלעגער. די פיס הינטער זיך, האָט ער לאַנג-לאַנג אַזוי געהויערט. זיינע אויגן האָבן אַרומגעשוואומען איבערן טונקעלן חלל פון נעסט; די אויערן זענען געווען אויפגעשפּיצט, אָנגעשטעלט, צו פאַרנעמען יעדן קלענסטן שאָרך, גלייך ער וואָלט אַזוי אויף עמיצן לאָקערן, — גלייך ער וואָלט צילן אויף וואָס...

אָבער אין אמתן האָט זיך אין זיין מוח קיין שום קלאָרער געדאַנק נישט געוועבט, און זיינע מחשבות זענען אויף גאָר נישט געווען צונויפגענומען. בלויז שטיקער, איינציקע שטיקער אָפּגעריסענע טראַכטונגען האָבן דורכגעצויגן, זיך אַ ווייל אויפגעהאַלטן און אין דער רגע זיך ווידער אָפּגעטאָן, מאַכנדיק פּלאַץ פאַר אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַלד נאָכגעשלעפּט און אויך נעלם געוואָרן: — בילדער פון זיין איצטיקן לעבן, בילדער פון זיין פאַרגאַנגנהייט; מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך אין זיין פריערדיקן לעבן באַגעגנט, און מענטשן, מיט וועלכע ער לעבט איצט א י נ א ײ נ ע ם און נישט א י נ א ײ נ ע ם......

פליט דורך, אַזוי אַ געשטאַלט פון אַ יונגן מיידל, וואָס דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט עטלעכע יאָר פון פאַרגאַנגענעם לעבן, אָבער... ס'איז דאָך שוין זייער לאַנג און אַלץ איז נעפּלדיק... שווינדלט זי דורך די מיידלשע געשטאַלט דורך צמחס מוח און ער, צמח, פּרוווט איר נישט — נאָכיאָגן....

אָבער ווען ס'האָט זיך גאָר פּלוצלינג פאַר אים אַרויסגעשיילט, אין דער טונקלקייט, די געשטאַלט פון מאירל גזלן, האָט ער אַזש אויפגעציטערט אויף זיין געלעגער, צמח. — מאירל גזלן איז אַ שאָטן פאַר וועלכן ער שרעקט זיך עפּעס!... מאירל מזיק איז דער, צוליב וועלכן נחמה איז אומרויק; איז דער, וועלכן נחמה האָט....

ער האָט עס דערפילט, צמח, ווען מאירל גזלן איז דאָס לעצטע מאָל דאָ געווען צוגאַסט: נחמה איז מיט אים פאַרפאַלן געוואָרן אין תבואה־פעלד..... און ווען ער האָט זיך געזעגנט, מאירל, און איז אַוועקגעריטן אויף זיין ביסטרען פערד, איז נחמה נאָך לאַנג געשטאַנען און נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן איבער די אַקעגנאיבערדיקע נאַקעטע פעלזן. ער האָט עס דערפילט צמח... זיך דערטראַכט... און אפשר איז ער זיך גאָר טועה? ס'קאָן דאָך אַזוי אויך געמאָלט זיין!... — —

זיין מוח האָט גענומען קלאָרער אַרבעטן, איבערלעגן און איבערוועגן יעדע געזעענע קלייניקייט, און אין האַרצן האָט זיך אַריינגעצויגן אַ פּלוצלינגדיקע אומרויקייט: „ס'איז פאָרט אַזוי! — אַ סימן: נחמה גייט איצט אַרום אַ צעטראָגענע; מאירל גזלן האָט דאָך צוגעזאָגט היינט אַהערצוקומען... געפינט זי זיך טאַקע נישט קיין אָרט צו־

ליב דעם.... יאָ! נישט אַנדערש!" און אפשר?... ער איז אויפגעשפרונ-געז פון זיין געלעגער: אַרום זיין געצעלט אין דרויסן האָט גאָר-און-פּלוצלינג געגומען רודערן. דער הויף, אין וועלכן ס'איז אין דער צייט געוויינלעך שוין שטיל — כּמעט אַלע חברים געפינען זיך דעמאָלט אין זייערע ביידלעך און געצעלטן; אַ טייל שלאָפן געשמאַק און אַ טייל האַלטן שוין ביים איינדרימלען מיט אַ צייטונג אָדער אַ צעפּליקטן, פעטן בוך אויפן האַרץ — איז געווען באַלעבעט, חברים זענען געווען עפּעס צופיל וואַכעדיק; עפּעס סודותדיק זיך געדרייט אַהין און צוריק. אַריין אין דעם תמיד-פאַרשפּאַרטן צריף, — אין וועלכן ס'ליגן באַהאַלטן „כּלים" צום באַנוצן נישט אין „וואָכנטעג"... — ווידער אַרויס, גערופן און זיך איבערגעווערטלט... אין מוח ביי צמחן האָט אויפגעבליצט: „גייעס געשעען!" — — — —

אין דער רגע האָבן אויפגעפלאַקערט פיר גרויסע, אָנגעצונדענע שטורקאַצן, אין אַלע זייטן פון הויף, אויפגעשטעקטע אויף שטיינערנע בערגלעך.

אַז די רויטלעכע שיין האָט זיך אַריינגעריסן צו אים אין זיין טונקלען ווינקל און געפאַלן אויף זיין פּנים, זענען זיינע אויגן שיעור פון זייערע לעכער אַרויס. ער איז אָבער געבליבן בלויז הויערן אויף די קני און מיט די הענט זיך איינגעגראָבן אין הויפן היי פון זיין געלעגער.

אַ געשריי האָט זיך אין זיינע ביינער אָפּגערופן: „ס'איז פריילעך!..."

עמעץ איז פאַרבייגעלאָפן זיין געצעלט און צווישן די ציין צוגע-וואָרפן אַ וואָרט: „ביים לאַנגן פאַסטוך איז שאַ, שטיל, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען"...

צמח האָט איצט שוין קלאָר געהערט. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך אויפצוהייבן פון ליגן אויף דער האַנט און קני, אַרויס גיין און זיך פונאַנדערפרעגן, האָט זיך דער צודעק פון געצעלט אויפגע-הויבן און צוויי אויגן האָבן זיך אַריינגעשניטן אין חלל אין טונקעלן—

— צמח, שלאָפסט? הויב זיך אויף. מ'האָט, דוכט, אָן דיר פאַר-געסן...

אָן איינצווייענדיקער, ווילדער אויסרוף איז צמחן פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן.

אַז עפּעס טוט זיך, אַז עפּעס געשעט אין דרויסן איז אים גע-
ווען קלאָר פון פריער אַ רגע.... אָבער נחמה איז דאָך געקומען וועקן !..
ווי אויף הילצערנע פיס איז ער צו איר צוגעגאַנגען. נחמה האָט
אים אָנגענומען פאַר די הענט:
— קום אַרויס, צמח... זיי אין דרויסן... איצט איז נישט קיין
צייט פון אָפּזונדערן זיך. דאַרפסט זיין אינאיינעם מיט חברים. מוסט
פאַרשטיין, צמח.... — — —
אַז זיי זענען אַרויס פון געצעלט, האָט זיך דערהערט אַ טויבער
קנאַל פון אַ ביקס.
— מען שיסט נישט ווייט, נחמה...
— ס'איז אין צוריה, צמח... חברים פון דאָרט האָבן געשיקט אַ
ידיעה, אַז מיר זאָלן אויף-זיין.... דער קנאַל פון ביקס איז נאָר אַ
סימן.... — — — — —
זיי האָבן געשוויגן. איינס קעגן ס'אַנדערע.... — — — — —
— וועט זיין וואַרעם... נייעס... מילא... — האָט זיך געגעצנדיק,
פון הינטער אַ צריף צוגערוקט נחמוני, דער לערער פון קבוצה, רייבנ-
דיק זיך דאָ אַן אויג, דאָ כאַפּנדיק אַ בחפזונדיקן שיבער איבער זיין
קליינעם הויקערל, וואָס האָט אים געהאַלטן אין וואַקסן אויפן ביינדע-
לע-ליס. פונקט אונטערן קאַרק.
בערל האָז, וועלכער איז אין אַזוינע פאַלן מער פאַרהאַוועט פון
אַנדערע — לויפט אַהין און צוריק מיט אַ רעש, סיי מ'דאַרף, סיי
מ'דאַרף נישט, — האָט אויך איצט, פאַרביישפּרייזנדיק מיט אַ מין וויכ-
טיקייט אויפן פנים, נישט אַדורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו צוואַרפן:
— צמח, האָסט פאַרגעסן זיך אָנצוואָפנען מיטן „מטה-אהרון"...
דיין מאַנדלשטעקן...
צמח האָט געשוויגן.
נחמוני, דאָס הויקערל, האָט חשק געהאַט צו ענטפערן. זיך אָנ-
צונעמען פאַר צמחן; האָט ער אָבער נישט געפונען דאָס פאַסיקע
וואָרט און יוצא געווען מיט אַ שיבער איבערן אַקסעלע...
בערעלע האָט געגלאַנצט מיט די אויגעלעך:
— וואָ'ע, הער פּראָפעסאָר ?..
— „שטות"! דער מאָמענט איז אַ צו ערנסטער... ווער ווייסט,

וואָס דאָרט אין צוריה טוט זיך!? — האָט ער זיך פאָרט אַרויסגע-קוועטשט, נחמוני...

— דו, חבר, וועסט אויף דיר זיכער נעמען אַ צענדליק פון אונזערע „געשוועסטער קינדער", דעם פעטער ישמעאלס אייניקלעך, האַ? וועסט ביישטיין, נחמוני?... אדוני המורה... — — —

אַ שאַרפער פייף פון אַ גרילצנדיקן פייפל האָט דורכגעשניטן די לופט. בערעלע האָז האָט אַ סוף געמאַכט, אויפגעהערט צו דערקוטשען מיט אומגעלונגענע חכמות.

דער פייף האָט זיך איבערגעחזרט. די פלאַמענדיקע שטורקאַצן האָבן אויסגעוויזן, מיטאַמאָל, ווי אויפצוציטערן אין זייער פלאַם.

ס'האָט זיך דערהערט אַ דריטער פייף און דאָס טראַטעווען פון דערנענטערדיקן רייטפערד.

אַן הרף-עין זענען אַלע אין הויף געבליבן ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער. אָבער אַז דאָס פערד איז מיט אַ ביסטרעקייט אַריבער דעם גראָבן, וואָס טיילט אָפּ דעם הויף פון אַקערפעלד, און דער רייטער איז שוין געווען געגנוג אָנזעעוודיק, האָבן אַלע אויגן זיך אָנגעצונדן און אַ דונערנדיקער „הידד! הידד, מאירל!" האָט זיך צעשאָטן פון אַלע העלדזער

האָט שוין באַלד אַן אַנדערע לופט איבערן הויף געווייעט. די שטורקאַצן האָבן שוין שפּעטער שטאַרקער געפלאַקערט, די פאַרשפּאַרטע לעמעלעך הינטערן „גדר" — לעבעדיקער געבלעקערט, און די קבוצה הינט, דער שוואַרצער „נאַבא" און דער ברוינער קודלעוואַטער „זאבדאל" האָבן זיך אויך צעלאָזן אין אַ האָפּערדיקן, הינטישן דועט.

מרים האָט אויך שוין געהאַט צוריק אַריינגעפירט טאַטע-מאַמען, ר' זיינוועלען און ביילע יענטלען, שלאָפן, וואָרום זיי זענען די גאַנצע „אומרויקע" צייט געשטאַנען מיט די טלומאָקלעך אין די הענט, מוכן ומזומן.... הכלל — אין הויף איז געוואָרן ששון וחדוההדיק! ס'איז דאָך אַ גאַסט, אַ גאָר געהויבענער געווען: מאירל גזלן איז דאָך צורייטן געקומען... מאירל גזלן אַליין!.... — — —

און אַז אַלע זענען שפּעטערצו געזעסן אַרום דעם הויכן אויפשיט, וואָס אינמיטן הויף, און מיט פלאַקער אין די אויגן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מאירל דערציילט: ווי אַזוי מ'האָט אין צוריה

געגנבעט צוויי שאָף פון דער טשערעדע און זיי פאַרטריבן אין אַ בעדווינישער סטאַדע, וואָס אַריבער די בערג; ווי אַזוי מ׳האָט אין צוריה זיך אויך געריכט אויף אַ „וואַרעמען״ אָנפאַל, און צו דעם גוטן סוף — ווי אַזוי ער, מאירל איז גראָד אָנגעריטן פון גדעוניה, זיך דערוווסט וועגן דעם געשעעניש און דעם שאָדן אָפּגעזוכט, — האָט שוין קיינער נישט געזען, ווי ביי אַ זייט איז געזעסן נחמה און אַריבער די פּלייצעס פון נחמוני דעם לערער געקוקט צו מאירלען... ווער־זשע האָט שוין געקאָנט פילן, אַז איר, נחמהן האָט אָטעם פאַרפעלט.... איז דאָך ביי איר אין די אויגן מאירל אויסגעוואַקסן צו אַ ריז, אַ גבור, אַ מוטיקן, צו אַ שמשון! האָבן זיך ביי איר אומבאַמערקטערהייט די ליפּן באַוויגן:

„מיינער! מיין מאירל! מיינער!....״ — — — — — — —

— „האָב איך זיי געזאָגט: „הערט אייך איין צו מיין וואָרט, דו שייך אַבאַ־חסאַן און איר, עלטסטע זקנים פון שבט: — אַן עולה איז געשען צו מיינע ברידער, וואָס רוען אין זייערע געצעלטן, אַ דריי שעה פאַמעלעכער גאַנג פון אייך. בין איך די צונג פון מיינע ברידער און איר דאַרפט האָרכן מיין וואָרט: אויב די שטאַל וועט נישט ווידער פול ווערן, וועט אַ לייב פון איר אַרויס און אייך אַלע פאַרצוקן! נישט זענען מיר שרעקעדיקע, נישט האָבן מיר פחד אין אונזערע הערצער. אַ סימן: — איך שטיי דאָ פאַר אייך, ס׳כלי־זיין האָב איך געלאָזן אויף יענער זייט געצעלט, — קאָנט איר דאָ מיר אָפּהאַקן מיין קאָפּ און אין דרויסן זאָל אומזיסט מיין פערד וואַרטן אויפן רייטער... מיין קאָפּ און...״ —

האָט ער אַזוי דערציילט, מאירל; כמעט געקליבן אַ וואָרט צו אַ וואָרט, וואָס איז געפאַלן ווי אַ שטיק שטאָל. האָבן זיך אַלעמענס אָרעמס אויסגעצויגן און זיך אויפגעהויבן פון זיך אַליין.

— „האָבן זיי מיר געענטפערט: — זאָל געלויבט זיין אַללאַה, אונזער גאָט, וואָס אַ חוץ אים איז נישט פאַראַן קיין גאָט...״ „דו ביזט אונזער אורח, וואַש דיינע פיס... — האָבן זיי מיר געענטפערט״ — —

און אַז ער האָט גענומען איבערגעבן די פרייד, מיט וועלכער די חברים פון צוריה האָבן אים אויפגענומען, און ער האָט זיי נאָך אויף דער שמאָלער סטעזשקע, ווו זיי זענען אים אַקעגנגעקומען, אי־

בערגעגעבן וועגן זיין איינגעגעבענעם וועג — איז דער עולם אַרום אים שיטערער געוואָרן און שיטערער, מען איז זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צעקראָכן אין די געצעלטן, טראַכטנדיק, יעדער איינער, כמעט דאָס זעלביקע: „מילא! זאָלן זיי זיך נאָר דערוועגן, ישמעאלס אייניקלעך!... זאָלן זיי!...“

און אַז זיי זענען געלעגן אויף זייערע געלעגערס, אויף די שמאָלע אייזערנע בעטלעך, האַלב שוין אין דרימל, האָט אַ שמייכל אויף זייערע פּנימער נאָך געשוועבט: „אָבער אַ כוואַט! אַ גבור ס'אַר ער איז, דער מאירל גזלן! — ווער קאָן זיך צו אים דעם גלייכן? ווער? האַ? ה.... ה...“ — — —

ווען מאירל אַליין איז אויפגעשטאַנען, זיך אַ ווייל אַרומגעקוקט אַרום דעם שוין כמעט אויסגעליידיקטן הויף, אָנגעצונדן די קורצע ליולקע און זיך פונאַנדערגעפרעגט אויף זיין פערד, אויב מען האָט אים אָנגעפוטערט, אָנגעטרונקען, און מיט אַ לייכטן גענעץ פּאַראָטן זיין מידקייט — אָ, דעמאָלט איז ביי אַן אָפענעם קליינעם צריפל, אַ געשטאַלט געשטאַנען, אַ פרויענגעשטאַלט, און געציטערט... די קני האָבן זיך געוואַקלט און אירע ליפן געציטערט:

— „און ווי אַזוי זשע וועט דאָס זיין. און איך האָב דאָך טעג אויף אים געוואַרט... איך האָב דאָך די אויגן אויסגעקוקט און בין אין בענקשאַפט אויסגעגאַנגען... ווי אַזוי זשע? אויפגייען וועט דאָך באַלד דער מאָרגנשטערן און“......

דאַן.... שלווה.... נאַכט.... נאַ-כט....

*

דער טאָג האָט גענומען גראָען.

בערל האָז, ביי וועמען מאירל גזלן איז שטענדיק אויף נאַכטלעגער איין געצעלט, האָט זיך דורכגעוועקט און מיטאַמאָל נישט געפונען זיין אורח אויפן געלעגער. ר'האָט פונאַנדערגעריסן זיינע נאָך קלעפּיקע אויגן און, באַטראַכטנדיק דאָס פוסטע בעטל, האָט ער עפּעס משונהדיק אָנגעהויבן ברומען. דאַן האָט ער זיך שוין געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, זיך געוואָרפן און מער נישט געקאָנט איינליגן. ר'האָט געפּרוּווט פאַרקוועטשן די אויגן, אַרויסנעמען די האַנט פון אונ-

טער דער וואַרעמער דעק, אָבער אַ צערייצעניש האָט זיך שוין אַריינ־געצויגן אין זיינע אברים, — כאָטש צעבייסן דאָס קישן מיט די ציי־נער! די הויט האָט אויף אים געברענט, כאָטש פון איר אַרויסצושפּרינ־גען! ר'האָט עס נישט אויסגעהאַלטן.... אַז ר'איז אַראָפּ פון געלעגער, אַרויס אין דרויסן, האָט זיך אים געוואָלט בילן, ווי אַ הונט, כּדי אַלעמען אויפצוּוועקן, צו שטערן און, בעיקר — אָנצושרעקן צוויי מענטשן... האַוו! האַוו!.. כּיר! כּיר! ה־אַ־וו־־וו...

ר'האָט אָבער נישט געבילן און נישט געפּילדערט; ר'האָט אַ לויכטנדיקע געשטאַלט דערזען:

צמח, אַ פּרימאָדגנדיק־קלאָרער. אַן איינגעוואַשענער אין קילן וואַ־סער פון באַרגקוואַל, איז אים אַקעגנגעקומען, דעם לאַנגן שטעקן אין האַנט, גייענדיק, אַ מלך, צו זיין קיניגרייך פון שעפּסן, נאָך ביי פּאַר־טאָגבלאָקייט איבערצונעמען די מלוכה...

בערל האָט אַ לענגערע ווייל געשטומט. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך זיין הינטישער כּעס איבערגעגאָסן אין אַ משונהדיקן חוזק:

— דו, צמח, דו גייסט צו דיינע שעפּסן און דאָ... כאַ־כאַ! מ'וועט דיך אַליין באַלד דאַרפן שיקן גראָז פּרעסן!.. אומזיסט דיין טרחה, שעפּס! האָט דיר דאָס געלוינט? ווו איז נחמה און ווו איז ער, דער גזלן? האַ?

צמח האָט אים איצט אָנגעקוקט מיט זיינע אויסגעוואַשענע אויגן, נאָר זיינע ליפּן האָבן זיך נישט געעפנט.... אויך פון אָרט האָט ער זיך אַזוי גיך נישט גערירט, הגם אים האָט זיך דוקא געוואָלט וואָס גיכער אַנטרונען צו ווערן פון הויף, כּדי נישט צו זען, ווי אַ טירל וועט זיך עפענען און עמיצער וועט פון קליינעם צריפל אַרויס: ער, ער, מאירל גזלן וועט אַרויס, מיט אַ שמייכל פון צעפרידנקייט און נאָך באַנאַכטיקן תענוג אויפן פּנים... — — —

בערל האָט איז דערווייל צוריק אַריין צו זיך אין געצעלט, כּדי אויף־גיך אַרויפצושלעפּן אַ פּאָר הויזן...

אז ער איז שפּעטער צוריק אַרויסגעקומען האָט ער שוין צמחן נישט געטראָפן. האָט ער זיך אויף די שפּיצפינגער צוגעשאַרט צום צריפל, צוגעשטעלט אַן אויגל צום לאָדן, אָבער, ווי אַ בייזע פליג וואָלט אים אַ שטאָך געטון, אַזוי איז ער אָפּגעשפּרונגען... באַלד האָט

ער דערפילט, אַז דאָס האַרץ גייט אים אַראָפּ און אַרויף. ער האָט איינגעצויגן דעם אָטעם, צוגעלעגט אַן אויער און זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּאַרט, ווי אַ רויך וואָלט פון זיי געזעצט... — —

און אינעווייניק:

צוויי שוואַרצע, האָריקע הענט האָבן אַרומגענומען אַ מיידלישן האַלז, ווי צוויי אייזערנע צוואַנגען:

— הערסט, נחמה, מאירל גזלן קאָן דריקן, שטאַרק דריקן און די נשמה אַרויסדריקן. מאירל גזלן — אָהאָ! דו זעסט מיינע צוואַנגען?— און מיינע ציינער, עך! זיי קאָנען צערייסן אינמיטן העלן, ברענענ־דיקן טאָג. וויל ער, מאירל, קאָן ער דיך צעבייסן, אַזוי ווי אַ קרויט.

אַ טעמפּער געלעכטער האָט זיך, ווי אַ ברום, געקאַטשעט אין זיין פאַרויכערטן גאָרגל.

און זי, נחמה, האָט טיפער איינגענורעט איר קאָפּ אין זיין אָנ־געוואַקסענער ברוסט און געכליפּעט:

— זאָלסטו נאָר קומען... זאָלסטו מיך נאָר נעמען... איך קאָן נישט וואַרטן לאַנג... איך גיי אויס... מיר פעלט דיין כוח... דריק מיך!.. דער מאָרגנשטערן ווערט שוין בלאַסער, דריק מיך שטאַרקער, שטאַר־קער... שטאַרקער שטאַרקער שטאַר...ק...ע...

בערל האָז איז געוואָרן ווילד, ווי אַ טיגער, דאָס בלוט איז אים אין קאָפּ אַריין געקומען, און אַ חשק פון אַ צערייצטן מטורף האָט אים באַוועלטיקט אַ זעץ צו טון מיט אַ פויסט אין לאָדן, ער זאָל זיך צעפליען אין שפּענער...

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַן אויסגעצויגענער פּיפּס, און פון הינטערן „גדר" אַפער האָט זיך אַרויסגעשאָטן אַ סטאַדע שעפּסן, ווי אַ שוואַרצע כוואַליע, צווישן זיי אין ווייסן העמד, דעם לאַנגן שטעקן אין האַנט, האָט געשפּריזט צמח, זייער פאַרשלאָסענער פאַסטוך און שטאָלצער קעניג...

בערל האָז האָט זיך פאַרשעמט, אַוועקגעשאַרט פון צריפל און אַריין אין דער גרויסער עסשטוב, וואָס האָט איצט געפּוסטעוועט, אַ גראָע, און געקוקט מיט אָפענע לאָדנס אין דרויסן אַרויס.

דאָ אינעווייניק האָט אים אַ להכעיס־פרייד גענומען וואַרעמען:

אָט, די ווענט וועלן עפּעס הילכן היינט פון געלעכטער, אַז ער וועט נעמען שיטן מיט חכמהלעך, שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון דער נאַכט, אויפן חשבון פון דיביידע... — — —

— בערל!

אויף בערלס ליפּן איז אַרויס אַ שוים.

— בערל!

אויף דער שוועל איז געשטאַנען צמח.

ער האָט געקוקט אויף בערלען און אַ שטרענגקייט פון אַ האַר איז געווען אין זיין בליק. אָבער נאָך קאַלטער ווי זיין בליק איז געווען זיין וואָרט:

— הערסט, בערל, וועסט שווייגן?... דו וועסט אַ וואָרט נישט רעדן... איך זאָג! אַזוי דאַרף זיין, דו הערסט?

ער האָט פאַרשאַרט אַ קרויז, וואָס איז אים געפאַלן איבער דער שלייף, ביים אויג, און אַוועקגעשוועבט לייכט, גלייך געטראָגן אויף פליגלען. —

„אַזוי דאַרף זיין, הערסטו״?...

די לעצטע ווערטער צמחס האָבן זיך איבערגעחזרט, ווי פון זיך אַליין, און זענען געבליבן הענגען אין דער פרימאָרגנלופט, ווי אַ מאָד־נער סוף פון אַ מעשה...

בערל האָז איז געשטאַנען, ווי געפּלעפט, אין מיטן פוסטן צריף און זיינע ליפּן האָבן אַלץ געשוימט, ווי ווייסע פּיאַנע:

— ווייס זיי אַ שד אַ־עמען!... ווייס זיי!...

דער מאָרגנשטערן האָט זיך געבלייכט...

דין! דין! דלין!

דין! דלין! „שטייט אויף! אַרבעטן! אַרבעטן!״

דער פאַרשלאָפענער שומר האָט זיך דערמאָנט צו שלאָגן אָן אייזן: דין! דלין! דין!

II

אין יוספיה איז די אַרבעט געווען אין פֿולן ברען

מען האָט זיך געאײַלט מיטן דרעשען, כּדי נאָך פֿאַרן ערשטן רעגן צו פֿילן דאָס ברויט אין די זעק. זענען דעריבער כּמעט אַלע געווען בײַ דער דרעשמאַשין. אָבער די איבערגעבליבענע אין הויף זענען מיט פֿאַרלעגטע הענט אויך נישט געזעסן. דאָס דריטע גרינצײַג האָט געצײַטיקט אין גאָרטן. הײַנט זענען צוויי קי אין שטאַל קעלביק געווען, און צוויי חברטעס האָבן זיך מיט זיי מטפּל געווען גאַנצע טעג. אויך די עופֿות, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום זייערע געבויעטע באַקוועמע שטייגן, האָבן באַקומען זייער אייגנס אַ באַזונדערע קאָרמערקע. איז שוין גאָר קיין צײַט נישט געווען, אַפֿילו אַ בליק צו וואַרפֿן און צו זען, וואָס עס טוט זיך אַרום. מיט דער טאָג־גראָקייט איז מען אויפֿגעשטאַנען, כּדי צו קאָנען, נאָך אַ היבש שטיק צײַט אַרבעטן אין דער קיל, אָבער די גאָר ברענענדיקע הייסע מיטאָגשעהן איז מען אויך נישט פֿאַרשלאָפֿן. בחפֿזונדיק האָט מען די וואַרעמעסן געגעסן און זיך געאײַלט צו די סטערטעס. ווער זשע האָט דען געקאָנט וויסן, וואָס אין די פּוסטע געצעלטן טוט זיך? האָט מען אויך נישט געקאָנט באַמערקן, צי עמעץ פֿעלט בײַ דער אַרבעט, צי גאָר אַ פֿרעמדער אורח שטעלט אונטער אַ פּלייצע, אָדער אַ פּאָר געזונטע הענט. האָט מען אויך ווייניק אַכט געגעבן דערויף, וואָס עס מאַכן די עטלעכע אָנגעקומענע אורחים פֿון תּל־אביב און אַנדערע מקומות, וואָס

געפינען זיך שוין דאָ עטלעכע טעג. ווען־מען איז דען דעם גאַנצן טאָג איינגעפאַלן וועגן זיי נאָכפרעגן? — געקומען, געווען און אַוועקגע־פאָרן...

איז דאָך בכן קיין חדוש נישט, אַז צו מאירל גזלן האָט מען זיך שוין אויך ווייניק־וואָס צוגעקוקט, הגם אָנגעלעגט איז ער שטענדיק און גאָר־גאָר חשוב, ווילאַנג ער זאָל אַליין נישט זיין אין געסט. פאַר־קערט: וואָלט ער נאָר בלייבן אַ צייט; אָבער, ווי געזאָגט, צייט איז נישט געווען וועגן דעם צו קלערן. מיטן מאָרגנטוי אויפגעשטאַנען און אין אָוונט איז מען, פאַרמאַטערטע, צוגעפאַלן צו די געצעלטן. אַלע מידע, מיט אַ גענעץ פון צעפּאַרעטע, צעיושעטע אברים, וואָס שלעפן זיך מיט אַן איינגעשלעפערטקייט און אַ וויגנדיקן דרימל. — —

ציען זיך אַזוי טעג נאָך טעג.

האָט מען אויך נישט געזען, אַז ביי צמחן ווערן טיפער און טיפער די אויגן, און דורכזיכטיקער ווערט די הויט אויף זיין פּנים, כאָטש די זון ברוינט אים. און אויב מען האָט געזען, אַז זיין פּנים איז נישט ווי ביי געוויינלעכע מענטשן, האָט יעדער געוווּסט: ער לעבט דאָך אָפּ די טעג מיט גאָרנישט, מיט וואַסער און פּירות, מיט אַ רויען געוויקס...

אָבער ער, צמח אַליין, האָט עס יאָ געוווּסט, אַז זיין פּנים גרינט זיך, ווי אַן אתרוג: נעכטן האָט ער זיך אין קוואַל אָנגעשפּיגלט...

און אַז ער איז היינט ווידער צוגעקומען צום קוואַל, איז ביי אים אַ געדאַנק געבוירן געוואָרן: עס בליט אודאי אויך אין האַרצן...

און אַז ער איז פון קוואַל אַוועק און זיך צו זיין טשערעדע אומגעקערט, אַדורכגעקוקט די שאָף, געגלעט די וואָל אויף זייערע בייכלעך, איז אים נאָגעדיק געוואָרן ביז טרערן. און אַז ער האָט, פאַר־זשמורענדיק די אויגן, אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם און גע־וואָלט דאָס פייפל אַרויסנעמען, האָט אים פּלוצלינג אַ שווערע האַנט פון הינטן אין רוקן געקלאַפּט:

— דו דרימלסט, קאַנגער?

צמח האָט דערפילט אַ הייסן ברי פון קאָפּ ביז פיס: — נעבן אים איז געשטאַנען מאירל גזלן, דער גרויסער, שטרויענער קאַפּעליוש

פּאַרוקט כּמעט איבערן גאַנצן פּנים, בלויז די ליולקע האָט זיך אַרויס־געזען, ווי זי שטעקט צווישן די ציין...

— דו דרימלסט? און דאָ קאָן דיר אַ שאָף זיך אַוועקלעגן פון ספּעקע, אָדער קאָן דיר ערגעץ אַ שעפּס צווישן די סקאַלעס אַנטרינען אויף לעולם ועד!

— איך האַלט נאָר צו די אויגן.

— דו שרעקסט זיך פּאַר זון, יה־חביבי? ביזט אַ שרעקעדיקער פּאַר פייער? עך, יה־חביבי!...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן צמחן, זיך אויסגעצויגן אין דער לענג און,ביידע אָרעמס אונטערן נאַקן, האָט ער זיך איינגעקוקט אין בלויען טיפן הימל.

אַ היבשע ווייל האָבן זיי געשוויגן.

מאירל גזלן האָט געהאַלטן אַלץ די ליולקע צווישן די ציין, כאָטש זי איז געווען אויסגעלאָשן, און ביי צמחן האָט זיך זיין פייפל פון האַנט אַרויסגעגליטשט. — —

זו... ז... זו... ז... זו... זו... האָבן נאָר גרינע גרויסע פליגן גע־זשומעט, און צווישן די סקאַלעס, ווייט־ווייט, האָט אַ שמאָלער וואַדי געהילכט, וואָס זיין לייכטער רוישן האָט זיך ביז אַהער פּאַרקליבן, און פון צייט צו צייט איבערגעריסן די שלוה פון ברענענדיקן טאָג.

אַ היבשע ווייל האָבן ביידע געשוויגן. ביידע האָבן געקלערט. און גאָר־גאָר ענלעכע זענען אויך ביידנס טראַכטונגען געווען. ס'האָט נאָר בלויז אַ דינער פּאָדעם געפעלט, זיי צו פּאַרקניפּן. האָט מען געשוויגן און ווייטער געטראַכט.

איז אָבער פון ערגעץ־ווו אַ בעדווינער אויסגעוואַקסן: אַ שוואַר־צער, אָפּגעקוילטער, מיט אַ צעריסענעם, לאַנגן העמד אויפן אויסגע־מאַרכעוועטן לייב און דעם קאָפּ מיט אַ שמאַטע פּאַרוויקלט. אַז ער האָט דערזען, די צוויי בחורים האָט אַ פייערל פון פּחד זיך אָנגעצונדן אין זיינע שוואַרצע אויגן, און די ליפּן האָבן זיך נישט־זיכער פונאַנ־דערגעריסן:

— סאַידאַ!

צוויי שורות געזונטע, ווייסע ציין, האָבן ביי אים פון מויל אַרויסגעווייסלט.

צמח און מאירל האָבן ביידע מיטאַמאָל אויסגעדרייט די קעפּ.

— סאַ־י־דאַ! — האָט דער אָפּגעשליסענער גאַסט נאָכאַמאָל אַרויס־געשטאַמלט, און בעת מעשה האָט אים אַזש גענומען שווינדלען אַן אויג, צוליבן נישט קאָנען כאַטש איין־און־איינציקן קוק טון אויף גאָטס שעפּעלעך, וואָס היפּן אַרום אַזוי לוסטיק און פריי...

מאירל גזלן האָט זיך אויפגעהויבן, פאַריכט דעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און צוגעשאַרט צום גאַסט:

— פון וואַנען און וואָס וויל אַן אורח?

— זאָל אַללאַהס ברכה אויף אייך רוען, אויף אייערע אברים און אויף אייערע שעפּסעלעך, וואָס פּאַשען זיך דאָ אונטער אייער וואַכע־דיקייט... אוי שעפּסעלעך!... וואָס פאַר פּאַכיקע וואָל ביי זיי!...

אָבער מאירלס פאַרזשמורעטע אויגן האָבן דערקענט, ווי דעם „בענטשערס״ פינגער ציען זיך אַזש אויס, ווי גומילאַסטיק...

— איך פרעג דיך דאָך, וואָס וויל אַן אורח?

— פאַרבלאָנדזעט, חאַוואַדזשא... פאַרבלאָנדזעט...

— אמת?

— אמת, האַר, אמת...

אין דער רגע אָבער האָט מאירלס האַנט געשטעקט ביים בעד־ווינער אין בוזעם און אַרויסגעצויגן אַ לעדיקן זאַק מיט אַ שער.

— און דאָס וואָס איז?

ביים בעדווינער זענען די אויגן איבערגעגאַנגען.

— און דאָס וואָס איז?... פאַרבלאָנדזעט?...

— איך, חאַוואַדזשאַ...

— יאַללאַ רוק! — האָט מאירל אַ ברום געטון, אַז ביים אורח האָבן זיך אַזש די קני איינגעבויגן — איך ווייס דען נישט, דו פאַר־שאָלטענער, דו קינד פון טויט, וואָס דו זוכסט דאָ? זאָל זיך דער הויך פון דיין פאַרפעסטעטן מויל נישט צעטראָגן דאָ! יאַללאַ רוק!

— אָבער, חאַוואַדזשאַ, איך בין נישט מיט קיין זינדיקע געדאַנ־קען, איך זוך אַ וועג אַ בלויז...

— רוק, רוק! — האָט שוין מאירל צאָרנדיק געברומט און זיינע פויסטן האָבן געציטערט — אָט, דאָ אַרום, כּלב, האָסטו אַ סטעזשקע צו דיינע נאָרעס און פאַרשווינד!

— זאָל אללאה דיך בענטשן — האָט דער בעדוינער געשטאַמלט און הינטערווילעכץ זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן ביז זיין געביין איז מיט־אַמאָל אַהינגעקומען.

מאירל האָט אים באַגלייט מיט זיינע בליקן, און אַז יענער איז שוין נישט אָנזעעוודיק געווען, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ בייטל טי־טין, אָנגעשטאָפּט פאַר׳סניי די ליולקע און פאַרויכערט. —

דאַן איז מען שוין ווייטער געלעגן און געשוויגן.

נאָר צמח האָט נישט געקאָנט די אויגנלעפּלעך פאַרמאַכן. שווער איז אים געווען דאָס שווייגן, און נאָך שווערער די נישט קלאָרקייט, וואָס האָט געהאָנגען פאַר אים און באַאומרויקט. האָבנדיק ביי דער זייט מאירלען, פילנדיק זיין אָטעם אַזוי נאָענט, האָט ער אַ צאַפּל געטון, אַזוי ווי איינער, וואָס שרעקט זיך אָט־אָט דערוועקט צו ווערן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כחות, אַרויסצובאַקומען אַ וואָרט פון דעם פאַרשטיקטן שלונג:

— מאירל...

— נו...

— דו... דו האָסט אים אומזיסט אָנגעשראָקן... דו האָסט אים, דעם בעדוינער...

איז צמחן באמת נאָר וועגן דעם איצט געגאַנגען? — —

— מאירל....

— עך, יה־חביבי, וואָס דו ווייסט! איך וואָלט אָט דעם הונט אפילו מוכן געווען אָפּצורוימען! אַנדערש וועסטו פון זיי נישט פּטור ווערן! איך קען שוין דעם עולם; צייט, יה־חביבי, זיי צו קענען... קוים כאַפּסטו אים נישט פאַרן גאָרגל, טוט ער דיר נאָך ערגער...

— אָבער ער איז דאָך גאָרנישט אויסן געווען איצט....

— כאַ־כאַ־כאַ!...

מאירלס פאַרויכערטער געלעכטער האָט זיך טעמפּ אָפּגעשלאָגן אָן די קעגנאיבערדיקע פעלזן.

—מאירל....

מאירל האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל:

— אָבער וואָס מייקעסטו?

— איך....

צמחן איז שווער געווען אַ פרעג צו טון, פּלוצלינג, איינעם אַ מענטשן, צוליב וואָס ער שלעפּט זיך דאָ אַרום אין געסט?... „צו־ליב וואָס ער גייט... צו נחמהן?" ער האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז ס'וואָלט ווי אַ פייער אויסגעבראָכן, ווען ער וואָלט פּלוצלינג אַרויסגע־פאָרן: „מאירל, זאָטל דיין פערד און פאַרשווינד!" און אפשר וואָלט ער גאָר אַרויסגערופן דערמיט אַ חוזק, אַ געלעכטער, וואָרעם עס קלינגט דאָך, ווי אַ נאַריש וואַגעניש פון אַ יינגל קעגן.... נו, קעגן אַ ריז!....

מאירל וואָלט זיך געקוילערט פאַר געלעכטער און מיט אים אַלע, אַלע... „וואָס אַ מאָדנע באַשעפעניש פאַלט איין!" — — —

— נו, האָסט דאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, צמח?.. דו שלאָפסט אפנים און פּלאַפּלסט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— איך... אַ רחמנות אויפן בעדוינער...

— אָהאָ! כע־כע־כע! — האָט עס ווידער געפּייקלט אין מאירלס פאַרויכערטן גאָרגל.

צמח האָט טיפער צוגעקוועטשט זיינע אויגן. ר'האָט פאַרשטאַנען, ווי ווייט באַנאַרישט ער האָט זיך.

— דו האָסט, יה־חביבי, עפּעס אַנדערש געוואָלט פרעגן... איז דיר מסתמא טרוקן געוואָרן אויף גומען און צונג... מילא!.... מילא... אָבער, ווי מיינסטו, איז נאָך ווייט צום ערשטן שטערן? אפשר איז נאָך כדאי, אַריינצופאַלן היינט אויף אַ פאָר שעה אין צוריה?

ער האָט זיך אָנגערוקט דעם ברייטן קאַפּעליוש איבער די אויגן, ווי מוכן ומזומן זיך אויפצוהויבן, איינשפּאַנען די פּיס, איינגעפּאַסטע אין אַ פּאָר שמאָלע, גלאַנציקע שטיוול, און אַריינשפּאַנען אין צוריה צו דער חברה.

— הייסט עס, מ'דאַרף טאַקע אַ קוק טון, וואָס עולם טוט דאָרט, האַ? אפשר ווער פון אַלטע, באַקאַנטע יאַטן דאָרט דאָ און ס'וועט אַוועק אַ שמועס, אָהאָ! קאָן זיין, משהל פלח מיט אהרון ראובעלען האָט עס אַהין פאַרטראָגן. ווי־זשע מיינסטו, צמח, האַ?

— ווי דו ווילסט...

אין אמתן האָט צמחן אָנגענומען אַ חשק, אַריינצושרייען מאירלען אויפן גאַנצן האַלז: „יאָ, יאָ, גיי! גיי און קום קיינמאָל נישט צוריק!"

אָבער, אַז מאירל האָט אים אָנגעוויזן מיט אַ שמייכל, אַז זיין פּייפל ליגט אויף דער ערד, און די שעפסן וועלן באַלד אַ נגון פון אים מאַנען, האָט צמחן אַזש אָנגעהויבן טרוקענען אין גומען...

מאירל האָט זיך אויפגעהויבן, איינגעצויגן דעם לעדערנעם פּאַסעק אַרום די פלושענע הויזן און צורעכטגעמאַכט דאָס בלויזע, צעכראַסטעטע העמד, וואָס ר'האָט אויף זיך געהאַט. איז אָבער נישט־ווילנדיק זיין בליק געפאַלן אויף צמחן און ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז אַ טיפער צער רעדט פון זיין פּנים אַראָפּ. און ווי שמאָל ער איז נישט, מאירל, אין באַנעמען, איז אים דאָך קלאָר געוואָרן, אַז צמחן מוז ווי טון, שטאַרק ווי טון. ער האָט דערפילט, אַז דער האַלבער הוזק איז נישט גלייך געווען און אַז ס'איז אפשר מער רעכט צוצוגיין צו צמחן און זאָגן פּראָסט און גוטברודעריש: „איך ווייס, ברודער צמח, אַלץ, פאַר מיר איז גאָרנישט פאַרהוילן... נחמה האָט מיר אַלץ געזאָגט... זי איז געלעגן אַמאָל אין אַ נאַכט, דעם קאָפּ אויף מיין האָריקער ברוסט און דערציילט... וואָס זשע, ברודער צמח, אַז זי, נחמה, וויל נישט... זי וויל נישט דעם מלך פון די שעפסן, זי וויל נאָר מאירל גזלן... ווייס־זשע, ברודער, אַז אַזוי איז... צוואָס־זשע זאָלסטו טראָגן צער אין דיין האַרץ און אַן אומזיסטיקן רוגז אויף מיר... גיב ליבער די האַנט און לאָמיר זיין שלום... גיב, ברודער, די האַנט און כאַלאַס! `

אָבער צמח הויבט זיך פּלוצלינג אויף פון אָרט, שאַרט זיך צו צו מאירלען און מיט זיינע מילדע, בלאָע אויגן שניידט ער זיך אַריין אין זיין צורה:

— גיי נישט, מאירל, היינט קיין צוריה... עמיצן וועט אומעטיק ווערן... מען וועט... נישט וויסן וווהין דו ביזט אַוועק און די שעהן וועלן זיך ציען לאַנג, ביז דו וועסט צוריקקומען פון דאָרטן... גיי נישט...

מאירל האָט זיך פאַרלוירן. ר'האָט שוין גאָר נישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט זיך געשעמט צו פאַלן צמחן אויפן האַלז און קושן, נאָר ברומענדיק, „נו גוט, ביזט גערעכט!" האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט און געדרייט מיט דער אויסגעלאָשענער ליולקע.

שפּעטער איז שוין ביידען היימלעכער געווען. מאירל האָט אויפ-

געהויבן דאָס פּייפל, געבעטן צמחן צו שפּילן און צמח האָט געפאָלגט. דאָ האָט צמח מכבד געווען מאירלען מיט „אבטיחים” און טרויבן, און ביידע האָבן געגעסן.

און אַז מאירל האָט אַרומגעווישט מיטן אַרבל זיינע מוילווינקלען, נאַסע פון דער זאַפט, האָט ער מיט אַ צופרידנקייט צוגעגעבן: גוטע טרויבן. באמת גוטע. די ערשטע טרויבן אייערע פון יוספּיה, האַ? אַ גוטע זאַפט. ווייסט, זיי וועלן אפילו אין אַ יאָר, צוויי, שוין קאָנען גיין אויפן מאַרק.

דאָ האָט ער גענומען אַוועקלעגן אַ שטיק מבינות אויף טרויבן. ער, מאירל, האָט דאָך שוין עפּעס פלאַץ געהאַט, זיך אַריינצואַרבעטן אויף אַ טרויבנפאַכמאַן. איז ער דאָך שוין נאָך מיט פופצן, זעכצן יאָר צוריק געווען אַ שומר אין די כרמים פון פּתח תקוה, ראשון לציון, זכרון יעקב און אַ היטער אין די פּרדסים. און אַז ער האָט דערמאָנט, מאירל, די פאַרשידענע ערטער, די אַלע יידישע קאָלאָניעס, אין וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען זיך אויפצוהאַלטן, האָט ער שוין נישט געזשאַלעוועט אַריינצוברעקן נישט איין איבערגעטריבענע מעשה, נישט איין וווּנדערלעכע דערציילונג וועגן זיינע גלגולים, וועגן זיין סאָרט לעבן אין הייליקן לאַנד אין משך פון קאַרגע צוויי צענדליק יאָר.

אָבער ווי איבערגעטריבן אַלץ האָט נישט געזאָלט קלינגען איז דאָך אַ סך, אַ סך אמת אין דעם געווען: איז ער דאָך נישט פון איין געלן קדחת אויפגעקומען, פון נישט איין מין ווונדן און מכות אויסגעהיילט געוואָרן און נישט איין יאָר הונגער אויסגעהאַלטן און איינגעהאַרטעוועט געוואָרן. ער, מאירל גזלן, איז דאָך אַריבערגעקומען פון רוסלאַנד נאָך אַ יונגער, געזונטער אַכצניעריקער בחור? און היינט איז ער אַן אָפּגעקוילטער, שוואַרצער, האַלבווילדער מאַנסביל מיט אַן אויסגעקראָכענעם קאָפּ און אַ כמעט אויסגעליידיקטן מויל. און אַז קדחת און הונגער, — האָט אויך נישט געפעלט דאָס איבריקע, וואָס מאַכט אַ מענטשן האַרט און, צומאָלס, טעמפּ.

האָט טאַקע דערפאַר נישט איינמאָל זיך אַזוי געוואָרפן אין אויג דאָס תקיפות און דער שטעל זיינער קעגן אַנדערע, קעגן שוואַכערע, דער בטול און חוזק צו גרינע, צו חלוצים. אָבער ביי דעם אַלעמען האָט ער תמיד פאַראָטן זיין גרויסע ליבע און וואַרעמע געפילן צו די

צוצאַקעס, די שנעקעס. יוגנטלעכע פריילעכקייט און שטיפערישקייט האָט אים אויך נישט געפעלט, אפילו ביז צום פאַרלירן זיך.

איז טאַקע אַ וואַרע, אַז דער „עתיק״ שטאָלט נאָך היינט אָן זיינע פּאָדקאָוועס, פאַרציט אַן אויג און גייט אַוועק אַ רקוד:

„למה, למה, למה,

זאָגט זשע, קינדער, למה!..״ — — —

ווערט אָפּט טאַקע הייסער און לעבעדיקער, פרייער און זיכע־רער, אַז מאירל פאַלט אַראָפּ ערגעץ אויף אַ שמחה, ווערט בגלופין און פאַרקריכט אין די עולמות... שטייען דעמאָלט יונגע בחורמלעך, ערשט דעם טאַטנס טיש פאַרלאָזן, פון די גימנאַזיע־בענק אַראָפּ, אָדער פון די ישיבות אַוועק און פינקלען מיט די אויגן: „אָט אַזוי... אַמאָל האָט מען אַנדערש געטאַנצט... געווען אַנדערע חברה... געווען אַמאָל...״

געווען אַמאָל, געווען... איז ער, מאירל, טאַקע איינער פון די געציילטע איבערגעבליבענע יחידים, פון דער פאַרגאַנגענער, ראָמאַנטי־שער תקופה אין לאַנד. איז ער איינער פון יענע, וואָס שלעפּן זיך נאָך אַרום אַמאָל אויף אַ פערד, דעם קאָפּ מיט אַ „קאָפיע״ באַדעקט, אַ ביקס אויפן אַקסל און שרייען אַריין אין דער נאַכט. איז ער איי־נער, נאָך איינער פון יענע, וואָס עסן אַלץ נאָך קיין אייגן ברויט נישט און זענען אייביקע געסט. אורחים פון דאָרף צו דאָרף, פון קבוצה צו קבוצה און האָבן פאַרגעסן, אַז ערגעץ הינטער די בערג האָט דאָס לאַנד אַן אַנדער פּנים באַקומען; אַז אַלץ איז אַזוי איבער־געאַנדערשט, נישט צו דערקענען, ווי נישט צו דערקענען זענען די זאַמדן, אויף וועלכע אַ בייע שטאָט איז אויסגעוואַקסן, ווי אונטער אַ כשוף־שטעקעלע, — די זאַמדן, אויף וועלכע שאַקאַלן פלעגן אין גאַנצע מחנות זייער געהויל הערן מאַכן און ווו זעלטן אַ מענטשלעכער פוס האָט ווען אַ סמן צוריקגעלאָזן.

איז ער נאָך איינער פון יענע געציילטע יחידים, וואָס ווייסן נישט, אַז אין דער נייער שטאָט, אין דער „פרילינגסשטאָט״ פון היי־ליקן לאַנד זענען שוין פאַראַן אַזוינע הייזער, ווו „נישט־מאָדערן־טענ־צער גייען... יאַללאַ, אַהיים!״ איז ער נאָך איינער פון יענע. — —

וואָרעם צעזייט און צעשפרייט איז די אַלטע חברה: ווער אַ מיושבדיקער פויער אויז ווער אַ בעל הבית פון ווייגערטנער און

מאַראַנצנסעדער; ווער אַ תּושב אין שטאָט, „אַ ייד, אַ סוחר״, און ווער אַ מעקלער פון „פלעצער״ פאַר פוילישע יידן. ווער אַ פעטגעוואָרענער „פקיד״ אין „לשכּת עליה״ און ווער גאָר אַ בעל דרשן, וואָס קלאַפּט איבער דער וועלט מיט די פּושקעס פאַר „בנין הארץ״ און אַנדערע שיינע בנינים... צעזייט און צעשפּרייט איז די חבֿרה און ערגעץ זענען בלויז בילדער פאַראַן און איינציקע בלעטער אין אַ ספר-הזכרונות, וואָס דערציילט, אין אַ שטאַמלדיקן לשון, וועגן פאַרגאַנגענע יאָרן פון העלדישקייט אויף חרובֿער ערד.... איז מאירל נאָך איינער פון די געציילטע, איבערגעבליבענע, וואָס גייען אַרום ווי אַ מין לעבעדיקע מצבֿה אויף פּיס און רעדן שטום: „זע מיין הויט, זע מיין קאָפּ, און דערקען מיך״...

ליגט דעריבער צמח אַ שווייגנדיקער, פאַרגעסן אָן זיין מלוכה פון לעמעלעך און הערט זיך איין צו אַלץ, צו יעדן וואָרט, וואָס מאירל דערציילט. הערט ער זיך איין, צמח, און ביסלעכווייז פאַרשווינדן זיינע תּרעומותן צו אים און שפּלדיק ווערט ער ביי זיך. די חלומות זיינע, די יאָרן און מעשׂים ווערן ביי אים, אין די אייגענע אויגן, קאַרליקעוואַטע-קליינטשיקע אַקעגן די ריזיקע געראַנגלען, וועלכע ווערן איבערדערציילט מיט אַ מין שמאָגן שמייכל, און יעדעס וואָרט ווערט פאַרוועבט מיט אַ וואָלקן רויך פון ליולקע, וואָס מאירל האַלט צווישן די ציין.

און אַז מאירל דערמאָנט פלוצלינג די נאָך נישט פאַרגעסענע, ייִנגסטע געשעענישן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך קבֿרים, הײַנט שוין פאַרוואַקסענע מיט גרינגראָז, און עטלעכע שורות אויף שטיינערנע טאָוולען; אַז ער גייט איבער צו יענע טעג, וואָס דערמאָנענדיק זיך אָן זיי, מוז מען גיך, אין איין אָטעם אָפּכאַפּן: „יוסף חיים ברענער.... יוסף טרומפּעלדאָר.... דרום און צפֿון....״ — האָט צמח זיין האַנט אויפן האַרץ געלעגט און שטיל געשעפּטשעט:

— איך האָב דאָך דעמאָלט אין שאַנטאַנען געזונגען... אין רוי שיקן, קאָכעדיקן פאַריז...

— ווו האָסטו געזונגען?

צמחן איז געפאַלן אַ קרויז אויפן פּנים:

— אין אַ שאַנטאַן, ווו מיידלעך גייען האַלבנאַקעט און פאַר-

שפרייטן אַרום זיך אַ האַרבן ריח פון איינגעזאַלבטע לייבער...

— און איך בין דעמאָלט אין תל־חי געווען... היינט פאַראַן אַ בערגעלע אין מיטן וועג... אַ בערגעלע צווישן דאָרף גלעדי און תל־חי...

מאירל איז אַנטשוויגן געוואָרן. די לילקע איז אויסגעגאַנגען. קיין פרישע האָט ער נישט אָנגעשטאָפּט. מיט אַמאָל האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט נאָך האָט קיין וואַרעמעס נישט געגעסן און זיך אויפ־געהויבן מיט אַ געלעכטער:

— הערסטו, לאַנגער, נעבן דיר קאָן מען פאַרגעסן, אַז אַ מענטש האָט אַ מאָגן און, אז מען דאַרף אין חומר אַריין לעגן. אַ מאָדנע באַ־שעפעניש ביסטו, — אַמאָל האָסטו געזונגען אין הייזער, ווו מיידן שפּאַצירן אין דער באָבע חוהס בגדים, און היינט פרעסטו רויע קרויט און פּאַשעסט שעפעלעך! אַ מאָדנע באַשעפעניש, אָבער.. מאַלעש! מאַלעש! יה־חביבי, דו דראַפּעסט זיך אין הימל אַריין. אונזער מאַמע־ערד איז סיי־ווי מאָגער און לחם גיט זי קאַרג... מאַלעש, יה־חביבי.....

— — — — — — — — —

די זון האָט שוין אָנגעהויבן פּאַמעלעך פאַרלאָזן איר אויבן־אָן און זיך ציען אומבאַמערקטערהייט נענטער קיין מערב. איז דינער און לייכטער געוואָרן די אָנגעגליטע לופט, און אַן אָנזאָג אויף אַן אָפּפרי־שונג האָט זיך געלאָזט פילן. קילער און קילער.

אין הויף האָט עס שוין געהאַלטן נאָכן בחפזונדיקן מאָלצייט און עולם האָט זיך צוריקגעאיילט צו דער אַרבעט. מ׳האָט נישט מאריך געווען בסעודה און אויך נישט געפילדערט, ווי צומאָלס אין די אָוונטן. געיאָגט זיך.

אָבער עמעץ האָט עפּעס יאָ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט: און ווו־זשע איז מאירל, מען זעט אים עפּעס נישט? ערגעץ נעלם געוואָרן... דערויף האָט עמעץ אַ צווייטער, וואַרפנדיק אַ בליק אויף נחמהן, וועל־כע איז געזעסן ביי דער וואַנט אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק, אַ שמייכל געטון: אודאי זיך אים צוגעגעסן די מאכלים, די זיסע שפּייז, מיט וועלכע מען האָדעוועט אים דאָ... אָבער קיין סך האָט מען פון דער דאָזיקער חכמה נישט געלאַכט.

צלך אין איילעניש, פאַרהאַוועט.

אפילו ר׳ זיינוועלע, זיצנדיק אויף זיין באַשטענדיקן אָרט, האָט אויך געמאַכט בקצור, גלייך ער וואָלט איצט, ווי אַמאָל אין די גוטע יאָרן, ביי זיך אין באַליגראַד, שמייען אויפן מאַרק. און ביילע יענטל, קוקנדיק צום אַנדערן עק טיש, אויף „אירן", האָט אויך גיך אָפּגע־טרעסעט דעם פּאָדאָליק און צענויפגענומען אין ושמעניע אַ ביסל קרושקעס: פאַר די הינדעלעך, טייערע הינדעלעך, צעפּיאָניקלעך.... און פאַרגעסנדיק זיך האָט זי צוגערופן: טיו, טיו, טיו, טיו, ציפּ, ציפּ, ציפּ... ציפּ!..

זי האָט טאַקע היינט נישט געוואַרט ביז זיינוועלע וועט פאַר־טיק ווערן מיטן בענטשן, ביז ער וועט זיך מיישב זיין, דורך וועלכער טיר אַרויסצוגיין. מיט צעפּינטלטע אויגן פון היץ האָט זי זיך אַרויס־געשאַרט פון עסשטוב און פאַרקירעוועט גלייך צו די הינערשטייגן. איז אפילו נישט געווען, ווער ס׳זאָל זיך אָפּוווּנדערן פון דער „באָבע־שיס" צוגעבונדנקייט צו די עופות, וואָרעם חברה האָט איצט צו טון געהאַט ביז איבערן קאָפּ. אַ טייל האָבן געפּלעוועט, אַ טייל געפּולט אין די זעק אַריין און די איבעריקע זענען געווען פאַרטון מיטן מיס־טיקן פאַר ס׳ניי דאָס קליינע שטיקל ווייצפעלד. עס איז דאָך שוין באַלד נישט ווייט צום ערשטן פרירעגן, צו די נישט־זיכערע טעג, האָט מען זיך געמיט צו באַוואָרענען. — —

*

און אָט דעמאָלט איז אויפן ווייצפעלד, ווו אַ טייל חברים האָבן געמיסטיקט, דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איין לאָפּאַטע געלעגן ווי אַ פאַרגע־סענע. ווי אַ וואַרטנדיקע אויף אַ פּאָר הענט. אָבער זי איז געבליבן אַ פאַרשעמטע און לאַנג געוואַרט, אין שטויב, ביז מ׳האָט זי אויפגע־הויבן. ס׳האָט קיינער אין אָנהויב, זי דאָך נישט באַמערקט אין איר פאַרלוירנקייט... „פעלט אַ מענטש... וואַלגערט זיך אַ לאָפּאַטע..."

אַז אַרומקוקן זיך איז דאָך אַ שאַד יעדע ווייל!..

כאָטש נישט קיין אָנטרייבער שטייט איבערן קאַרק, וואָס זאָל שרייען אין די אויערן און יאָגן... דער געדאַנק, אַז אַלץ איז אייגנס, האָט אונטערגעגעבן חשק און אונטערגעהאַלטן אין דער שווערער פּראַ־צע. אייגנס, אַלעמענס, אַ יעדנס, אָן קריוודע — קיין חלוק נישט! אָט,

דער געדאַנק פאַרלײכטערט. מ׳האָט אפילו נישט געפילט, ווי דער שטויב און די פאַרע פון מיסט זעצן זיך אויף די העמדער, דורכגע־ווייקטע פון שוויס, וואָס כאַפּן זיך צו מיט אַ קויטיקער קלעפּיקייט צו די צעהיצטע לײַבער. גאָרנישט האָט מען געפילט. יאַללאַ! יאַללאַ! אָנגעשטעקט דעם גאָפּל אין פּולן וואָגן בהמה־צואת, אויסגעלעגט קופּ־קעס און צעוואָרפן, צעשאָטן איבערן שטח. די הענט האָבן זיך גע־הויבן און די גאָפּלען האָבן געשווינדלט אין דער הויך: איינס! איינס! איינס! איינס! דאַן האָט מען ווייטער אָפּגערוקט די פור, אַרײַנלעגנ־דיק דערוויל אַ דריבנעם שמייס די פּרדהס, מיט זייערע פויל־אַראָפּגע־לאָזענע אויערן־לאַפּן. יאַללאַ! יאַללאַ!

איז די עבודה אַזוי געגאַנגען איבער אַלע פיר ברעגעס פון קליינעם שטיקל ווייצנפעלד. און געהאָרעוועט האָבן אַלע. בחורים און בחורות. דאָ אין קבוצה נעמען זיך די בחורות נישט איבער; להפך — אַ טייל פון זיי פּרוּוון גאָר איבערגיין די בחורים מיט גבורה און רירעוודיקייט. דערגייט עס דורך דעם, צומאָלס, אין אַ מין שפּיל אין איבעריאָגעריי. די מיידלעך פון זייער זייט ווילן דערמיט באַווייזן, אַז נישט אומזיסט פאַרמאָגן זיי דאָ אין קבוצה אַ גלייכע דעה; פאַרקערט, אַז זיי זענען גאָר די גרעסערע מיוחסים; און די בחורים פון זייער זייט ווילן באַווייזן, אַז די בחורות בלייבן טאַקע ווייטער שוואַכע באַ־שעפעניש און נאָר צוליב אַנדערע טעמים ווערן זיי דאָ גלייכגעהאַלטן און האָבן דאָס וואָרט אין כּלערליי פראַגן.

ווערט טאַקע דאָ אין פעלד דאָס געיעג אַמייסטן אויסגעשפּילט. וואָרעם אין הויף האָבן די בחורות שוין לאַנג אַלץ איינגענומען: די קושטאַל, דעם גאָרטן, דעם כּרם. פון דער קיך און די וואַשקעסלען איז שוין אָפּגערעדט.... דאָרט געוועלטיקן שוין די בחורות, אָן מורא אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון די דאָזיקע געוווּנענע גיטער..

אָבער דער ווילן זיך אַרויסצורוקן אויך דאָ אין פעלד, ווו זיי זענען נאָך הינטערשטעליק, איז ביי זיי אַזוי גרויס, אַז זיי פאַרגעסן זיך צומאָלס און אַרבעטן ביז דעם־אָטעם־צו־פאַרלירן; ביז זיי פאַלן אַוועק צעקרישלטע און קאָנען מיט אַן אבר נישט רירן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס רופט אַרויס אַ געלעכטער ביי די בחורים,

און דער שפּיל ענדיקט זיך מיט„ אַ „הורה": די בחורים אין אַ ראָד אַרום די פֿאַרמאַטערטע בחורות

האָט זיך אויך היינט פֿאַרנומען אויף אַזאַ מין שפּיל. רבקה, דער „פּלאַם" פֿון קבוצה, מיטן אונטערגעשוירענעם. רויטן קאָפּ האָר, מיט צאַפּלענדיקע ברוסטן, ווי צוויי פֿאַרשפּאַרטע, ווילדע פֿויגל אונטער איר צעניפּגעציגענעם, דורכגעווייקטן קאָפּטל, האָט פּלוצלינג אַוועקגעוואָרפן די לאָפּאַטע און מיט איין צי אַרויסגעריסן די לייצעס פֿון בערעלעס האָזס הענט. מיט אַ געקוויטשעריי האָט זי גענומען טרייבן די פּרדהס, אונטערשטופּנדיק דעם וואָגן מיט אַ האַנט. דערזעענדיק דאָס, האָבן די בחורות אויפגעהויבן אַ געפּילדער און זיך אַ וואָרף געטון מיט אַ ברען צום וואָגן. די גאָפּלען האָבן זיך געהויבן מיט אַ האַסטיקייט, אַראָפּ-און-אַרויף, קוים מיטן אויג צו דערכאַפּן

די בחורים זענען אַ ווייל געשטאַנען גלייכגילטיקע, אָבער אַ רגע שפּעטער האָט יעדער איינער געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי איינצומאַטערן די שטיפֿערישע מיידלעך. זי איז אָבער אינגאַנצן איבריק געווען, די עצה.

די פּרדהס, וואָס זענען געווען אָפּגעמאָרדעוועט פֿון היץ, זענען פּלוצלינג צוגעשטאַנען און זיך מער נישט געוואָלט רירן פֿון אָרט. קאָן זיין, אַז די פֿוילע בהמהס האָבן דערפֿילט, אַז ס'טרייבט זיי נישט בערעלע האָז נאָר דער „פּלאַם", האָבן זיי זיך איינגעשפּאַרט און כאָטש האַק אין זיי, ווי אין קרויט אַריין, האָבן זיי נישט געוואָלט, „הערן און געדענקען". ווי ס'זאָל נישט זיין, די פֿרייד פֿון די בחורות האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. רבקה האָט באַלד אַוועקגעוואָרפן די לייצעס, אַוועק פֿון דעם וואָגן און סאָפּענדיק זיך געוואָרפן מיט דער גאַנצער שווערקייט פֿון איר גוף צו דער ערד.... ווייל ס'איז שוין נישט ווייט געווען צו זונאונטערגאַנג, האָט מען אָפּגעלאַכט, קורץ, און גענומען נאָך מער זיך יאָגן. מ'האָט געמוזט פֿאַרענדיקן. נישט געקאָנט אָפּלעגן אויף מאָרגן. דעריבער האָט מען רבקהן געלאָזט ליגן, און זי נישט געטשעפּעט: „זי וועט זיך שוין אויסקאַטשען".... בערל האָז האָט דווקא יאָ חשק געהאַט זיך צוצושאַרן צו רבקהן, איר עפּעס איינראָמען, אָבער קענענדיק אים, האָט דער „מנהל עבודה" אונטערגעפּילנעוועט:

— לאָז איצט געמאַך, האָז...

— מילא, זאָל זי קייען די ערד, דער „פּלאַם״, איך וועל איר צודינען אַן אַנדערש מאָל — האָט בערעלע געברומט, דערלאַנגענדיק די פּרדס אַ שמיץ איבער די קנאָכיקע רוקנס, — זאָל זי קייען די ערד!...

און רבקה איז געלעגן, ווי אין אַ קדחת. געטוליעט איר הייסן, צעשרויפטן גוף צו דער ערד און זיך נישט געקאָנט קילן. זי האָט זיך מיט די פינגער איינגעגראָבן אין דער ערד, ווי וועלנדיק שטיקער רייסן... לעבעדיקע שטיקער פון מאַמע-ערד.... און מיט די ציין האָט זי זיך איינגעביסן אין אירע גראָבע, רויטע ליפּן. זי האָט געוואָלט זען בלוט, רויט בלוט... נאַס-קלעפּיקעס... ס׳האָט געבריט... אַזוי גע-בריט, ביז שגעון... און ערגעץ האָט געשטאָכן, שטאַרק געשטאָכן... אַ ווילד געלעכטער האָט זיך פּלוצלינג פון איר אַרויסגעדרושעט:

— כאַ-כאַ-כאַ, כי-כי-כי! ווי ער האָט עס אויסגעזעצט אַ פּאָר אויגן, דער האָז! ווי ער וואָלט עס זיך געוואָלט אויף מיר וואַרפן, דער נאַרישער מאַנסביל!...

דאַן האָט זי זיך אונטערגעהויבן, עפּעס געוויזן מיט דער האַנט און ווידער צוגעפאַלן צו דער ערד, קאָפּענדיק מיט די באָרוועסע פיס אין דער לופטן...

אַז די זון האָט זיך געזעצט, און די צייט פון אַהיימגיין איז געקומען, האָט מען מיט שווערער מי באַוויזן רבקהן אויפצוהויבן פון דער ערד. זי האָט זיך געוואַקלט, ווי פון שכרות. די קני האָבן זיך אונטער איר געבויגן, און די ליפּן האָבן געצאַפּלט: — ווי גוט... די ערד קילט... קילט די געבליטן און דעם בראַנד...

מען האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן.

— איך וועל זי צוהאַלטן, דעם „פּלאַם״, איך וועל איר אונטער-האַלטן די זייטעלעך — האָט בערעלע האָז געוווּנקען מיט די אויגע-לעך, נעמענדיק די לייצעס אין די הענט.

עולם האָט אַרומגערינגלט די פור. אָבער דאָ האָט עמעץ זיך אָפּגערופן:

— זאָל זיך נחמה מיט איר אויפזעצן אויף דער פור.

— טאַקע, נחמה! נחמה!..

נחמה איז נישט געווען...

ווען דער וואָגן האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט מיט אַ טרוקענעם געטורקעריי, האָבן זיך די חברים געלאָזט נאָך די סליאַדעס מיט פּאַמעלעכע שפּען.

כּרמי, דער „מנהל עבודה", אַ הויכער בחור מיט ברילן, וואָס שיקט באַריכטן אין „דער פּרעסע", ליינט, בשעת הדחק, פאַר די חברים לעקציעס וועגן „געשלעכטס פּראַגן"; קאָן ליפּערטס „קולטור געשיכטע" בעל פּה, האַסט פּרינציפּיעל „זשאַרגאָן" און האָט פּיינט דעם דיכטער קלמן מייער, האָט געטראָגן אויפן אַקסל די צוריקגעבליבענע לאָפּאַטע און שטיל זיך באַקלאָגט: איך ווייס נישט... מיט די בחורות איז אַ מאָדנע זאַך... פּאַראַן, אַז ס'ציט זיך אין זיי אַ חולאת אַריין, איז שווער מיט זיי צו דערגיין צו אַ ברעג.... ווערט איינע ווילד, רייסט זי פון זיך די הויט... און די אַנדערע... בחיי!... נחמה, דוכט, אַ מיידל אַ מיושבע, און עפּעס איז מיט איר נישט גלאַטיק... עפּעס איז די לעצטע צייטן, בחיי!...

ער האָט נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן, מיינענדיק איינצורוי-מען אַ סוד: און אַז טאַקע מאירל גזלן האָט מיט איר.. וואָס זשע? און אַז ער האָט מיט איר... אפשר, איך ווייס... בחיי...

— — — — — — — — —

אַז מאירל גזלן האָט זיך אומגעקערט פון זיין שפּאַציר איבער די אַרומיקע בערג, ווי ער האָט זיך געטראָפן מיט צמחן, איז אים קיינער אין האַלב-פוסטן, דרימלענדיקן הויף נישט אַקעגנגעקומען. בלויז דער ברוינער, קודלאַטער „זאַבדאַל" האָט פון ערגעץ אָנגעיאָגט און, אָנטרעפנדיק מאירלען, אָנגעשטעלט אויף אים זיינע גלאַנציקע, פּאָספּאָר-גרינע אויגן. מאירל האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זיין פּוכיקן קאַרק, אונ-טערגעהויבן און, דערלאַנגענדיק אַ שמיר איבער זיין פייכטן שנויץ, זיך צעיאַכמערט:

— פאַר דיין חוצפּה, קאָמוניסטישער הונט!

דער הונט האָט זיך אפּנים וויניק דערשראָקן, וואָרעם, אַרויס-גליטשנדיק זיך פון מאירלס הענט, האָט ער אויפגעהויבן אויף אים אַזאַ געבילעריי, אַז ווער ס'איז נאָר געווען ערגעץ אין אַ צריף אָדער אַ געצעלט, איז אַרויס אויפן הויף.

אפילו נחמוני דער לערער, וואָס האָט איצט געקנעלט מיט די עלטערע קבוצה קינדער אין זייןביידל, האָט זיך אַרויסגעשאַרט, דער-לאַנגענדיק זיך הינטן אַרומעט אַ שטומפּיקן שיבער איבער זיין הויקערל:

— הער, הער, וואָס אַ כּלב איז!..

אַז דער בייזער „זאַבדאַל" האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט אים נחמוני ערשט גענומען מוסרן:

— היפה, הנאה כך. האַ? האַ? לך, שובב, לך למקומך... הלאה!

שפּעטער איז שוין ווידער געווען שטיל. בלויז אַ היימלעכער געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון גאָרטן אַרויס, ווו אייניקע בחורות האָבן געפּלעקעוועט דאָס גרינצייג.

דענסטמאָל איז מאירל שוין געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויף זיין אורחים-בעטל ביי בערעלע האָז אין געצעלט און, פּיפּקענדיק זיין קורצע ליולקע, געיאָגט דעם דיקן, גראָען רויך, וואָס האָט זיך גע-קנוילט אַרום זיין קאָפּ.

איז אים אַזוי גוט געווען צו ליגן און מיט פאַרזשמורעטע אויגן טראַכטן סתם טראַכטונגען: וועגן זיך, וועגן אַלע אַרום און אפילו וועגן קודלאַטן „זאַבדאַל".

האָט ער אויך, ליגנדיק אַזוי מיט פאַרזשמורעטע אויגן, געקלערט וועגן זיין היינטיקן באַגעגעניש מיט צמחן, וועגן דער סעודה אויף דער פּאַסאָוויסקע און... צוליב וועמען ער, מאירל, איז היינט נישט אַוועק צו דער חברה אין צוריה....

און אויסגעפונען האָט ער, ליגנדיק אַזוי אויסגעצויגן, אַז גוט האָט ער טאַקע געטון, וואָס ר'איז דאָ היינט געבליבן. ער וועט דאָך... יאָ, אין אָוונט וועט ער צורופן צמחן און פאַר אים אין די אויגן אַרומנעמען נחמהן און איר זאָגן: „אָט! זאָל צמח זען, אַז דו ביזט מיינע, און זאָל ער אויך הערן פון דיר אַ וואָרט... שעם זיך נישט... אָט! זאָל ער הערן און כאַלאַס!"

אַ שמייכל האָט זיך אויסגעלעגט אויף זיינע צעקנייטשטע מויל-ווינקלען, און ער, דער אורח, אין בערל האָזס געצעלט האָט זיך גע-פילט בהרחבהדיק און וויל.

זענען פון זיך אַליין פעסטער צוגעפאַלן זיינע אויגן, דער ציבוקל האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן זיינע ציין, און אַ געשמאַק כראָפּען

האָט זיך באַלד געלאָזט הערן....

האָט ער שוין נישט געזען, ווי מיט נישט זיכערע טריט שאַרט זיך נחמה שפּעטער אַריין אין געצעלט. האָט ער אויך נישט געקאָנט הערן, ווי ס׳האַרץ גייט ביי איר אָפּ־און־אויף, אַלץ גיכער און שטאַרקער...

און אַז זי איז דאַן געלעגן אויף די קני, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסט און מיט אירע הענט באַרירט זיינע אָרעמס, האָט ער פון שלאָף אַ בייזן ברום אַרויסגעלאָזט: „מה יש!״

זי איז גיך אָפּגעשפּרונגען פון בעט, אָבער פון אָרט האָט זי זיך מער נישט געקאָנט רירן, ווי אַ צוגעשמידטע. אַ צעטומלטע האָט זי געקוקט, ווי ער וועקט זיך איבער, מיט אַ געגעץ און אַ קראַץ אין פּאַזוכע.

אַז ר׳האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און דערזען פאַר זיך נחמהן, ווי זי שטייט אַ צעשראָקענע אַקעגנאיבער דעם בעטל, האָט ער, מיט אַ פֿאַרוויכערטן געלעכטערל, אויסגעשטרעקט אַ צעקראַצטע האַנט: קום אַהער!.. ווייסט, מיר האָט זיך געחלומט, אַז דו קוועטשסט מיר דעם גאָרגל. אוודאי, אַז איך שלאָף, קאָנסטו מיך דושען! אָבער איצט, אַנו פּרוּוו?! אַנו, לאָמיך זען, אויב דו ביסט בכח אַ דרוק צו טון? אַנו?...

נחמה האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער צוטרעטנדיק נענטער צום בעט, איז מאירל אונטערגעשפּרונגען ווי אַ קאַץ, און אין הרף עין איז זי געווען אין זיינע לאַפּעס

— אַנו, אָט האָסטו מיין גאָרגל, ווערג מיך... איך לאָז דיך... ווערג!

ער האָט געבֿרומט און זיך געדושעט פאַר לאַכן... דו ביסט נישט צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָסט אויף מיר געוואַרט האַ? האַ, נחמה? האָסט מיר געוואָלט מאַכן „די זאַך״?.. אָט, וועל איך דיר אָפּצאָלן דערפאַר... און אַז צמח, דער פּאַסטוך, וועט צוריקקומען, וועט ער דיך געפינען אַ דערקוועטשטע. ווילסט? ווילסט?...

איז שוין נחמהן אַזוי גוט געווען אין דער פאַר־זונאונטערגאַנג־צייט צו ליגן אויף מאירלס בעט, אין געצעלט, צו פילן זיינע אָרעמס אַרום האַלז, אויף איר רוקן און צו הערן זיינע דבורים.

איז איר איצט גוט געווען. ווייל אַזוי איז זיכערער, היימלעכער... עס פאַרגעסט זיך שוין אָן דעם, וואָס אין די ווייסע, טיפע שטערנ־

נעכט און אפילו אין די הייםע, לאַנגע טעג פון שווערער פּראַצע, ווערט אָפּט געבוירן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו עלנטקייט... ס'ווערט געבוירן עפּעס אַזוינס, וואָס עפנט דיר דיינע אויגן און ווייזט דיר די אייגענע פאַרוואָגלטקייט, וועלכע דערמאָנט, אַז דו ביסט צווישן אַלע און דאָך איינע, אַ פאַרגעסענע...

און אַז די אויגן זענען אָפּענע, און די אייגענע פאַרוואָגלטקייט ווייזט זיך אַרויס אין איר גאַנצער גרויס, נעמט זיך אויפן האַרץ אָן אַ שווערקייט און אַ נאָגעדיקע בענקשאַפט... ס'זאָגן זיך איינציקווייז אונטער די אברים — ס'ווייסט אפילו נישט דער מח וועגן זיין אייגענער אַרבעט — און דיר איז בלייערן אין געמיט...

איז שוין נחמהן אַזוי גוט געווען, ווען מאירל האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן: וועסט זאָגן צמחן, אַז איך בין ביללכער? וועסטו אים זאָגן?

נחמה האָט געפילט, אַז איצט דאַרף זי אים ענטפערן, מאירלען, זי דאַרף אים אויסדערציילן, ווי מאָדנע צעדרייט איר טאָג איז היינט געווען; ווי זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון עסשטוב און נישט צוריק אין פעלד געגאַנגען; ווי שווער און ענג איר איז... דאָ, אין דער פרייער רחבותדיקייט.... ווי שווער און ענג איז איר שוין פון לאַנג....

האָט זיך אָבער זיין אויג פאַרצויגן, מאירלס אויג, איינגעגעסן אין איר צורה, און זי, נחמה, האָט רעדן נישט געקאָנט...

וועסטו אים זאָגן, צמחן, אַז דו ביסט מיין בחורה און זיינע... נו, זיינע אַ גוטע שוועסטער און כאַלאָס. וועסטו שוין וויסן וואָס צו רעדן? רעד ווערטער, וועסטו שוין וויסן, וואָס דו דאַרפסט רעדן?

— איך וועל וויסן...

דאַן.... — — — —

ערשט אַז ס'האָט זיך דערהערט דער פּיפּס פון צמחס פישטשאַלקע, מיט וועלכער ער איז מבשר דעם אָנקום פון די שאָף אין הויף אַריין אויף נאַכטלעגער, האָט מאירל אָפּגערוקט פון זיך נחמהן מיט אַ שטופּ פון עלנבויגן:

— מאַך אויף דיר די יופקע צערעכט... ער איז שוין דאָ, דו הערסט? גיי דו פאָרויס....

און אַז נחמה איז געווען אויף יענער זייט געצעלט, האָט ער ווידער גענומען די ליולקע אין מויל אַריין, אויסגעגלייכט די שמאָלע שטיוועלעך אויף די פיס, פאַרוקט דעם ברייטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און אַרויס אין הויף מיט אַ שמייכל...

— ס'וועט זיין אַ ווייסע נאַכט, ווי צום באַדעקנס... — —

III

דער טאָג פון ערב־ראש־השנה איז געבוירן געוואָרן אַ ליכטיקע־רער פון אַלע ליכטיקע טעג, וואָס זענען, געוויינלעך, שוין געציילטע איצט אין דער פאַר־האַרבסט־צייט. אַן אויסגעבענקטער, אַן אויסגעדאַווג־טער איז ער אָנגעקומען, וואָרעם מיט אים איז סיום פון אַ רייע אַר־בעטן און אָנזאָג אויף יום־טובדיקער וואָך, וואָס קאָן מאַכן פאַרגעסן אָן די גראָע חדשים פון רעגן און ווינטן, וואָס העגגען שוין נאָענט און וועלן באַלד קומען געשטויגן.

האָט שוין טאַקע אין אָוונט פון פאַר־ערב־יום־טוב־טאָג אַ דער־וואַרטונג געציטערט: „מאָרגן, מאָרגן גאַנץ קאַיאָר וועט זון אין לאָדן שיינען, און אַ שטראַל וועט שפּילן אויף די אויגן־לעפלעך צוגעפאַלענע: וועט וועקן זון מקבל־פנים־זיין די ערשטע שעה פון רו"...

אויף צומאָרגנס אָבער האָבן זיך אַלע פאַרשפּעטיקט. אַ חוץ צווי־דריי בחורות, וואָס האָבן געהאַט צו טון אין קו־שטאַל און ביי די עופות, איז כמעט דער גאַנצער עולם געבליבן אויף די געלעגערס. אַ מין אָנגענעמקייט האָט אַרומגענומען, אַראָפּצוזויגן מיט די בליקן די שטראַלן פון דער פרי זון, וואָס האָבן געשפּילט אויף די ,ייוועגטעגע וועגטלעך און דעכער.

עס האָט זיך געוואָלט ליגן לענגער אַ ביסעלע, לענגער, כדי דאַן מיט אויסגעוואַרעמטע, ווייכע אויגן אַרויס אין דער אויסגעשפּריי־טער ליכטיקייט פון טאָג; אַרויס פון אונטער די צודעקן, פאַררייסן דעם

קאָפּ צום הימל און דערזען: „ווי הויך עס שטייט שוין דער טאָג"....

נאָר איינער האָט זיך אויף זיין געלעגער נישט איינגעהאַלטן: צמח. ער, וואָס וואַרט־אָפּ זונאויפגאַנג און רעכנט אויס צאת־הכּוכבים, — אים וועקט דער דרויסן. האָט ער אויך היינט זיך אויפגעהויבן אין זיין באַשטימטער צייט, הגם ער פּאַשעט נישט איינציקע טעג. דאָס רוב פון די שאָף האָט מען געמוזט פאַרקויפן, כּדי פאַר דעם ביסל מזומן איינצוהאַנדלען גאָר נויטיקע מכשירים, און די איבערגעבליבענע האָלט ער הינטערן „גדר", כּדי זיי נישט צו צולאָזן מיטאַמאָל צו דער פרישער פּאַשע, וואָס איז איצט נישט פאַרברענט פון זון און האַלט אין פּעטער־ווערן.

האָט ער זיך סתּם געדרייט, צמח, איבערן הויף, — אין די דאָזיקע שעהען קאָן ער זיך דאָך נישט פאַרשפּאַרן אויף זיין קופּע היי... ר'האָט צוגעשפּרייזט צום גערטנדל, באַטראַכט דאָס גרינצייג און דערקענט: „נישט איבריק געראָטן דאָס לעצטע קרויט"... און אַז ר'האָט זיך אָוועקגעדרייט פון גערטנדל און דערנענטערט צו דער קושטאַל, האָט זיך פון דאָרט אַרויס דערהערט אַ שטיל רעווען פון אַ קו. יעדער מרוק איז געווען שווער און מיד. צמח האָט זיך דערמאָנט: „די שוואַרצע, דמשקער „עתליא" דאַרף באַלד אָפּוואַרפן... וועט אַ קעלבעלע זיין... אַ שמחה... אַ גדולה... אַ קעלבעלע... אַ קליין ק ע ל ב ע ל ע"... — —

האָט אים באמת הנאה געטון?... — — —

מיט פּאַמעלעכע שפּען האָט ער געמאָסטן דעם הויף, אין דער לענג און אין דער ברייט. זענען אַזוי וואָגיק געווען זיינע טריט און די אויגן ממש אויפגעריסענע, אַז קיין איין ווינקל האָט דער בליק זיינער נישט אויסגעלאָזן, אומעטום געקוקט און אַלץ געזען. אפילו די ערשט נעכטן געפלאַנצטע קיפּאַריסן, די דינענקע שטשעפּעס האָט ער באַטראַכט...

„אָט, די דינענקע קיפּאַריסן, די נידריטשקע וועלן זיך פונאַנדערוואַקסן, צעבליען און... הויכע, גלייכע, ווי די ריזן וועלן זיי אַרויפשיסן צו די הימלען... די דינענקע, נאָר־וואָס געפלאַנצטע קיפּאַריסן"....

צוקומענדיק צום גראָבן האָט ער דערזען, אַז די שוועלן פון הילצערנעם בריקל, וואָס פירט אַרויס פון הויף צו דער פעלדסטעזשקע, זענען דורכגעפוילט, אַזוי אַז דאָס גאַנצע בריקל קאָן זיך אין

אַ שײנעם טאָג אײנבּרעכן.

— מײנע באַלעבאַטים! — האָט זיך עס פון זײן צונג אַראָפּגעגליטשט — ס'זאָל זײ אפילו אײנפאַלן צו פאַריכטן!... גאָר נישט... פּוילט, — פּוילט! אַ דאגה זײ!...

נאָכדעם װי ער האָט אַרומגעטאַפּט די שװעלן און די ברעטער, האָט ער זיך אַװעקגעזעצט אױפן זאַמד־בּערגל בײם טױער. אַ ליכטיקע רױקײט האָט אַרום געװעלטיקט. קײן שאָרך, קײן ריר. און אָט, די שטילקײט האָט אים פּלוצלינג גענומען אַרן:

— מען ליגט אין די געצעלטן... מען איז זיך מקדים מיטן יום־טוב... בּעסער װאָלטן זײ זיך אַרומקוקן... מילא! זאָל זײן... — זײנע מוילװינקלען האָבּן זיך געפאַלדעװעט, װי אױף אַ לײכטן שמײכל: „באַלעבאַטים זיך אַזױנע"... — — —

שפּעטער האָט ער בּלױז געקוקט. דאָ צום ערשט־געמיסטיקטן װײצנפעלד, װאָס האָט זיך געװאַרעמט אַקעגן שפּעט־זון און געבּעבּעקט נאָכן ערשטן „יורה". שױן בּלױז געקוקט און עפּעס געטראַכט... צי האָט אָבּער, אין אמתן, אים דאָס אַלץ אַזױ שטאַרק פאַרנומען? איז ער, צמח, בּאמת, אַזױ צענױפגעלעבט, צענױפגעװאַקסן מיט אַלעמען און אַלץ, מיט דער גאַנצער װירטשאַפט, אַז... אַז אפילו די צעפּױלטע שװעלן פון בּריקל קאָנען אים אַרן? פילט ער זיך דאָ, אין דעם שותּפותדיקן הױף, אַ נאָענטער צו יעדן און פּונקט װי יעדער, אַ גלײַכער חבר, װאָס קאָן זיך פרײען, װען דאָס פעלד איז שױן געמיסטיקט און אין שױס פון דער ערד פּיקן זיך אױף די קערנדלעך פון אײגענער זריעה?... — איז ער עס טאַקע, צמח, דער פאַסטוך?

קאָן זײן, אַז אפשר יאָ!... קאָן זײן, אַז זײן האַרץ בּעמט זיך אָן מיט פרײד, בּיז איבּער די בּרעגעס, װען אַ בּוימעלע װאַקסט צו, װען אַ גרעזעלע גרינט דאָ אױף... קאָן זײן... הלמאי זיצט ער דאָך דאָ, אין יוספיה, דאָס דריטע יאָר!... הלמאי האָט ער זיך פון אַלע ערטער גראָד דאָס אָרט אױסגעקליבּן, אינם עמק יזרעאל.

ער איז דאָך דאָ געװאַקסן מיט יעדן פרישגעפלאַנצטן מאַנדלבּױם און געקוקט, װי פון אַ װיסטעניש אַרױס בּליען אױף װײנשטעק. קאָן זײן, אַז זײן האַרץ האָט זיך געשמאָלצן פאַר נחת, פּונקט װי אַלעמענס, װען דאָס ערשטע בּרױט האָט דאָ געצײטיקט, — אָבּער געטאַנצט האָט

ער נישט מיט זיי אינאיינעם.

ער האָט זיך מיט זיי אינאיינעם נישט געדרייט אין קאַראַהאָד. פון דערווייטנס איז ער געשטאַנען און מיט אָנגעגאָסענע אויגן געקוקט פאַר זיך. און קיינעם, קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, פאַר-וואָס ער איז אַזאַ שווייגנדיקער, פאַרוואָס ער איז אַזאַ פאַרשלאָסענער? פאַרוואָס ער שטייט אַ דערווייטערטער?...

קיינעם נישט פון אָט די אַלע, וואָס ליגן איצט אין די געצעלטן און זעען נישט, אַז אַ טאָג פון לויטער פאַרהאַרבסטגאָלד האָט זיך פונאַנדערגעשפרייט אין דעם דורכזיכטיקן חלל.

און פונקט ווי דעמאָלט, אין די ערשטע טעג, האָט מען אויך ווייטער זיך נישט געפרוווט דערנענטערן צו אים און עפּעס פון אים דערגיין. ס'איז גענוג געווען פאַר אַלע כמעט וויסנדיק נאָר, אַז ער, צמח, איז אַ בחור פון אַ גאַליצישן שטעטל, וואָס האָט היינטער זיך אַ רוישיקע פאַרגאַנגנהייט; אַז ר'האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די גרעס-טע אייראָפּעישע שטעט, געפּירט אַן אוואַנטורנעם לעבן און אין אַ שיינעם טאָג, פּלוצלינג אונטערגעפירט אַ חשבון און... געקומען קי"ן ארץ ישראל. זיי אַלע האָבן זיך באַנוגנט צו וויסן, אַז ער, צמח, האָט אויסגעשפּאַנט צו פוס דאָס גאַנצע לאַנד, אַ פּאָר חדשים געלעבט אין ירושלים, דאַן אין באר שבע, פון וואַנען ר'איז פאַרפאַלן געוואָרן אין אַ בעדוינישער מחנה און ערשט נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר אויפגעשווומען ווידער אין יוספיה, אַ חידושלעכער פּאַסטוך פון שאָף.

ס'איז אַלעמען גענוג געווען צי וויסן, אַז ער האָט קיינעם נישט, קיינעם נישט...

בלויז צוויי, אָדער דריי מאָל אין יאָר קומט צו אים אָן אַ קאַרטל פון אַן אַלטער מוטער, וואָס שרייבט צו אים: „צו מיין ליבן בן-יחיד אַלטערל..." און ענדיקט: „עס קושט דיך דיין אַלטע מאַמע פרומע"...

היינט, וואָס זשע האָבן זיי מער באַדאַרפט צו דערגיין פון אַ מענטשן, וואָס עסט רויע קרייטעכצער און פייפט אויף אַ פייפל; וואָס לייענט נישט איינמאָל אפילו אַ צייטונג און האַלט אַ פען אין האַנט נישט מער ווי צוויי אָדער דריי מאָל אין יאָר, ווען ער שרייבט ערגעץ קיין גאַליציע: „צו מיין טייערער מוטער אַ גרוס פון איר זון

אַלטער, הנקרא צמח". וואָס זשע קאָן מען שוין וועלן פון אַ מענטשן — אַ פּאַסטוך — מיט לאַנגע האָר, אַ בערדל, אַ ווייסן לאַנגן העמד אויפן לייב און וואָס איז שוין אַליין באַלד אַ לאַם?

און אַז מען האָט אַזוי געקלערט — און געקווערט האָט מען, אַז ביי אים אין מוח איז נישט גלאַטיק — האָט מען דאָך נישט איינמאָל גאָר געמעגט אים נאָך צווואַרפן אַ וואָרט, וואָס האָט ביי אַלע אַרומיקע אָנגעטריבן אַ געלעכטער אין די אויגן...

און ער, צמח?... עפּעס איז אים שוין דווקא גוט געווען צו שמייכלען מיט פאַרשלאָסענע ליפּן. צו וואָס זשע קומען און צעלעגן אַ מעשה ווי אַזוי און צוליב וואָס אַ מענטש ציט אונטער אַ רויטן שטראָך אונטער אַ דריטל לעבן און פאַרוואָס אים איז שוין, טיילמאָל, ניחא צו ליגן ביי טאָג צווישן דער טשערעדע און ביינאַכט צו הויערן אַן איינזאַמער, אויף זיין קופּע היי, אין לייוועגטענעם געצעלט?... איז אים שוין וויל געווען צו שטומען און שווייגן נאָך פאַרביסענער, ווען ס'איז אפילו אַמאָל יאָ נויטיק געווען אַ רעד צו טון, אַזוי אַז נישט איינער זאָל אויפשטעלן מויל און אויערן... —

און אַז אַזוי און אַזוי האָט עס געהאַלטן, איז קיין וווּנדער נישט, וואָס קיינעם איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז ביי צמחן טוט זיך עפּעס פּאָרט; אַז צמח דער פּאַסטוך האָט אין דער לעצטער צייט אויפגעהערט צו פּייפן אויף זיין דודע, אַז ער האָט גאָר איינמאָל אין אַ נאַכט, גענומען קראַצן מיט זיינע נעגל דאָס אייגענע לייב... קראַצן ביז בלוט, אַזוי פאַר היימלעכקייט ווענן...

איבריקנס — וואָס, למשל, קאָן זיי אַלעמען — די דאָזיקע, וואָס שטרעקן זיך, אוודאי נאַזנדיק, אויף די געלעגערס — אָנגיין, אַז אויפן זאַמד־בערגל,ביים טויער, זיצט זיך איצט אין ערב־יום־טוב־טאָג צמח דער פּאַסטוך און טראַכט: „איז טאַקע געמאָלט, אַז אַ מענטש זאָל פון אייגענער הויט אַרויס?... איז טאַקע געמאָלט צו זען זיך אַליין אין אַ צווייטן גלגול? איז טאַקע געמאָלט, אַז די אייגענע פעל זאָל אָפּקריכן? טאַקע... טאַקע?.. גלאַט..." — — —

זיצט ער, צמח, פרעגט ביי זיך אַליין, שטומערהייט, און וואַרט אויף אַ קלאָרער תשובה. וואַרט ער... וועט ער וואַרטן... האָט ער געוואַרט... האָט ער שוין גאָרנישט געהערט, ווי זיינע שאָף האָבן [illegible]

הויבן בלעקערן הינטערן „גדר", ער האָט זיי היינט דאָך קיין עסן נישט געגעבן... אפילו נישט אָנגעקוקט... איז וועמען קאָן עס דען אַרן? האַ?

— — — — — — — — — — —

שפּעטער ווי תּמיד האָט היינט געקלונגען דאָס גלעקל צו וואַרעמעס. דערפאַר האָט שוין אָבער זיך געפילט אַ יום-טובדיקייט אין אַלע ווינקלען פון צריף. די טישן האָבן געפּעכלט מיט פּריש-איבערגעצויגענעם ווייסן פּאַפּיר, און אַ גוטער ריח פון ווילע מאכלים האָט געשטאַרקט די אַפּעטיטן. — ששון ושמחהדיק! ביים טיש האָבן אויך נישט געפעלט קיין אורחים, וואָס זענען געקומען דאָ יום-טוב האַלטן און האָבן זיך געלאָזט הערן.

און אָט, צווישן די געסט געפינט זיך אויך דער אייביק-יונגלערישער, געלער דיכטער אהרון צווייג, וואָס האָט זיך פּאַרקליבן פון תּל-אביב דאָ אַהער, קיין יוספיה, כּדי אין סאַמע ראש השנה מהנה-צוזיין דעם עולם מיט אַ לבנהדיק-אימהפּולער דרשה. זיצט ער זיך דער געלער דיכטער אהרון צווייג, גדולדיק-בּהרחבה, מעסט אַלעמען מיט זיינע וואַסער-גרינע, אויסגעלאָשענע אויגעלעך און ברומט אויף זיין טרומייטערדיקן וועלטנאיבערקערער-קול: — „אַ טייערער ווינקל, דאָס יוספיה! געוואַלט! עמק! ס'איז דאָך טאַקע ארץ-ישראל! מיר האָבן דאָך אַ היים! אונזער היים! מען קאָן דאָך אַרויס פון די כּלים, פון די געפּעסן ממש! ברויט! לחם! מיין לחם, מיין! אונזער אַ/עמענס לחם! גאָלד מיט רענדלעך! וואָס דען, אין רוסלאַנד, דער מרשעת מיט די עוכרים, קאָן מען לעבן? ימח שמם, די „יעווסעקעס" און „בונד", טאַטע-געטרייער! ימח שמם, די פּאָליאַקאָווס, גבריאַליעוויטשעס! זיי וועלן נאָך קומען אַהער, אָבער... „וואָן"! אַרויס מיט זיי! דאָ איז דאָך גאָלד מיט רענדלעך! געוואַלט, גרויסער זיידע!"

זיצט ער זיך, דער געלער אהרון צווייג, האַקט אַ טשייניק און קוקט, בשעת מעשה, וואָס פאַר אַ מינע עס מאַכן די אַרומזיצנדיקע... בחורות. אין תּוך גענומען איז ער אַ גרויסער שונא פון ווייבער, אהרון צווייג — אַזוי שווערט ער בפירוש אין זיין „אחיתפל" — אָבער אין געוויסע מקומות און אין געוויסע יומא-דפגראס איז ער זיך, ווי ס'ווייזט אויס. מתּיר נדר.

ווער שמועסט נאָך, אַז אַ ביסל ווייַן, וואָס דערפרייט דאָס האַרץ, האָט אים איצט געגומען וואַרעמען, האָט ער זיך שוין אינגאַנצן פאַר-געסן און מעשׂה ווילער-יונג גענומען „פאַרפומירן״ נחמהן, וואָס איז געבן אים געזעסן. צי ס'פּאַסט אַזוי, צי ס'איז ביי אים אַ טבע אַזאַ — אונזער דיכטער זאָגט בכלל יעדן מיידל „דו״ — האָט ער נחמהן „געדוצט״ און פון איר נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר זי זאָל אים... קושן און דאָס פאַר אַלעמען אין די אויגן:

— דו, איך זאָג דיר, ס'וועט זיין ווי צו דיין לעבן! אַז איך זאָג קושן איז קושן! פּי, דו ווילסט נישט? ווילסט נישט?... ניין? איך וועל דיך דאָך באַגראָבן אין דער אדמה! כ'וועל דאָך דיך מערדן! איך וועל...

אוודאי האָט דער עולם געקוואָלן און זיך געהאַלטן פאַר די בייכער. ווי אַזוי וואָגט מען עפּעס נישט צו לאַכן, ווען אהרון צווייג באַווייזט אַזוינע קונדסישע שטיק? אפילו בערעלע האָז, וואָס איז איצט געווען „באַשעפּטיקט״ מיטן געבן „באורים״ וועגן זייער ווירטשאַפט צו אַ יחסנדיקער, צעבאַלעוועטער יפהפיה, אַ רייכן קאָלאָניסטס אַ טאָכ-טער פון זכרון, האָט אויף אַ ווייל איבערגעריסן זיין שמועס און זיך צוגערוקט צו אהרון צווייג מיט אַ סוויפּטש:

— נישט אַזוי חבר צווייג! מען דרייט אַרונטער די הענט און מען... און מען... נאָר בערעלע האָט זיך דערוואָרגן מיטן לעצטן וואָרט.

מאירל גזלן, זיצנדיק די גאַנצע צייט אין אַ זייט, נישט מישנדיק זיך צו דער גאַנצער סצענקע, האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן פון דער באַנק און צוגעקומען צום בינטל.

—איר ווילט דווקא, אַז זי זאָל אייך קושן?... דווקא, אהרון צווייג? און דו, נחמה, דו ביסט גאָר אַן עקשנטע...

— ווע! בע, מע! — האָט אהרון צווייג אָנגעהויבן פלאַפּלען — פאַרשטייסט נישט אַ חכמה? און דו, מויד? ווע, מע! קוקט! און דו נאַרישע מויד, האָסט זיך דערשראָקן... ווע מע! קומט בעסער אַלע אַ רקודל! קומט!

יה, חי לי-לי הה, עמלי
יה, חי לי-לי!

עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז אהרון צוויג וויל זיך, אין דער מי-נוט, אַרויסדרייען און אַ״ע, ווי איין מענטש, האָבן אונטערגעכאַפּט: יה-חי לי-לי, הה, עמלי! ס׳איז אַוועק אַ „הורה״, אָבער דער ברען האָט איצט געפעלט, כאָטש אהרון צוויג האָט געדרייט מיט זיין געלן קאָפּ, געפּאַטשט מיט די הענט, געגלאָצט די אויגן און יעדע ווייל אַרויסגע-יעכצט אויף זיין ווילדן קול. „פייער! פייער, שטאַרקער! יה-חי לי-לי!״

דער טאַנץ איז נישט געגאַנגען. איינציקווייז האָט מען זיך אַרויסגעדרייט פון רעדל און ארויסגערוקט אין הויף אַרויס. דאָרט האָט שוין אַרומגעשפּאַנט בערעלע האָז און געוויזן פאַר די געסט דאָס גאַנ-צע האָב-און-גוטס פון זייער „משק״, אויסרעכנענדיק גאַנץ גענוי, ווען און ווי אַזוי יעדע זאַך איז צוגעקומען. אויך דאָס מיידל פון זכרון איז געווען צווישן די „אויסקוקערס״. אָבער זי האָט גראָד נישט אַרויס-געוויזן אַזאַ התפעלות פאַר אַלץ, וואָס בערעלע האָט געוויזן, ווי די איבעריקע געסט. כאָטש זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט אומעטום, וווהין מען האָט געפירט, איז געווען צו דערקענען, אַז נאָך „נישט דאָס״ זוכט זי.

פאַרבייגייענדיק צמחס געצעלט האָט בערעלע האָז אַראָפּגעלאָזט פון זיין טאָן: — וועגן אונזער פּאַסטוך האָט איר דאָך אוודאי גע-הערט... וועגן צמחן... אַ מאָדנע בריה איז ער... אַ נאַטוראַליסט... עסט גראָז... ער ליגט אוודאי איצט אינעווייניק אין געצעלט. אין אָוונט וועט איר אים קאָנען זען. אַ שיינער בחור. אַמאָל איז ער געווען אַ גאַנצער דאָן זשואַן. איבערגעקערט פאַריז, אָבער...

מיט אַ לייכטן מאַך מיט דער האַנט האָט ער געהייסן זיך אַליין דאָס איבעריקע אָנשטויסן און ווייטער געפירט די אורחים. אָבער דאָס מיידל פון זכרון האָט שוין נישט געקאָנט אַוועקטרעטן פון אָרט. בע-רעלעס מאַך מיט דער האַנט האָט ביי איר אַרויסגערופן דווקא דעם היפוך פון זיין מיין, און איר יפהפיהש קעפל איז געוואָרן פול מיט „פּאַסטוך״.

סיי ווי זענען איר בערעלעס מעשיות געגאַנגען דורך איין אויער אַריין און דורכן אַנדערן אַרויס, האָט זי שוין געזוכט, ווי אַזוי אומ-געזעענערהייט זיך אַוועקדרייען פון דעם בינטל און כאָטשבי בגנבה אַריינוואַרפן אַ ב׳יק אין געצעלט. בערעלע אָבער האָט גראָד געזוכט מיט זיינע דערקלערונגען געפעלן צו ווערן דער שיינער בחורה און

האָט זי נישט אָפּגעלאָזט פון אויג:

— איר זעט, אָט דאָ, אין דער שטאַל, שטייט מאירל גזלנס פערד... אַן אמתער אַראַבישער אָגער... די שטאַל איז אָפן... באַטראַכט אים, אָט אויף דעם פערד רייט ער, ווז אַ שד, ווען אים באַפאַלט אַן אומרו. — איר זעט, חברטע... פריילין דבורה... מר...

דאָס זכרונער מיידל האָט דערקענט, אַז בערל האָט איר נאָמען פאַרגעסן און דווקא אים נישט געוואָלט אַרויסהעלפן. נאָר צוגעגעבן האָט זי:

— אַ שוואַכער מוחל ביי אייך, כאָטש גאָר אַ ספריטנער בחור... אַ יאָ, בערעלע האָז הייסט איר? זאָגטושע מיר „מוסיע”... סליחה, חבר... בערעלע, אַ יאָ? אַ יאָ אַזוי? האָז... איבריקנס... קומט אַריין! קומט אַריין אינעווייניק אין שטאַל...

— — — — — — — — — — —

איבער דער שמאָלער פעלדסטעזשקע זענען זיי געגאַנגען. מאיר. און נחמה.ביידע שווייגנדיקע. זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרזינדיקטע. און ער. מאירל, מיט אַ פאַרזשמורעטן אויג. און הגם אום היימלעך ס'איז געווען פאַר זיי דאָס שטומעניש, האָבן זיי אַלץ גע-שוויגן. ביידנס הערצער האָבן געקלאַפּט פון אומרויקייט און ביידע האָבן געוווסט...

זענען זיי אַ היבשע צייט אַזוי געגאַנגען נעבנאַנאַנד. ביז ווייט-ווייט, ווו רויך פון די ברענענדיקע, בעדויִנישע סטויסן איז שוין אָנ-זעעוודיק.

אָבער אָט האָבן מאירלס ליפּן שוין אָנגעהויבן ציטערן פון פריש אויפגעוואַכטן כעס, וועלכן ער האָט אין זיך פריער דערשטיקט, און אַ שוים הןט זיי באַדעקט.

ער האָט אָבער נאָך געשוויגן. ערשט. אַז ר'האָט נחמהן אַ דריק געטון אין האַנט און זי האָט אַלץ אירע אויגן נישט אויפגעהויבן — כאָטש זי האָט דערפילט אַ שאַרפן שניט ביים האַרץ — האָט ער, ווי דורך די ציינער, דורכגעזיגן: — פריער אויך אַ וואָרט נישט געזאָגט... האַ? אַ יאָ? קאָנסט קיין צוויי נישט ציילן...

נחמה, ווי גערן זי וואָלט איצט נישט געענטפערט, האָט זי דאָך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. די טרערן זענען איר געשטאַנען אין

די אויגן, און די ווערטער האָבן זיך ביי איר געפּלאָנטערט:
— ווען ?.. איך !.. וואָסזשע זאָל איך טון ?...
— איך זע, אַז דו ווייסט גאָר נישט, וואָס איך רעד צו דיר!.. אָבער ער, דער אורח, ער ווייסט שוין יאָ!.. האָסט געהערט אַ „ווע בע מע!" איך האָב דווקא געוואָלט הערן, וואָס דו וועסט אים ענט־פערן, — און גאָר נישט... דיך האָט נישט געאַרט... אָהאָ! איך וואָלט אים שוין געווען!... אָבער... איך האָב נישט געוואָלט פאַרשטערן די שמחה... כ'וואָלט אים געווען אָפּגעשיקט אַהין, פון וואַנען ער איז גע־קומען... נאָך מיט רוח, אָבער, מילא!

הערנדיק זיינע טענות, איז נחמהן שוין היימלעכער געוואָרן. זי האָט פאַרשטאַנען אַז מאירלס גאַנצער צאָרן ברענט נאָר קעגן אים, דעם דיכטער אהרון צווייג, און ווייל ער האָט דאָרט, אין צריף, נישט אויסגעשפּרונגען, מאירל, וויל ער זיך דאָ אויסלאָדן. האָט זי אויפגע־הויבן די אויגן, גלאַנציקע פון טרערן, אין וועלכע אַ שמייכל האָט זיך שוין געשפּיגלט, און מיט אַ האַנט אים געגלעט איבערן קאָפּ:
—...וואָלט ער שוין דיך געדענקט! וואָלט ער שוין געוווּסט, ווי אַזוי מאירל גזלנס כלה קושט... ער וואָלט עס שוין געפילט... אוי וואָלט ער!

מאירלס פאַרזשמורעטע אויג האָט זיך פונאַנדערגעצויגן, און אַזוי שנעל ווי זיין כעס האָט זיך צעפלאַקערט, אַזוי גיך האָט ער זיך אָפּ־געקילט. דער בייזער ברום האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כראָפּעוואַטן געלעכטער. וואָס האָט געקלונגען ווי אַ מין ווטאָרע צו נחמהס חנדעלעך, הגם זיי זענען געווען כמעשה־נישט אַביסל אָנגעשטעלט.

אַז די אָנגעצויגנקייט פון ביידע האָט זיך אָפּגעטאָן, האָבן זיי שוין געשפּרייזט לוסטיקער, זיך געהאַלטן ביי די הענט, ווי צעשפּילטע קינדער, און צוגעטראַכט זאַכן, וואָס מוזן דווקא אַרויסרופן אַ געלעכ־טער. און אָט דערמאָנט זיך נחמה אָן עפּעס אַ מעשה מיט צמחן און בכיון דערציילט זי דאָס איבער קאַפּויר, מיט „פאַנטאַזיע", כדי ס'זאָל אויסקומען וואָס מער לעכערלעך און נאַריש פון זיין זייט: כאַ־כאַ! ווי ער האָט עס דעמאָלט אויסגעזען! הערסט, אויף די שפּיצפינגער איז ער צוגעקומען צו מיין בעט יענע וואָך... כאַ־כאַ! וואָלסטו אים

דעמאָלט געזען... ער האָט מיר געוויזן, אַז זיינע אויגן זענען אָנגעצונדענע פון נישט שלאָפן... ווייסט, מאירל, ער האָט מיך געפרעגט, אויב איך בלייב שוין אויף אייביק דיין בחורה... כאַ כאַ כאַ! אַזאַ נאַרישער פּאַסטוך: ער האָט עס געמיינט, אַז איך וועל זיך כאָטש אים ווארפן אויפן האַלז... דאַן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַמאָל ערגעץ געהאַט אַ סך ווייבער און היינט... כאַ כאַ כאַ! זאָג, מאירל, איז ער נישט אַ נאַר? כאַ כאַ!

— אַ באַראַן אַ געקרייזלטער! כע כע! האָט מאירל צוגעגעבן, אַרומנעמענדיק דערביי נחמהן ביי דער טאַליע, אַז זי האָט זיך אַזש איינגעבויגן פאַר הנאה!

— אַזאַ באַראַן, אַ קודלעוואַטער — האָבן זיי ביידע געלאַכט.

אַריבערגעשפּרייזט אַ שמאָל שטעגל, זענען זיי צוגעקומען צו אַ ברייטן פעלז־שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט ביי אַ באַרג־פוס פון די אַרומיקע קייטן, וועלכע רינגלען אַרום דעם באַנייטן תבואה־טאָל.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטיין. מאירל גזלן האָט אַרויסגעצויגן פון זיין טיפער הויזנקעשענע די ליולקע, אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק פון אַ פולן פעקל, וואָס ער האָט אויסגעפּאַסעוועט לכבוד יום־טוב, צוגלייך מיט אַלע יוספיהר חברים, און מיט אַ צעפרידנקייט געמאַכט פייער. אַז די הרחבת־הדעת האָט זיך גענומען אין אים אַריינציען, האָט ער — בלאָזנדיק דעם בלויען רויך, — איינגעפונען, אַז ס'איז גראָד איצט די פּאַסיקסטע צייט, אויף אַן אמתן אַ רעד צו טון מכּוח אַן ערנסטער זאַך און טאַקע הערן אויך אַ וואָרט פון נחמהן. ער האָט זיך שוין זייט אַ שטיק צייט גענומען אַרומקוקן, אַז אַזוי אָט, ווי איצט, זיצנדיק אויפן פערד, קאָן מען נישט אָפּלעבן אַ לעבן. אייביק קאָן מען דאָך קיין גאַסט נישט זיין און יעדן חודש אויף אַן אַנדער געלעגער ליגן. ער האָט זיך דאָך שוין, מיט אַ צייט צוריק, גענומען אַרומקוקן און איז דערגאַנגען, אַז אפילו אַ כּלב האָט אויך אַביידל, — ווער שמועסט נאָך אַ געטרייער הונט, וואָס טרעט פון הויף נישט אַוועק. און אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, פאַרגלייכט זיין לעבן מיטן לעבן פון יעדן קלענסטן גאָטס־באַשעפעניש אויף דער ערד, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אַזוי־אָט ווייטער איז שוין גאָר נישט מעגלעך. מען דאַרף פון פערד אַראָפּ! דעם זאָטל אַראָפּנעמען און אין

שטאַל פירן. דעם אָגער אין שטאַל און פאַר זיך אַליין אויך אַ בודע שטעלן. ס'איז אים קלאָר געוואָרן מאירלען... אָבער ווי צייטיק אָט דער געדאַנק איז אין אים געווען, האָט ער דאָך פאַר קיינעם גאָרנישט פאַראָטן. אפילו נישט פאַר זיינע נאָענטע געשווירענע ידידים. ווייל ווי שוואַך זיי אַלע זאָלן נישט זיין אַליין, וואָלטן זיי דאָס פאָרט אָנגענומען פאַר אַ מין חולשה פון זיין זייט, פאַר אַ מין אָפּלעגן ס'כלי-זיין, אַ סימן פון אַלטקייט, וואָס נעמט שולט זיין איבער אים. און אָט דערפאַר האָט ער זיך געשראָקן. נאָר נישט אונטערגעבן זיך, נאָר נישט אַלט ווערן, נאָר נישט בויגן זיך. — איז — ווי שטאַרק און נישט געלעגט ביי זיך ער איז אַלץ געווען, האָט ער זיך דאָך געהיטן מיט אַ וואָרט, וואָס וואָלט ביי אַנדערע אַ חשד דערוועקט און ביי אים אַליין אפשר ספקות אין אייגענעם כח.

האָט אין אים אַ געדאַנק געצייטיקט, און ער טראָגט אים פאַרבאָרגענערהייט אַרום, וואָרעם... „אפשר נאָך צייט, אפשר נאָך צו פרי? מ'קאָן זיך דאָך פאָרט נישט אַוועקזעצן און זיין, ווי אַ שטייענדיק וואַסער!...“

גייען טעג אַוועק, וואָכן און חדשים. לאַנגע חדשים. און דערווייל פליט ער, מאירל, ווו נאָר בויטיק, אַריינגעכאַפּט. כל-זמן ס'לאָזט זיך, כל-זמן דער צינדשטאָף איז נישט אויסגעוועפּט.

ער הויבט די שווערע פליגל זיינע, דער אַלטער אָדלער, פּאַטשט מיט זיי, פּאַטשט אין דער נאַכט אַריין, מאַכט אַ ווינט; אַזוי לאַנג אָבער, ביז... ביז ער דערזעט די „זי“... איז — נישט ווילנדיק פאַלן די פליגל צענויף און דער שווערער רויבפויגל נידערט פון זיין הויך אַראָפּ. — ווייל...

די בחורה אין דער ווייסער שערץ האָט דעם ווילדן אורח כבוד געגעבן, און ער האָט שוין נישט געקאָנט אַוועק. הגם זי האָט זיך נאָך לאַנג געוועלט, האָבן די ברוינע, נאַקעטע מאַנסביל־אָרעמס שוין גובר געווען. — שוואַכער איז דעם „זי“ס ווילן פאַר דעם „ער“ס באַגערן... — — — — —

און אַז מאירל האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין ערשטן שכורן דרימל, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער קאָן שוין נישט אַוועק און פאַרגעסן. נאָך מער: ס'איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז בדיעבד איז

גאָר גלייך אַזוי... און אַז ס'איז גלייך, מוז עס דאָך זיין! וואָלט שוין טאַקע אפשר כדאי געווען זיך צוצואײַלן... — —

ס'וואַכט אויף די באַגראָבענע בענקעניש נאָך רו און מיט איר דער באַהאַלטענער פאַרלאַנג נאָך אַן אייגענער נעסט פאַר זיך און פאַר דער צווייטער העלפט... — —

און אָט אַזוי, זיצנדיק אויף דעם אַרויסגעשטאַרצטן, ברייטן פעלז, אַ וואָלקן רויך פון דער ליולקע אַרום דעם קאָפּ, גלעט מאירל נחמהס האַנט מיט אַן אים פרעמדער ווייכקייט און באַמיט זיך צו איבער־צייגן:

— אַ מענטש מוז אַ קלער געבן... און האָב איך אַזוי... פאַר־שטייסט... מאירל גזלן וועט זיך אַוועקזעצן אויף אַן אָרט און אָנטון אַ צוים... דו וועסט שוין זען... אַזוי וועט זיין... דו גלויבסט נישט... האַ? איך האָב זיך שוין פון לאַנג פאַרטראַכט וועגן דעם. איז אָבער אַלץ נאָך נישט די רעכטע צייט געווען. נאָך נישט די רעכטע... אָבער אַצינד... כי־כי!! אַצינד... אַז דו... אַז דוווילסט שוין... וועל איך... דו וועסט זען... דו וועסט זען... ער האָט אַרייגעגראָבן דעם קאָפּ אין נחמהס שויס און כליפענדיק געפלאַפּלט: דו וועסט זען...

נחמה איז געזעסן אַ שווייגנדיקע און צוגעהערט. אַן אומקלאָר־קייט האָט זיך געוועבט ביי איר אין מוח. ווי אַ שנורעלע געצויגן, אַן אומפאַרביקס, און פאַר די אויגן האָט עפעס געפלאַטערט. — דו וועסט שוין זען... דו וועסט שוין — האָט מאירל געפלאַפּלט... אָבער פלוצלינג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון נחמהס שויס, זיך אויפ־געשטעלט, און ווי ער וואָלט געגאַנגען מבשר־זיין אַ פעסטן באַשלוס, געוואויגן יעדעס וואָרט:

— הערסט, נחמה, תיכף נאָך ראש־השנה, איבערמאָרגן אויף דער באַכט — זאָטל איך דאָס פערד און פלי אַריין קיין ירושלים. דו הערסט, נחמה, אין די הויכע פענסטער וועל איך גייען. פאַר מיר זענען דאָרט אַלע טויערן אָפן. זיי ווייסן אַלע ווער מאירל איז... זיי געדענקען... נאָך פון די אַלטע צייטן! — יאָ! יאָ! וועל איך זיי זאָגן די גרויסע אדונים: זייט וויסן, אַז מאירל רעדט צו אייך. און ווייסט איר וואָס ער וויל? אַ שטיקל ערד וויל ער, אַן אייגןביידל וויל ער... אָפּגע־רעדט, אָפּגעטיילט, פאַרצוימט. אָט דאָס וויל ער... ווייל מאירל איז

שוין... ניין! ער איז נאָך יונג, נאָך נישט אויסגעלאָשן! אָבער אַן אָרט דאַרף ער, ווייל מאירל האָט ליב! מאירל האָט אַ בחורה ליב... דו הערסט, נחמה? דו הערסט, וואָס איך וועל זיי זאָגן? מאירל האָט אַ בחורה... דו הערסט, האַ?

— — — — — — — — — —

די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן זיך איינציקווייז אָפּגעטיילט, צעשפּאַרט און אַ באַנעצט, בלאָ שרייבפּענדל איז אַראָפּ אין קופּע היי. ווי אַ שווערער, האָריקער פּאַלן, בלייבט איצט העגנען דער בלאָנדער, געלאָקטער קאָפּ איבער דער אַנטבלויזטער ברוסט.

צמח האָט צו זיין מוטער געשריבן. אויף דער שויס ליגט דאָס שרייבברעט און אויף אים אַן ערשט פאַרענדיקטער בריוו.

אַ לייכט ווינטעלע באַרירט די ברעזענטענע ווענטעלעך. אַ סודות־דיק־פּאָרכטיקער ערב ראש־השנה גרוס. דורכן געלעכערטן, שפּיציקן דעכל רייסט זיך אַריין אַ דינער ליכטשטראַל און גליטשט זיך אַראָפּ איבערן ברוינעם סלופּ, וואָס האַלט אונטער דאָס געצעלט. טאַנצט ער, דער שטראַל אַראָפּ אַרויף, ווי וועלנדיק אַ באַהעלטעניש געפינען, נישט צו מוזן אַוועק באַלד מיט דער זון. טאַנצט ער אַרום צעשטראַלט. און אַז ער דראַפּעט זיך אויף צמחן, קניפּט זיך אָן אָן זיינע לאָקן, הויבט צמח פּאַמעלעך אויף דעם קאָפּ. ער עפנט ברייטער די אויגן און אַ דערמאַנונג שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי. אַ דערמאַנונג פון אַן אָפּגעטונענער, שווערער אַרבעט.

ווען ס'פאַלט דאַן זיין בליק אויפן אָנגעשריבענעם בריוו, ציען זיך אויס, פון זיך אַליין, זיינע פינגער צום שרייבברעט. מיט אַ געפיל פון וועלן מפיס־זיין עמעצן, לייענט צמח די אויפגעשריבענע שורות:

„צו מיין איינציק־טייערער מוטער! וואָס מאַכסטו דאָרט, אין ווייטער ווייטקייט?״ — —

אָבער פאַרוואָס ווערן צמחס בלויע אויגן גלאַנציקער און דערציילן, — פאַר קיינעם־נישט־אַקעגן, — פון אַ מין שטומער, כמעט קינדערישער חרטה פאַר עפּעס אומבאַקאַנטע, נישט־געשטויגענע זינד?

„מאַמע, דו געדענקסט דיין אַלטערן? געדענקסט, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל אויסגעזען, מיט אַ פּופּצן יאָר צוריק?... ווייסט, מאַמע, איך האָב היינט אַן אָפּגעברוינטן לייב און לאַנגע לאָקן מיט אַ באָרד...

אַ יאָ, דו וואָלסט מיך וועלן זען, אַזוי ווי איך קוק אויס אַצינד?! מאַמע, איך בין היינט אַ פּאַסטוך פון אַ טשערעדע שאָף. יאָ, יאָ! דו האָסט עס אוודאי נישט געוווסט... איך בין אַן אָפּגעזונדערטער און אַ מאָדנער... אַזאַ מאָדנער, מאַמע, אַז אַלע וווּנדערן זיך... אָבער... ווייסט, היינט איז ערב ראש השנה... איך מאָל מיר אויס, אַז דו גרייטסט דיר איצט די תחינות און האָסט פאַרוויינטע אויגן. אָבער, מאַמע... האָסטו נאָך דיין ווייסן שאַל מיט שפּיצן, מיט וועלכן דו פלעגסט דיין קאָפּ צודעקן, אַלע ערב ראש השנה ביי ליכט צינדן? מאַמע, דאָ, ביי אונז אין עמק איז נאָך ליכטיק... אַזאַ ליכטיקער טאָג, ווי היינט, וועט זיך אַזוי גיך נישט באַווייזן. ס'וועט באַלד כמאַרנע, ווינטיקע טעג קומען. וועל איך, מאַמע, דעמאָלט ליגן אין געצעלט און וועל קלערן. איך וועל שוין וועגן דיר אַ סך קלערן... וואָרעם, מאַמע, מען פאַרגעסט אפנים נישט אויף אייביק... מאַמע, איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געפרעגט אויפן געזונט פון מיין שוועסטער... וואָס מאַכט זי? זי האָט אוודאי שוין קינדערלעך. אַ יאָ? זי רעדט אַמאָל אוודאי וועגן מיר... און איר מאַן? אויב, מאַמע, ז'האָט שוין אַ קינד, מיין שוועסטער, קוש עס פון מיר. — ס'גריסט אייך אַלעמען און ס'קושט דיך, מיין איינציק־טייערע מוטער.

דיין זון אַלטער."

דאָס געשריבנס האָט זיך אויסגעלאָזן. אַ דערלייכטערונג, ווי נאָך אַ וואַרעמער תפילה, איז נכּר געווען אויף צמחס פּנים. אַן אָנגעזעענע בריק צווישן אים און עפּעס אַ וויטן, וויטן האַלב־פאַרגעסענעם ווינקל האָט זיך אויסגעלעגט אַצינד. פון האַרץ אַרויס האָט זיך אַרויסגעשפּינט אַ ווייסער דינער פאָדעם, וואָס האָט זיך אַמאָל איינגעצויגן.

צמח האָט געהאַלטן דעם בריוו, און די הענט האָבן ביי אים געציטערט... אַ טרער האָט אויפגעלויכטן אין אויג. אַ טראָפּן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויפן באַשריבענעם פּאַפּיר, און אַ צווייטער איז פאַר־פאַלן געוואָרן אין אויפגעלאָזטן העמד.

אַז ר'האָט שוין געהאַט איינגעהילט דעם בריוו אין קאָנווערט און זיך אָנגעבויגן איבערן געלעגער, כּדי אויפצוזוכן דאָס שרייבפענדל אין קופּע היי, האָט זיך, מיט אומזיכערע טריט אַריינגעשאַרט אַ גאַסט אין געצעלט אַריין.

צמח האָט זיך פאַרלוירן. אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט ער דערזען אַ פרעמדע בחורה, וואָס מעסט אים מיט אַ פּאָר רירעוודיקע שוואַרצע אויגן.

— איר זענט נישט ברוגז?

צמח האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. די זכרונער יפהפיה האָט געשמייכלט און פון איר שמאָלן, געפּאַרבטן מיילעכל האָט אַרויסגעגילדעט אַ פרעמד ציינדל.

— איך בין אַ גאַסט דאָ ביי אייך אין קבוצה. כמעט מיט אַלע חברים זיך שוין באַקענט, נאָר אויף אייך האָט מען זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

מיינענדיק, אַז צמח איז אין פאַרלעגנהייט מיט אַ וואָרט, האָט זי צוגעגעבן:

— נו, בין איך אַליין אַריינגעקומען. איך האָב אפשר איבער־געשלאָגן?

— מ.. מ. מאַכט נישט אויס.

— איז גוט.

זי איז צוגעטרעטן נענטער צו צמחן.

— מיין נאָמען איז שושנה. איך בין פון זכרון, פון אַן אַלטער קאָלאָניסטן־משפחה.

איצט האָט שוין צמח אַ ביסל דרייסטער אויף איר געקוקט און מיט אַ לייכטן נעלעכטערל אָפּגעענטפערט:

— אַז איך בין צמח, דער פּאַסטוך, ווייסט איר דאָך אַליין...

— ...אַוודאי ווייס איך...

צמח האָט אַרויסגעלעגט דעם בריוו פון האַנט, אָפּגערוקט דאָס שרייבברעטל אָן אַ זייט און פאַרשפּילעט דאָס צע/אָזענע העמד. שושנה האָט דערווייל צייט געהאַט צו באַטראַכטן דאָס געצעלט.

— אַן איינזאַמער דאָ אַליין, האַ?

— איר ווייסט עס דאָך...

הגם אָט די קורצע ענטפערן צמחס האָבן זי אַ ביסל פאַרדראָסן, האָט זי דאָך נישט אויפגעהערט צוצוואַרפן נייע שאלות:

— אייך גלוסט זיך נישט אַרויסגיין אפילו אויף אַ רגע אין הויף?

חברה איז דאָך גאָר אויפגעלעגט. פאַראַן אורחים, וואָס זענען מיט מיר געקומען. דער דיכטער אהרן צווייג איז דאָ.

— איך האָב זיין שטים דערקענט... — —

צמח האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אַזוי גיך נישט בלייבן אַליין, האָט ער, בלית-ברירה, שוין געמוזט צונעמען זיין גאַסט.... ער האָט פאַרשפּרייט דאָס געלעגער מיט אַ ריינער, געפלאָכטענער שטרויענער ראָגאָזשע און שוין מיט סבר פנים יפות געבעטן זיין שיינע אורחטע זיצן.

מיט אַ חנדעלע האָט זי פאַרשאַרט אַ ווידערשפּעניקע גריווע, וואָס איז איר גראָד איצט געפאַלן אויפן שטערן, און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ראָגאָזשע.

— אַן אמתער נאַטוראַליסט זענט איר.

— אַזוי זיך.

— טאָ, דאַרפן מיר די פיס אַרונטערנעמען אונטער זיך...

פון שמאָלן, גרינעם זיידנקליידל אַפּער האָט אַ שפּיץ פון ווייסן אונטעררעק אַרויסגעקוקט. צמחס בליק איז נישט ווילנדיק דערויף געפאַלן. שושנה האָט עס באַמערקט און קאָקעטיש אַראָפּגעצויגן דעם ברעג פון אויבערשטן זיידנקלייד:

— אַזוי! איר האַלט נישט אוודאי פון מאָדע. אַ יאָ?

— איך קום נישט דערצו...

— אָבער אַמאָל?

— ?

שושנה האָט זיך אָבער דערכאַפּט, אַז די דאָזיקע פראַגע איז אַ ביסל צו פרי געשטעלט געוואָרן און גענומען אַרויספירן אויף עפּעס אַנדערש.

— אָבער היינט וועט איר יאָ אַריינקומען אין צריף אַריין, אַ יאָ? זיך זען מיט באַקאַנטע, זיך צערעדן און זיך באַקענען מיט פרעמדע...

— קאָן זיין.

— וואָסזשע, עס איז ביי אייך אַ ספק?

— ס'איז געווענדט.

— אויב אַזוי, איז...

זי האָט איבערגעריסן. אַ בלאַסקייט האָט מיטאַמאָל איבערגעצויגן

איר פנים, און די נאָזלעכער זענען ביי איר ברייטער געוואָרן.

— צמח...

צמחן איז אומהיימלעך געוואָרן. אין געצעלט האָט גענומען טונקעלער און טונקעלער ווערן. שאָטנדיק איז געוואָרן אין די ווינקלען. און צמח מיט שושנהן זיצנדיק אַזוי אויף דער ערד, האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַרויסקוקן אין שווייגעניש אויף דעם אָנקום פון דער נאַכט. אין פאַרנאַכטיק-גראָען חלל האָט זיך ווי אַ מין טונקעלע דערוואַרטונג אויסגעהאָנגען. צי האָבן אָבער ביידע אויף דאָסזעלביקע געוואַרט? — —

אויף יענער זייט געצעלט האָט דער יום-טוב שוין געקיניגט. און כאָטש די שפּאַצירנדיקע איבערן הויף האָבן וואָכעדיק גערעדט, האָט דאָך ווי אַ מסיני-ענלעכער קלאַנג זיך אַרויסגעהערט פון זייער שמועס. און צמח האָט דעם קלאַנג אויפגעכאַפּט:

— איר ווייסט, שוין ראש השנה?

— איך ווייס — האָט שושנה געענטפערט.

אָבער אַ ציטער, וואָס איז דורכגעלאָפן איר לייב, האָט זיך אַרויסגעשפּירט פון די צוויי ווערטער אירע:

— איר ווייסט — האָט צמח געצויגן — איך פלעג אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, מיט פאַרכט אין האַרץ לויפן אין שול אַריין... אָ, שוין זייער לאַנג...

— איר... איר זענט אַמאָל פרום געווען, צמח?

— אַמאָל געווען...

— און היינט?

און כאָטש די פראַגע שושנהס איז דווקא געווען אין אַ לאַכעדיקן טאָן געשטעלט, איז עס דאָך קיין לאַכן נישט געווען.

— איר ווייסט, שושנה, איך וואָלט איצט וועלן אין אַ שול זיין...

אָבער ביי שושנהן האָט שוין געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. זי האָט זיך ווי מיט געוואַלט, אויפגעהויבן פון דער ערד און צו צום צודעק פון געצעלט.

צמח האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, אָבער נאָכגעקוקט האָט ער יאָ יעדע קלענסטע באַוועגונג שושנהס און אפילו אויפגעכאַפּט יעדן

צוג פון אירע צערודערטע אברים.

אין צמחס מוח האָט דורכגעצויגן אַ פראַגע, וואָס לאָזט נישט איבער קיין קלאָרקייט נאָך זיך: „וואָסזשע, אין אמתן, איז זי אויסן, די פרעמדע בחורה, און אויף וואָס וואַרט זי נאָך? ז'האָט דאָך שוין געפרעגט און געפרעגט? זי..."

אַן אומרויקע מחשבה האָט זיך אַריינגעצויגן: „זי איז דאָך, אייגנטלעך, צון אַלע געקומען — וואָסזשע זוימט זי זיך אָט אָ דאָ? —

האָט ער דען געוואָלט צמח, אַז זי זאָל אַוועקגיין? און צו וואָס אייגנטלעך האָט ער זיך באַמיט צו דעראָטן אירע געדאַנקען? — —

שושנה האָט זיך אויסגעדרייט. ז'האָט געהאַלטן די האַנט אויף דער ברוסט און מיט צעטראָגענע בליקן געקוקט אויף צמחן. ביי צמחן אויף דער צונג האָט איצט געהאָנגען אַ פראַגע, אָבער געפרעגט האָט ער עפּעס אַנדערש:

— ברענען שוין די יום-טוב-ליכט אין עסשטוב?

— עס ברענען.

— איז מען דאָך שוין אוודאי דאָרט. מען הערט נישט קיין שפּאַצירנדיקע מער.

— אַלע זענען מסתמא דאָרט. איר הערט זינגען, צמח?

— איך הער.

ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, אָבער פּלוצלינג האָט זיך שושנה אָנגעבויגן איבער אים און מיט אַ ציטער אַרויסגעשעפּטשעט:

— ביי אייך שמעקעדיקע קרויזן, צמח...

אָבער איידער צמח האָט נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן דאָס געהערטע, איז זי שוין געווען אויף יענער זייט; בלויז אַ צערייצטער געלעכטער האָט אַריינגעכיכעט צון אים אין געצעלט אַריין:

— כי-כי... כאָ-כאָ... כי-כי-כאַ-כאַ....

אַ היבשע ווייל האָט צמח לחלוטין נישט געקאָנט פאַסן דאָס, וואָס איז אַזוי בליצשנעל דורכגעפלויגן. אַ פּאָר ווערטער, ווי אַן אויסטערלישער שפּרוך, האָט זיך געבאָמבלט ביי אים אין מוח, און עפּעס אַ חוזק-געלעכטער האָט דערקוטשעט... „וואָס איז דאָס, אָט?!"

ווי לייכט ס'איז געווען צו טרעפן דאָס נישט פאַרוויקלטע רעטעניש, וואָס שושנה האָט אים פאַרגעבן. האָט צמח דאָך נישט גע-

קאָנט באַנעמען, אַז אַזוי־און־אַזוי... ר׳האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ראָגאָזשע און געבליבן שטיין אין מיט געצע״ט. אַ סטאַטוע פון אַ מענטש אין ווייסן געוואַנט געהילט. און די סטאַטוע צענעמט, מיט־אַמאָל, ווי אונטער אַ כשוף־צייכן, אירע הענט און צוויי לאַנגע שאָטנס לעגן זיך אויס אויף די לייוונטן.

זי צערוקט די פיס, ווי אויף אַ נישט־געהערטן באַפעל, רוקט זיך, פּאַמעלעך־אויסגעמאָסטן אַוועק פון אָרט און פאַרשווינדט. בלייבט אַ הוילער ווינקל איבער אין נעפּלדיקן חלל.

צמח איז אַריין אין דער הי׳צערנער וואַששטוב. ר׳האָט אַראָפּגע־וואָרפן דאָס העמד און געוואַשן דאָס לייב אין קאַלטן וואַסער. די נאַסע קרויזן האָט ער אויסגעגלייכט מיט די פינגער און אַרויסגעגאַנ־גען אויפן הויף.

אַ יונגע לבנה, אין דער פאָרם פון אַ סערפּ, האָט אַראָפּגעשיינט פון דער הויך, און אין דער גאַנצער שלוהדיקייט פון אָוונט האָט אַ סודותדיק הייליקע פּאָרכטיקייט געשוועבט.

קיין נפש נישט אונטערן הימל.

צמח האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגענומען אַלץ מיט אַ בליק: „אָט, אין דער שלוה פון וואַקסנדיקער נאַכט ווערט געבוירן דאָס נייע יאָר. אין דער שלוה פון וואַקסנדיקער נאַכט פאַרגייט אַ יאָר. און...״

חשבון הנפש ביז שלימות, ביז געלייטערטקייט. און דאָך נעמט פּלוצלינג אַ שאָטנגעדאַנק פּיקן אין איינעם אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל און אומבאַוווסט, אומגעריכט רוקט עפּעס אַזוינס אָן, וואָס רייסט אַוועק פון סטעזשקע: נישט די פלאַמענדיקע ליכטער און דער סתם־יום־טוב־דיקער רעש האָבן צמחן אָפּגעשטעלט ביים גרויסן צריף און נישט געלאָזט צוריקגיין צו זיך אין געצעלט אַריין. נישט אפילו אַ פאַרלאַנג נאָך פרייד פון לוסטיקער סעודת־אחים ביי געדעקטע, לאַנגע טישן.

פאַרוואָסזשע האָט זיך צמח אָפּגעשטעלט אַקעגן דעם גרויסן אַריינגאַנג? אפשר דער „לדוד מזמור״, וואָס האָט אַרויסגעפּראַלט אין דרויסן אַרויס, דורך דער אָפענער טיר, האָט אים נאָכגעיאָגט און פאַר־לאָפן? עמעץ האָט זיך אָן אַלטן היימישן נוסח דערמאָנט און איצט אים איבערגעחזרט, קאָן זיין אין בענקעניש נאָך יענער סביבה, פון וועלכער ער האָט זיך אָפּגעריסן.

נאָר אַרײַנקומענדיק אינעווייניק, האָבן פּאָרט זײַנע אויערן גאָר נישט אויפגענומען, און די אויגן האָבן עפּעס אַרומגעזוכט. האָט ער זיך אפילו נישט דערכאַפּט, אַז מיט זײַן דערשײַנען איז דער רעש אויף אַן אויגנבליק איבערגעריסן געוואָרן, און אַלע האָבן אויף אים אָנגעשטעלט זייערע פאַרוואונדערטע בליקן:

„צמח! צמח!"

ערשט אַז אהרון צווייג, אַרומגערינגלט פון זײַנע געשווירענע אָנהענגער — ביי דער רעכטער נחמוני הויקערל און ביי דער לינקער כרמי דער מנהל — איז ווידער אַרויס אויף זײַן ברומענדיקן קול, איז דער טומל צוריק אַוועק מיט זײַן פריערדיקן גאַנג.

„צמח דער פּאַסטוך איז אַרײַנגעקומען, געזען, אָנגעלעגט און שוין!..."

— שאו שערים, שערים ראשיכם, והנשאו פתחי עולם
אוי אוי
ויבא
ויבא מלך הכבוד. — — —
מי זה מלך הכבוד
ד' עזוז וגבור
ד' גבור מלחמה!...

ער פאַרמאָגט התלהבות, אהרון צווייג, און קאָן גאָט־זוכן. אפנים, דער כח קומט אים בירושה...

אין אַ ווינקל, דווקא נעבן נחמהן און מאירל גזלן, האָט זיך צמח אַוועקגעזעצט, און מאירל האָט אים גאָר וואַרעם צוגענומען:

— ביזט דאָ, לאַנגער? נישקשה! זעץ זיך אַוועק, הער זיך צו צו אַ ביסל נוסח! עך, ברודער, דאָס יאָר איז גרויס, גאָט איז ווייט, און מיר... עך!

מאַלעש! — —

אהרון צווייג האָט געפּאַקערט:

ד' צבאות הוא מלך הכבוד סלה!

— — — — — — — — —

ביי דער סעודה האָט געגלאַנצט די זכרונער יפהפיה. זי איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון פּאַריז, האָט זי געהאַט צו דערציילן

נסים ונפלאות וועגן דער דאָזיקער שטאָט, וואָס אין איר איז קיין אָרט נישטאָ פאַר טרויער... האָט זי דערציילט וועגן הייזער, ווו מוזיקקלאַנגען און טענץ הערן נישט אויף, און ווו די דאגות און יסורים ווערן פאַרטראָנקען אין אַ ים ליכט און ריחות. דערציילט פון איר פאַרברענגען אין פאַרשידענע טעאַטערן, אומצייליקע מאָל, און פון דעם שפּאַציר איבער בולוואַרן, ווו טויזנטער-טויזנטער מענטשן שטראָמען כוואַליעסווייז. פון די פּרעכטיקע טואַלעטן פון דאַמען און גאַלאַנטע קאַוואַלירן, וואָס זענען „קאָמילפאָ".

האָט זי דערציילט, שושנה, און אַלע האָבן זי געהערט. אַ טייל האָבן אפילו, מיט נייגיריקייט, זיך געוואָלט דערוויסן וועגן עפּעס „פּיקאַנטעס", און אייניקע גראָד וועגן ערנסטערע זאַכן... נחמוני דער לערער, למשל, האָט געוואָלט וויסן, צי דער אייפל-טורעם איז באמת הויקערדיק, און כּרמי דעם מנהל-עבודה איז געגאַנגען אין גאַנצן לעבן, געווהיר צו ווערן, אויב דער דיכטער מייער פירט באמת אַ לוקסיעז לעבן און איז אַ גאַנצער דאָן-זשואַן צום אומגליק פון דער „ספרות העבכת החדשה".

שושנה, וועלכע האָט, קאָן זיין, דעם אייפל-טורעם אפשר יאָ באַטראַכט און מייערן נישט אפילו אין חלום געזען, האָט אינגאַנצן באַשטעטיקט די פאַרשטעלונגען פון די אויסקונפטסנעמער. נאָר באַפעסטיקט און פאַרצוויקעוועט האָט ערשט אהרון צווייג:

— אָהאָ! קלמן מייער! פון ארץ ישראל איז ער יאַקאָס אַנטלאָפן, דער עלעגאַנט! — ער פאַרשטייט שוין אַן עסק! אַן עסטעט! גראַמט „האַרץ מיט שמאַרץ", „מרק מיט פראק" און טראָגט גלאַזעהאַנדשו! אָהאָ —! מעגלעך, אַז אהרון צווייג וואָלט געוועזן גאָר לייכט אַריינגעפאַלן אין היסטעריקע, ווען נישט דאָס, וואָס מרים האָט שמייכלענדיק, אויפגעוויקלט אַ בריוו פון טאַטע-מאַמע, וואָס זענען נאָך חצי-אלול אַוועק קיין ירושלים אויף ימים-נוראים און פון דאָרט צוגעשיקט אַהער, צו זייערע שפּייזער, „כל'ע ווינטשעוואַניעס" צום נייעם יאָר, וואָס „זאָל אונדז קומען צו געזונט, צון פרנסה, צו אַ ישועה און גאולה שלימה פאַרן גאַנצן כלל ישראל, הן בארצנו הקדושה והן בחוץ לארץ".

דער בריוו האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ וואַזשנעם רושם. דער

עולם האָט זיך געפּרייט ביז גאָר, וואָס ענדלעך זענען מקוים געוואָרן ר׳ זיינוועלעס און ביילע יענטלס ווונטשן און חלומות, דערלעבן מיט אייגענע אויגן צו זען די ליכטיקע שטאָט, די הייליקע קברים און מתפּלל צו זיין ביי דער כותל מערבי.

און ר׳ זיינוועלע מיט ביילע יענטלען האָבן דאָך חדשים־לאַנג געוואַרט און ממש אויסגעגאַנגען פון גרויס בענקעניש. אויסגעגאַנגען... באָר צום רעכטן גליק האָט ביילע יענטלס אַ קרוב פון פרייסן צוגע־שיקט גאַנצע פינף לירעס מיט אַ צושריפט, ביי געלעגנהייט „צו פּע־ריכטן אַ געבעט ביי דער וואַנט פון צעשטערטן טעמפּל פאַר דער זעלע פון דער פאַרשידענער פרוי־מאַמא״...

און די אפּותיקא איז אָנגעקומען צום „רעכטן יאַריד״, פּונקט חצי־אלול. האָט מען לאַנג נישט געקלערט, איינגעפּאַקט אַ פּעקעלע, און אויף צומאָרגנס האָבן ר׳ זיינוועלע און ביילע יענטל זיך געשאָקלט אויף צוויי קליינע אייזעלעך צו דער באַנסטאַציע, פון וואַנען די רעלסן ציען זיך ביז סאַמע ירושלים.

— „אַ קלייניקייט, די הייליקע שטאָט — אַ קלייניקייט!...״

אָבער חוץ דער בענקעניש צו דער הייליקער שטאָט, איז נאָך עפּעס צוגעקומען, פון וואָס ר׳ זיינוועלע האָט זיך טאַקע שיער נישט אויסגעלאָזן, שונאי־ציון: „אַ קימאַ־לן פון פערצן טאָג שוין אין אלול און דאָ, אין יוספיה, בעוונותינו הרבים, נאָך קיין שופר נישט געהערט... אפילו נישט איין בלאָז... כאָטש אויף אַ רפואה.״ „אַי אַי! אַי אַי אַי!״

*

די ראש־השנהדיקע אויפדערנאַכטיקע סעודה איז אַ רייכע, מיט פליש, מיט צימעס און אפילו ווייַן צו פאַרטרינקען. — אַלץ טאַקע צו זעט. ציט זיך מיט דער מאָגנפרייד אויף די נשמה־פרייד אַריין און ס׳פאַרנעמט זיך אויף אַ רקוד, אויף אַן אמת־יום־טובדיקן.

די אמתע שמחה אָבער אַנשטייט ערשט, ווען פון טיש רוקט זיך אַפּער מאירל גזלן, שטאָלט אָן די פּאָדקאָווע און טוט אַ דריידל אויף זיין שטים:

וטהר לבנו לעבדך באמת!

ווי אַ רייסנדיקער וואַסערפאַל! כאַפּט זיך עולם אויף פון די

ערטער ווי איין מאַן. ס'ווערט אַ ראָד, ס'וואַקסט, קאָפּ צו קאָפּ, האַנט צו האַנט:

לעבדך, לעבדך באמת!

ס'טאַנצן די ליכט-פלאַמען, די פענסטער קלינגען:

באמת, באמת, באמת!

און אויף אַמאָל — אין מיט ראָד: ער! גאָר ער, ער, צמח דער פּאַסטוך, אין ווייסן העמד! ווערן קולות: צמח, צמח, צמח טאַנצט!

טאַקע! און צמח הויבט זיך, זיין געלאָקטער קאָפּ שוועבט און טראָגט זיך העכער און העכער. און ער זינגט צמח:

וטהר לבנו לעבדך באמת.

אָבער איידער וואָס, און צמח טאַנצט שוין נישט אַליין, איבער זיין אַקסל האָבן זיך צוויי מיידלהענט פאַרוואָרפן. „קוק! קוק! די זכרונער, די יפהפיה הענגט אויף אים!" פּאַטשט מען אין די הענט, מען גיט אונטער היץ.

פייער! פייער!

וטהר וטהר

וטהר לבנו

ו ט ה ר...

און פּלוצלינג — ווי ס'וואָלט אַ בליץ אַריינגעפאַלן:

אָ לאָ! אָ לאָ, אָ לאָ אָ-אָ-אָ! אָ אָ!

ווי אין צמחס האַלז וואָלט גאָר אַ טומאה געזעסן, אָדער אַ קלאַרנעט! אויף אַן איבערמענטשלעכער הויכער אָקטאַוו האָט ער אויסגעצויגן אַ פינאַל פון אַן אַריע און געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. ער, דער פּאַסטוך פון קבוצה. אַלע האָבן די אָטעמס פאַרהאַלטן. ווייט אויפן הויף האָט זיך אָנגעשלאָגן:

אָ לאָ! אָ לאָ, אָ לאָ אָ-אָ-אָ! אָ אָ!

VI

דעם ערשטן טאָג חול המועד סוכות האָט יוספיה געפּוסטעוועט פון פאַרטאָג אָן. די חברים און חברות זענען אַוועק קיין צוריה אויף אַ גאָר וויכטיקן צוזאַמענפאָר פון אַלע קבוצים, וואָס זענען צעוואָרפן איבערן עמק. ס׳האָבן באַדאַרפט פאַרענטפערט ווערן גאָר־גאָר וויכטיקע פראַגן, אַזוי אַז קיינער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אין הויף. חוץ ריין אָרגאַניזאַטאָרישע און פאַרטיי־אידעאָלאָגישע האָט מען באַ־דאַרפט באַהאַנדלען די פראַגע, ווי אַזוי זיך אַרויסצוהעלפן פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט געהאָנגען פאַר די אויגן, ווי אַ שרעקנגעשפּענסט. פון די שטעט זענען דאָך שוין פריער אָנגעקומען ידיעות וועגן פאַמעלעכן אויסלאָז פון אַרבעט, וועגן די הונדערטער אַרבעטער, וואָס שלעפן זיך איבער די גאַסן אָן אַרבעט און אָן ברויט און וועגן גוססן פון אייניקע דריבנע פאַבריקלעך. האָט מען דאָך גוט אָפּגעשאַצט, אַז אַזאַ צושטאַנד קאָן ברענגען אַ קלאַפּ דעם יונגן דאָרף — והראיה: דער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די ווינציקע פּראָדוקטן פון קבוצה האָט אָנגעהויבן שוואַכער ווערן, דער קרעדיט אַ מינימאַלער און אפילו די „תקציבים״, די שטיצעס, וואָס ווערן געגעבן, זענען שוין פאַרקלע־נערט געוואָרן. דער מצב פון אַלע דאָרפישע פּונקטן איז געווען אַן ערנסטער. דער אָנקומענדיקער אָסיען האָט געטראָגן אין זיין בוזעם כמאַרעס, רעגנס און... הונגער. זענען סיי באַפּולמעכטיקטע, סיי נישט באַפּולמעכטיקטע חברים אַוועק קיין צוריה. האָט אַ מאָדנע פּוסטקייט דעם טאָג געגענעצט איבערן הויף.

חוץ צמחן, וועלכער איז ערגעץ געווען הינטערן פּאַרקאַן מיט די שאָף און כּרמין, דעם מנהל־עבודה — וואָס האָט גראָד צייט צוויי טעג „פיבער״, און מחמת גרויס ערגערניש, וואָס זיין וואָרט וועט היינט נישט אויסגעהערט ווערן אין צוריה, נאָך מער נישט גערוט — זענען אין הויף נאָך געבליבן צוויי בחורות: נחמה און ברוריה, אירע אַ קראַנקע חברטע פון דזשינדזשאַר, וואָס איז אַהערגעקומען אין דער „פאַרפונדעוועטער״ יוספיה אַ ביסל לייב צונעמען. זענען זיי,ביידע חולאים, שוין פאַר היימלעכקייט וועגן, אין איין געצעלט גע־ווען. כּרמי, מיטן בליק אַראָפּ, אויף זיין בעטל און אויפן אַקעגנאיבער־דיקן ברוריה, ליגנדיק אויפן רוקן, די אויגן געווענדט צום אויבערשטן שפּאַלט אין דער לייוונט.

ליגן זיי זיך אַזוי, ביידע חולאים און פון צייט צו צייט וואַרפן זיי זיך איבער מיט אַ וואָרט מכוח דעם און יענעם.

— דו שלאָפסט, בחור?

— ניין...

— האָסט אַ פּאַפּיראָס?

— דו רויכערסט?

— גיב אַ פּאַפּיראָס, בחור, און כאַלאַס!

זי איז אַ קאַפּריזנע, די קראַנקע ברוריה. אפנים שוין צוליב איר קרענק אַליין: שפּורן פון געלן פיבער און דערצו נאָך בעקעלעך, וואָס צעבליען זיך... רויכערט זי אַ סיגאַרעט, כאַפּט אונטער אַ טרוקענעם הוסט און אַמאָל גאָר אַ פאַרפאַרבטן שפּיי...

— מילא!... — העלפט איר כּרמי אונטער מיט אַ צמאָק, פון אונטערן בעט אַראָפּ. — מילא... צ צ צ אָ! כאָטש נחמה אין איר ווײַ־סער באַלעבאָסטע־שערץ האָט זיך גאָר אָפּט אַריינגעכאַפּט, אַריינגע־בראַכט פאַר ברוריהן אַ ביסל „אמתן זופּ״ און פאַר כּרמיס וועגן אַ טאָפּ וואַסער, זענען די קראַנקע פאָרט געווען אַליין מיט דער גרויסער נודעניש.

— דו הערסט, ברוריה?

— האַ?

— ס'וועלן זיך מיט גאָרנישט ענדיקן די אַמפעררייען דאָרטן...

— וווּ?

— אין צוריה...

— פון וואָס געדרונגען, בחור?

— אַז איך ליג דאָ...

— אַ... אַזוי...

כרמי האָט זיך שטאַרק מצער געווען און אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון זיין „איך".

פלוצלינג ווערט אים אָבער הייס... טאַנצט ער אַראָפּ פון בעטל און פליט אַרויס.

אַז ברוריה בלייבט אַליין אין געצעלט, הויבט זי זיך אַ ביסל אויף, שלעפּט פון אונטערן קישעלע אַפער אַ קליין שפיגעלע, אַ צע־שפּאָלטנס, און באַטראַכט זיך דערין: יאָגט נאָך מיט די אויגן דעם קרומען שמייכל, וואָס גרינט זיך ביי איר אויפן פנים... „אַוודאי אַ שמייכל"... נאָר פון שמייכל, ווייזט אויס, נעמט שטעכן צוביסעלעך אָן אַ זייט... און ווייל זי איז אַליין אין געצעלט, באַטראַכט זי, אומגע־שטערט, דעם שליים און געפינט אויס, אַז די רויטע פינטעלעך זענען באמת פון דער לונג... אַ שמייכל באַווייזט זיך ווידער ביי איר אויפן פנים, אָבער זי זעט אים נישט מער... — אויפן צווייטן בעטל ליגט שוין ווידער כרמי און קרעכצט פון טאָפּלטער ערגערניש...

— בחור, האָסט דיר איבערגעפּירט דעם מאָגן... אַז ביי אייך פרעסט מען, ווי די רוחות! וואָלסט עס באַדאַרפט אַ ביסל ביי אונז זיין אויף אַ קוראַציע, וואָלסטו באַלד געגעזן געוואָרן... וואָלסט אַ ביסל באַדאַרפט פאַרזוכן דזשינרזשאַרער לחם... באָבעלעך... וואָלסטו שוין געווען „ופאָלנאָם פּאָריאַדקע"... און פאַר צוקערקרענק וואָלסטו סיי ווי באַוואָרנט געווען.

— ווי אַזוי?

— ביי אונז באַקומען צוקער נאָר יחידים...

— למשל?

— הויכגעשעצטע אורחים, מנהיגים...

— און איר?

— אונטער אַ גרויסן יום־טוב.

די דזשינדזשאַרער חברטע האָט זיך פאַרכאָרכלט, ענלעך אויף אַ געלעכטער... כרמי האָט געפּרווט כאַפּן אַ דרימל, אָבער קוים האָט

ער נאָר צוגעטון אַן אויג, האָט עס אים ווידער אַ הויב געטון און ער איז פּאַר ס׳ניי אַרויס, זיך קילן...

— בחור, וואָלסט שוין געמעגט דיר דאָרטן אויסבעטן און נישט אָנמאַכן אַ „טרעוואָגע״... הערסט, בחור?!.

ר׳איז שוין טאַקע אַזוי גיך נישט צוריקגעקומען. ליגט שוין ברוריה ווידער אַליין, ציט אויס די שפּיציקע, דאַרע פינגער און שפּילט זיך מיט זיי אין „ציגעלעך״... צוקאָפּנס האָט זי יאָ עפּעס געהאַט אַ בינטל שמות, אַ מין גלגול פון אַ רוסישן ראָמאַן, נאָר די כּלערליי זשוקן און ווערעמלעך, וואָס האָבן זיך געווידמענט איבערן גאַנצן געצעלט, האָבן זיך גאָר איצט צוגעכאַפּט צו די מויליקע בלעטער און געלענגערט זייערע פיסלעך איבער די שורות. האָט ברוריה דערווייל געביסן די נעגעלעך און אומהיימלעך זיך צוגעזונגען:

טשטאָ סקאָלזיט נאַ כאָלאָדנאָם גראַניטיע

פּרעוואַשטשאַיעט וו אַלמאַז ראָסינקי צוויעטאָוו... — — —

נחמה איז ווידער אַריין אין געצעלט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ ברוריהן אויפן בעט.

— דו זינגסט און זוכסט „מזל׳עך״ אונטער די נעגל, ברוריה?

ברוריה האָט זי אָנגעקוקט מיט אירע גרינלעכע אויגן, אין וועל־כע ס׳האָבן מאַטע פלעמלעך אויפגעבליצט:

— אַ קונץ. אַז דו האָסט שוין אויסגעפונען... געפונען צו מזל...

אַ מין לייכטער בטול האָט זיך אַרויסגעפּילט אין ברוריהס אָפּגע־ריסענע ווערטער... נחמה האָט פאַרלעגט די הענט אויף דער ברוסט און געפּרוווט שווייגן.

— אָבער זאָג, נחמה, וועט דיר נישט מיאוס ווערן דער אַלטער „קאָזאַק״, דער גזלן? נאָר, כּי־כּי־כּי! עס איז שוין אַזוי... אַז מען נו־דעט גאָר אָפּ אַ לעבן... און די יאָרן קאָן מען שוין נישט ציילן אויף די פינגער... אָבער, — „ניטשעוואָ! אי טאַק פּאָגיבניעם!״ איך, סתם, מיט האַלב־אָפענע אויגן און רויזיקע באַקן, — דו, מיט אַ פאַרשנורע־וועטן מויל, אין דער ווייסער שערץ, מיט אַ גענעץ... אָדער אפשר גאָר מיט אַ געלעכטער פון אַ הויכן באַרג־אַראָפּ... „טאַק טאָטשנאָ, גאָסודאַ־רינאַ!״ און אַ הייליקע זאַך וועט שוין זיין אָפּגעטון... „קאָניעטשנאָ!״

—אַך! טוב לחיות, טוב לחיות בארצנו... טוב לחיות, טוב לחיות, „קאָניעטשנאָ!"...

ביי ברוריהן האָט זיך געעפנט אַ קוואַל פון האַלב־הלצהדיקע און האַלב ערנסטע רייד, נאָר פון אַלע האָט אָפּגעהילכט אַ טעמפּער ווי־דערקול פון ווייטאָק... און נחמה האָט געהערט... איר איז, דוכט זיך, אַלץ געווען אַזוי באַקאַנט און דאָך...

— ברוריה, שוועסטער, וואָסזשע טוט מען, אַז ס׳ווילט זיך פאָרט לעבן?.. אַז ס׳בענקט זיך פאָרט? אַז ס׳בענקט זיך... — איז גוט וואָס ס׳זאָל נישט אונטער דער האַנט קומען... וואָס ס׳זאָל נישט אונטער... איז גוט יעדער איינער אויסוועג... אוי, שוועסטערל, ס׳איז דאָך אַזוי שלעכט אַליין... ס׳שטאַרבט דאָך אָפּ יעדער אָדער...

— גיי, נאַרעלע, ווער זאָגט אַליין? איך שפּאַס נאָר... דאַרפסט דווקא נאָר זיין מיט עמעצן... טאָ איז גוט טאַקע דער ערשטער בעס־טער מאַנסביל... אָבער... אָבער... נאָר איינער... ווייסט, נאָר איינער... אָט, ווייל... כי־כי־כי!

איז שוין אין ברוריהס כאָרכל געווען מער ווי געלעכטער, — ס׳איז געווען גיכער אַ געהעשעריי אויף דעם, וואָס עסט זיך איין ביז אין מאַרך ביזן אויסגעברענטן בלוט, וואָס ווערט צו וואַסער...

— דו ווייסט דאָך, נחמה, איך האָב אַ קינד...

— יאָ, ברוריה...

— און ווער זיין פאָטער איז ווייסטו?..

— ניין...

— אַ יאָ דו ווייסט נישט, נחמה?

נחמה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין"... ברוריה האָט ווי־דער געביסן די נעגל, ווי וועלנדיק זי אַרויסרייסן איינגאַנצן מיט די וואָרצלען פון פלייש אַרויס; נחמה איז געזעסן, די הענט פאַרלעגט אויף דער ברוסט און געקוקט — אויף די לייווענטן, אויף וועלכע ס׳האָבן איצט שאָטנס געשפּילט פון מיטאָגזון. „איך פריער, דו — שפּע־טער קאָניעטשנאָ". ביי נחמהן האָט עס זיך איינגעשניטן ערגעץ אין אַ ווינקל פון מוח און אָנגעהאָנגען, ווי אַ צוים אויף אַלע דערוואַכטע האָפענונגען און גלוסטונגען... און דאָך האָט זי זיך געראַנגלט, געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דאָס אַלץ און דווקא קלערן פון עפּעס אַנדערש.

„מאירל איז דאָך שוין צוויי וואָכן אונטערוועגס, אפשר שוין אין ירושלים... ער וועט דאָך מסתמא אינגיכן צוריקקומען און דערציילן וועגן אַלץ, וואָס ר'האָט דאָרט געפועלט... וועגן אַלץ, וואָס ער וועט באַלד אָוועקשטעלן אַן אייגענע נעסט פאַר זיך און פאַר דער צוויי-טער העלפט"... „און וועלן דאַן ביידע אַרויסקוקן דורך איין פענסטער, ווי די זון פאַרגייט... ווי די זון פאַרגייט"... — — — —

— כי-כי-כי! אַ יאָ, דו ווייסט נישט נחמה?

— וואָס, ברוריה? — האָט זיך נחמה דערמאָנט...

צוויי שנורלעך טרערן האָבן זיך געשלענגלט איבער ברוריהס באַקן... פאַר גרויס געלעכטער...

— אַ יאָ, דו ווייסט נישט ווער דער טאַטע פון מיין קינד איז? וואָלסטו עס פאַרשטאַנען ווי גוט דאָס איז, ווען מען ווייסט נישט אַליין...

— וואָס ווייסט מען נישט?..

— ווער דער טאַטע איז פון קינד...

„וואָלסטו געוווסט, ווי גוט דאָס איז, צו קוקן אויף צוויי, אויף דריי, אויף גאַנצע פינף טאַטעס פון קינד. נישטאָ קיין איינעמס קינד— אַלעמענס! אַלעמענס... וועט די מאַמע פוילן אין דער ערד און..."

זי האָט איבערגעריסן... כרמי איז אַריינגעקומען אַ געלער, ווי וואַקס, מיט אַ געניץ און די גאַנצע אויבערשטע שערענגע ציין האָט אים אַרויסגעבלייכט פון מויל אַרויס:

— נחמה, גיב מיר אַ טאָפּ הייס וואַסער...

ר'האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעטל, אַראָפּ מיטן פנים, און אַרומגענומען מיט ביידע הענט דאָס קישעלע, אָנגעפּעכעט מיט היי...

— נחמה, ס'רייסט מיר אויס די געדערים...

נחמה האָט זיך אויפגעהויבן. אַ כמאַרע אין געמיט און אַ שווער-קייט אין קאָפּ האָט זי איצט געהאַט.

— עס דרייט מיר אויס דאָס גאַנצע אינעווייניקסטע, נחמה!..

נחמה איז אַרויס פון געצעלט און זיך געלאָזט צו דער קיך. איז זי אָבער שוין לאַנג געגאַנגען — — —

די שמאָלע, מיט זאַמד באַשאָטענע סטעזשקע, וואָס פירט צום צריף, האָט ווי בכיון זיך צעצויגן און פאַרלוירן דעם אויסלאָז... דער

תמיד-פלאַכער סליאַד האָט זיך גאָר זיגזאַגיש געשלענגלט, אַהין-אַהער און אַראָפּ-אַרויף. און דאָ אַראָפּ-באַרג און דאָ אַרויף-באַרג. האָט מיטן ני-דערן און אויפהויבן זיך אויך ביי נחמהן אין מוח זיך עפּעס אויפגע-כאַפּט און אויסגעלאָשן. האָבן זיך אויפגעכאַפּט, פון זיך אַליין, כלערליי שאלות און פאַרשידענע פאַרענטפערונגען זענען צערונען געוואָרן בלאַ-סע, ווי לבנה-ליכט פאַר זון-אונטערגאַנג. נאָר איין שאלה האָט אָנגע-האַלטן, און די פאַרענטפערונג איז אַלץ נישט געקומען:

„און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל שוין זיין מיט אים? אַז ער וועט שוין אַ בודע שטעלן? און וואָס וועט זיין?" די שאלה האָט זיך נאָך קלאָרער אַרויסגערוקט: „און אַז איך וועל זיין מיט אים אינאיינעם, וועל איך בלייבן?"

און נאָך ווייטער: „און אַז איך וועל בלייבן, וועל איך אים טאַ-קע ליב האָבן? טאַקע ליבן... אים, מאירל גזלן? מאירל גזלן... און ער וועט זיין אויף אייביק מיין מאַן און איך וועל האָבן אַ... קינד?"

באַרג אַראָפּ:

„און זען די וועלט וועל איך? און דער לוין פון זעקס יאָר נע ונד... און פון... און די ערד צו וועלכער כ'האָב זיך... און די בלויע הימלען אין ווייסע נעכט... עס ענדיקט זיך נישט די שמאָלע סטעזשקע פון געצעלט צום צריף. וואָס זשע וויל איך?.."

אַז נחמה האָט פּלוצלינג דערהערט צמחס קול, ווי ער רעדט צו די שאָף, האָט זי זיך דערכאַפּט, אַז זי איז גאָר ביים ברייטן פאַרקאַן. צמח האָט אינעווייניק געשוירן צוויי יונגע לעמעלעך.

— דו הערסט, צמח?...

— דו... דו ביסט עס, נחמה?

— מעג איך אַריינגיין?

— דו... מעגסט...

— טאַקע?

— מעגסט...

צמח האָט אַרויסגעלאָזט די שער פון האַנט. אַ הייפעלע וואָל איז געלעגן אויף אַ פּלאַכטע, און פון זיי האָט זיך געטראָגן אַ פרי-שער שעפּסענער ריח...

— דו פּענטעסט זיי נישט ביים שערן, צמח?

— צו וואָס? זיי געבן זיך אַליין אונטער...

— און ווען דו וואָלסט זיי ווערן קוילען?

— ?...

— דו ווייסט, צמח, איך שטעל אויך אַליין אונטער דעם האַלז, אָבער... ס'שנייד נישט קיין בלאַנקער, שטאָלענער מעסער...

— ?

ר'האָט זיך אַראָפּגעזעצט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אַ שעפּעלע.

— ווען וועסטו זיי פירן פּאַשען, צמח?

— איבערמאָרגן.

— און דו זיצסט מיט זיי אַזוי גאַנצע טעג און שפּילסט זיך... זאָג דעם אמת, צמח, דיר בענקט זיך נישט וועגס נאָך עמעצן?

— פּאַראַן...

— און נישט פּאַראַן ביי דיר, אַז דו... אַז דו וואָלסט שוין וועלן אַוועק? אַוועק פון דאַנען?

צמח האָט אַוועקגעדרייט די אויגן.

— דו ווייסט, צמח, די דזשינדזשאַרער חברטע וועט אינגיכן שטאַרבן? — — —

צמח האָט גענומען אַ שעפּעלע אויפן רוקן און די פּיסלעך אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל. אָט, אפנים שפּילנדיק זיך, האָט ער געוואָלט זיך נישט הערנדיק מאַכן צו דעם, וואָס נחמה טענהט... נחמה האָט זיך, זיכער, דערויף פאַרשטאַנען און גראָד נישט געוואָלט צמחן פאַרשווינגען:

— אַ יאָ, עס זענען ביי דיר דווקא פּאַראַן מינוטן, ווען דו וואָלסט עמעצן באַדאַרפט..? איך ווייס עס... אַלץ ווייס איך... אָט, שושנהן, די זכרונער יפהפיה... אָבער... ווייסט, צמח, זי האָט דיך ליב... יאָ, יאָ! בחיי! זי בלייבט דאָ איבער, אין יוספיה, צוליב דיר... זי וועט שוין נישט אַוועק פון דאַנען...

צמח האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס שעפּעלע אויף דער ערד...

— פון וואַנען ווייסטו עס, נחמה?...

— ניין! ניין! זי האָט עס מיר נישט געזאגט, אָבער איך פאַרשטיי אַליין! וואָלסט זען, ווי אַזוי זי קוקט אַריין אין דיין געצעלט!

וואָלסט זען, ווי אַזוי... ווייסט, זי האָט דיך אַזוי ליב, ווי איך... ניין! זי האָט דיך מער ליב! צמח, ווילסט נישט אַ קוק טון אויף דער דזשינדזשאַרער חברטע? דאָרט אין געצעלט ליגט אויך כרמי... איך גיי צו זיי.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד.

— זאָג, צמח, איז גוט עפּעס צו לעבן אויף דער וועלט, אויף דער גרויסער וועלט? ס'איז גוט?

אַ רגע האָט צמח געשוויגן. דאַן האָט ער, ווי קומענדיק צו אַ באַשלוס, אָפּגעענטפערט קורץ, אין דריי ווערטער:

— פּרוווּ נאָר אַמאָל...

— — — — — — — — — — — —

נחמה איז נישט אַריין צו די קראַנקע. אָפּערקומענדיק פון אונטערן פּאַרקאַן, האָט זי פּלוצלינג דערהערט אַ פּייפעריי פון אַן אָנפּאָרנדיקן אויטאָמאָביל. זי האָט זיך געלאָזט צוגיין צום גראָבן. צוקומענדיק אַהין איז ביים בריקל שוין געשטאַנען אַ געדעקטער שוואַרצער אויטאָ, ווי וואַרטנדיק אויף עמעצן. וואָס זאָל אָקעגנקומען מיט אַ פאַרבעטנדיקער מינע, קוים האָט דער שאָפער דערזען נחמהן, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין זיץ ביים מאָטאָר און געעפנט דאָס בכבודע טירל:

— בבקשה, מיסטער שטימפעלמאַן, מען וואַרט שוין אויף אייך...

— יעס? טוב מאוד... נייס, וועריַ נייס... טוב...

און פון געדעקטן וואָגן איז אַרויס אַ מיטל־וווּקסיקער מאַנסביל. אויפן ערשטן אָנבליק האָט זיך באַלד אין די אויגן געוואָרפן די באַזייגער־קייטלטע וועסט, וואָס אַרום זיין קיילעכדיקן, פולן בייכעלע; די גרויסע, ביינערנע שפּאַקולן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ דריטל פון זיין פּעטן, גלאַט־ראַזירטן פּנים. און דער דיקער ציגאַר אין מויל, אָן אַ ווייסן צאָן. שפּעטער האָט מען אויף אים אויך געקאָנט באַמערקן דעם איבעריקן געשפּאַן: דעם פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט אויף אַ רימענט איבער אַן אַקסל און אַ פּאָר ווייט־קוקערס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט, צוגעטשעפּעט מיט אַ בענדל צו אַ פאָדערשטן קנאָפּ.

— שלום, גברת!

אַ פול מויל מיט אַמעריקאַנער האַרטער למד איז געווען אין

מיסטער שטימפּלמאַנס גרוס. ס'איז אָבער דערביי אויך ניכּר געווען, אַז ער שטרענגט זיך גראָד אָן צו זיין „פּשוט און פּראָסט"... און איידער ער האָט נאָך דערהערט נחמהס גאָר פריינטלעכן ענטפער, האָט ער אַרויסגענומען פון דער אויבערשטער ראָק-קעשענע אַ קליין נאָטיצביכל־לע, דערין אַ בלעטער געטון און מיט אַן אויסדרוק פון „אַ יאָ, איך האָב געטראָפן?" אַרויסגעלייענט:

— יוספיה... אַ קאָמוניסטישע גרופּע...

— יעס, יעס, מיסטער — האָט אים דער שאָפער אונטערגע־האַלטן...

— זענט איר הייסט עס אַ „מעמבער" אין דער גרופּע, האַ?

מיסטער שטימפעלמאַן האָט צוריק אַריינגעלעגט זיין נאָטיצביכל־לע און אָנגעשטעלט זיינע גרויסע שפּאַקולן אויף נחמהן.

— יאָ, איך בין אַ חברה פון דער קבוצה.

— אָ, אַ חברטע! יעס, יעס!.. פיין!.. דעטס רייט, חברטע...

אַ שעה שפּעטער איז מיסטער שטימפעלמאַן געווען גאָר באַהאַ־וונט אין אַלע קלייניקייטן פון יוספיהער הויף, אַז ר'האָט אפילו שוין געקאָנט זיין מיינונג אַרויסזאָגן וועגן אַ סך זאַכן, וואָס ר'האָט פון אונ־טער די שפּאַקולן באַמערקט: „דעט'ס רייט און דעטס נאָ".

געזעסן ביי נחמהן אין צריף, שוין אָן דעם געשפּאַן — דעם פאָטאָגראַפער-אַפּאַראַט און די ווייט-קוקערס — און געטענהט, מעשה היימישער מענטש. און אַזוי טענהנדיק, איז ער בהדרגהדיק איבערגע־גאַנגען צו דערציילן וועגן אַמעריקע און בינו לבינו וועגן זיך אַליין, וואָרעם, אַז מען רעדט שוין...

— איז הייסט עס אַ לעבן מאַך איך... אַמעריקע איז אַ לאַנד אַ רייכע... נישטאָ וואָס צו זאָגן. יידן לעבן זיך פיין... מען גייט אין טעאַטער, אין דענסינגהאָל, אין קלובס... יעס. פאַראַן אויך אָרעמעלייט, אָבער אויף אַ לעבן האָבן אַלע... איינער אַ פּושקאַרט דער צווייטער אַ סטענד... איך. פאָר אינסטענס, בין געקומען מיט פופצן יאָר צוריק אין אַמעריקע, אַ צוואַנציקיעריקער באָי און בין אַוועק אין שאָפּ אַר־בעטן. וואָסזשע? היינט בין איך גאָט צו דאַנקען אַליין אַ באָס איבער אַ דרייסיק מענטשן. האָב איך היינט אייגענע דריי קעלערן...

— האַ, וואָס?

— נו, אייגענע דריי קעלערן, פאַבריקן פון זויערע אוגערקעס...
און פאַרשטייט איר מיך, אַ סינגלמען, ווי איך, אַ „זייאָניסט", גיב אַוועק אַ שיינע פּאָר טאָלער אַ יאָר אויף פאַרשיידענע חברות און אויף פּאַלעסטיין — עקסקיוז — ארץ ישראל... און... נו, פאַרשידן... און אַז אַ טאָלער שפּילט נישט קיין ראָל, מאַכט מען זיך אַ „וואַקיישאָן" און מען קומט אַריבער אין פּאַלעסטיין, אַ כאַפּ טון אַ קוק אויף דעם, וואָס ס'איז שוין אָפּגעטון...

ער האָט נאָך בדעה געהאַט צוצוואַרפן „פאַר אונזערע טאָלערס" אָבער ער האָט דערפילט נחמהס בליקן אויף זיך און מיטאַמאָל אָפּגעהאַלטן דערפון, כאָטש ס'האָט אים געגנוג מי געקאָסט...

ער האָט ווידער אַרויסגענומען זיין נאָטיצבוכל.

— איר זעט, איך בין שוין געווען אין עטלעכע פּערמעס. פון דאַנען גיי איך אין גליל, וועל זיין אין טבריה, אין צפת און פון דאָרטן וועל איך זיך אומקערן קיין ירושלים, און אין תּל־אביב „סטאַפּן" אויף אַ פּאָר וואָכן.

דאָ האָט ער זיך פאַרטראַכט, מיסטער שטימפּלמאַן.

— אַ גוטע דינג פּאַלעסטיין, אָבער... נישטאָ פאַר מיר קיין אָרט דאָ, ווייזט אויס... איך בין אַ שטיק ביזנעס־מען און געווינט אויף אַ גוטן, ברייטן לעבן... אָבער ס'וואָלט זיך נאָך וועלן דאָ זיין... אָ, יעס... שיין ביי אייך, זייער שיין... כ'וואָלט שוין וועלן זען די הייליקע ירושלים... אָנקוקן תּל־אביב, די יידישע ניו־יאָרק... מען זאָגט אַ סך אַרבעטער פאַראַן דאָרט, אָבער ס'הערט זיך „סלעק"... האָט ער נאָכגעקלערט נאָך יעדן וואָרט, מיסטער שטימפּעלמאַן, און נחמה האָט אים דווקא אויפמערקזאַם געהערט. ס'איז פּאָרט געווען עפּעס היימלעכעס אין מיסטער שטימפּלמאַנס דבורים. פּאָמפּ פון אַ ניו־יאָרקער זויערע אוגערקעס פאַבריקאַנט, אויסגעמישט מיט פּשוטער ווילקייט, וואָס איז נישט אויסגעוואָרצלט געוואָרן. עפּעס שטאַמט ער דאָך פון סאַמע סטאַניסלאָוו, פון וואַנען ר'האָט מיט זיך מיטגענומען היימישקייט אַהין אין מדינת־הים, און ס'איז דאָך אַזוי לייכט געווען צו טרעפן, אַז אָט דער טוריסט מיטן פּאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט, דער „זייאָניסט", מיט די קורצע הויזן אויף גומיבענדלעך; אַז אָט דער מיסטער שטימפעלמאַן, פאַרמאָגט

גאָר אַ ביסל פון דעם מין, וואָס מען רופט סענטימענט און איז אַ הינקענדיקער, אַ שטומער זוכער פון „עפעס”; פון עפעס אומקלאָרן, פון עפעס, וואָס ער וואָלט צוגערעכנט צום... „גליק”...

האָט זי אים אויפמערקזאַם געהערט, און אים אויפמערקזאַם געענטפערט.

— זאָגט מיר... אײַ בעג יור פּאַרדן — אייער נאָמען...

— נחמה.

— יעס, פיין! נחמה! נחמה הייסט „טרייסט”... יעס, זייער פיין! איך הייס היימי. אויף „פליין-יידיש”, אויף מאַמאַ לשון איז טייטש חיים. מיין מוטער, איך האָב אין ניויאָרק אַ מוטער. רופט זי מיך חיימל... חיימל לעבן... זאָגט זשע מיר, נחמה, פילט איר אייך דאָ באמת גוט און גליקלעך?

— ...קאָן זיין...

— הם... הייסט עס, אַז אַמאָל יאָ און אַמאָל נישט... ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ דיקן סיגאַר, מיסטער שטימפּעלמאַן, און געלאָזט אַ שטאַרקן רויך...

— שוין לאַנג דאָ?

— אין לאַנד? שוין פינף יאָר...

— די גאַנצע צייט אויף דעם פּלאַץ?

— כמעט די גאַנצע צייט.

— הם... די גאַנצע צייט. מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך פאַרצויגן.

— און זינט דעמאָלט נאָך אין ערגעץ נישט געווען?

— געווען אַ חודש צייט — מיט צוויי יאָר צוריק — אין חיפה אין שפּיטאָל.

— אין חיפה אין שפּיטאָל. מיסטער שטימפּעלמאַן האָט איבערגעחזרט נחמהס לעצטע ווערטער און זיך פאַרקלערט.

— הם... הם... יעס, יעס...

פּלוצלינג אָבער האָט זיך נחמה דערמאָנט אָן אירע קראַנקע און זיך אַנטשולדיקט ביים גאַסט:

— סליחה, איך האָב זיך דערמאַנט מען דאַרף אַ קוק טון צו די חולאים, ווילט איר אפשר מיטגיין?

— אָ, יעס בבקשה! — — —

אַז זיי זענען אַרויס פון געצעלט, ווו די צוויי קראַנקע זענען געלעגן, האָט דער טאָג שוין געהאַלטןביים פאַרגיין. די הימלבערגעס, וואָס האָבן אויסגעוויזן זיך אַראָפּצולאָזן ביז צו די בערג, זענען גע־ווען אײנגאַנצן אין שקיעה־פלאַמען איינגעטונקען, האָבן זיך געמינעט אין זייער פייעריקער שיין.

מיסטער שטימפּעלמאַן, ביי וועלכן ס'איז פריער געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, האָט איצט פאַריסן זיינע שפּאַקולן צום הימל, קוקנדיק אַזוי אַרויף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט פאָרצולעגן:

— וואָלט איר נישט וועלן נעמען מיט מיר אַ שפּאַציר אין אויטאָ? פיין... זייער פיין, צו פאָרן אַצינד... קוקט ס'וועט זיין אַ שיינער אָוונט... ווי, נחמה? איר באַשטייט? מיר וועלן טאַקע צופאָרן אין „צאַריאַ", סיידוי וועלן מיר זיך היינט נישט דערוואַרטן אויף די חברים, און איך „גלייב" טאַקע צו זיין אויף אַזאַ מיטינג און הערן, ווי עס „ספּיטשן" פאַלעסטיין־פאַרמערס... איך „גלייב" זייער — ווי, נחמה?

ער האָט נישט געוואַרט ביז נחמה זאָל אים געבן איר צושטי־מונג. ר'האָט אַרויסגעצויגן דעם זייגער און אַ פליעסק געטון מיט די הענט:

— האַלאָ? שאָפער! לאָז די מאַשין!

האָט זיך דאַן דער שוואַרצער אויטאָ לייכט און שוועבעדיק גע־טראָגן איבערן שמאָלן וועגל, וואָס ציט זיך לענג־אויס די בערגקייטן פון איין זייט און דעם אַקערפעלד ביי דער אַנדערער זייט, ווייט אַרויס אין אָפענעם מרחב.

און דער אָוונט איז געווען אַ מיט־חודשדיקער. איז אַ לבנה, אַזאַ פולע, אַרויפגעשווומען, און שטערן האָבן זיך געצונדן. געצונדן און געפאַלן... איז דער אָוונט געווען אַזאַ שלוהדיקער, אַ פאַרכאַפנדיקער, און אַז אַ שטערן פאַלט, ציטערט אַ בלאַסער, זילבערנער שנירל אויף...

זיצט נחמה אין אויטאָ, וואָס איז איצט אויפגעפראַלט אינגאַנצן, ביי דער זייט פון אַן אויסטערלישן מאַנסביל, וואָס קומט פון אַ וויי־טער, פרעמדער מדינה און הייסט דערצו אַ מאָדנעם נאָמען — זיצט זי און ציילט וויפל שטערן עס רייסן זיך אָפּ און פאַלן... וואָסזשע דען

זאָל זי איצט טון? ווען זי, נחמה, אין גראָבן לייווענטענעם לייבל, מיט האָלצערנע סאַנדאַלעס אויף די באָרוועסע פיס, זי, וואָס ליגט שוין פינף יאָר אין איר ברעטערנעםביידל — פלוצלינג אויף אַ ווייכן זיץ אין אַ פּריצישער מאַשין... פון וואָס זשע זאָל זי טראַכטן, ווען פון איין זייט ציט זיך אַ צעאַקערט פעלד, פון דער אַנדערער זייט קייטלען זיך נאַקעטע פעלזן, וואָס שימערירן אין דער נאַכט מיט אַ ווילדער ווייסקייט, און אַקעגן — קומען לייכטע ווינטלעך פון אָפענעם מרחב?...

קלערט זי, נחמה, אַז... „אַז גוט איז זיך אָפּצורייסן פון אַן אָרט און... אפשר שוין נישט מער צוריקקומען... אַז גוט איז זיך אָפּצורייסן...” — — —

און מיסטער שטימפּעלמאַן — עפּעס האָט ער זיך אויך פאַרקלערט אַצינד. זיצט, קוקט אַוועק אָן אַ זייט און צייכנט אַ־וואָס מיט אַ פינגער אין דער לופטן: סמנים צייכנט ער, ווי גורל־פאַסעקלעך... רעטעניש און ענטפער... און אַז זיינע ביינער גייען שוין איבער פון אָנגעגאָסענער, אָוונטיקער צעטומלעניש, נעמט ער שטאַמלען:

— איר ווייסט... אַ פיינער דרויסן... יעס... כ׳געדענק, ערגעץ האָב איך אַמאָל געלייענט אין אַ בוך, אַז אין אַזוינע אָוונטן שפּאַצירן אַרום די מלאכים פון ליבע אויף די... יעס... ערגעץ האָב איך אַמאָל געלייענט... און נחמה האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט: „עמעצער — ווער? איז אַוועק פאַרזאָרגן עפּעס פאַר איר... אַן אייגן ביידל האָט ער געזאָגט”... אָבער ווען מיסטער שטימפּעלמאַנס האַנט האָט זי לייכט אַרומגענומען, האָט זי זיך נישט געווערט... זי האָט אָבער אויך נישט געקוקט אין זיין זייט...

— איר ווייסט, נחמה, אין אַזוינע נעכט... כ׳האָב ערגעץ געלייענט אַמאָל...

— מיר זענען שוין דאָ! דער שאָפער האָט אויפגעוועקט זיינע פאַרטיפטע פּאַסאַזשירן און זיי אָנגעוויזן די פלעמלעך פון דער באַלויכטענער „צוריה”.

— האַ? וואָס? שוין „צאַריאַ” — האָט זיך מיסטער שטימפּעלמאַן „אויפגעכאַפּט” — שוין? יעס! סטאַפּ!

אַ הונדערט שריט פאַרן הויף האָבן זיך אויסגעלאָשן די צוויי פייערקע, גלעזערנע אויגן, און די מאַשין איז אַנטשוויגן געוואָרן.

גאָר מעגלעך, אַז דאָס איז געווען בכוון, כדי נישט אָנצומאַכן אַ טומל, איינצושפּאָרן נאָכפרעגעכצער און אויסצומיידן באַגעגענישן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך צופוס צוגעלאָזט דאָס שטיקל וועג.

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט אָנגענומען נחמהן אונטערן אָרעם. נחמה האָט געשוויגן און געקלערט: „זאָל זיין"... די יונגינקע פּאַ.מען ביים הויף־שליאַך האָבן איצט אין שפּעט־אָווּנטיקער שעה זיך געלעג־ גערט, ווי זיי וואָלטן וועלן אויפכאַפּן די אויפגעריסענע קולות, וואָס האָבן אַרויסגעפּראַלט פון באַלעבטן הויף. נחמה האָט פּלוצלינג אַ פינטל געטון מיט די אויגן:

— איר זעט די בוימער?... די יונגינקע בוימלעך.

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך אָפּגעהאַלטן:

— די בוימלעך? יעס די בוימער... נו?

— גלאַט...

— וואָס גלאַט, נחמה?..

— עך, עפּעס דערמאָנען זיי די בוימער... גאָר לאַנגאָנענדיגס...

זיי זענען אַריין אין הויף. מיסטער שטימפּעלמאַן איז געבליבן שטיין ווי אַ צעחושטער: די הונדערטער חברים פון פאַרשידענע פּונקטן האָבן פאַרפלייצט דעם הויף; דער רעדנער, וואָס האָט איצט פון אַ הויכן קאַסטן צו זיי אַראָפּגעדרשנט, און די ווערטער זיינע, וואָס זענען געפאַלן, ווי שטיקער צעגליטע בליי — דאָס אַלץ האָט אים צעטומלט. אַז ר׳האָט דאָס מויל אויפגעריסן און ווי האַלב־תמעוואַטער באַוועגן די ליפּן:

— „אַזוי... הונגער... אַזוי"...!

און נחמה האָט זיך צעשמייכלט:

— מילא... מ׳וועט שוין אַזוי זיך פונאַנדערגיין...

אָבער מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זי נישט געהערט. ער האָט זיך פאַרלוירן. ער קוקט, קוקט אַרויף ווי אויפן הויכן קאַסטן שטייט אַן אויסגעמאַרכעוועטער יונגער, יידישער פויער, מיט איינגעפאַלענע באַקן, אַ הויכן שטערן און שרייט פון זיך אַרויס:

— ערד! — ערד גראָבן מיר מיט די נעגל, טרינקען זי אָן מיט אונזער בלוט! מיר רייסן פעלזן מיט די ציינער און זינגען, הונגערי־ קע! מיר טאַנצן ביז חלשות, אָבער מיר ווייסן צוליב וואָס!.. — צי

דאַרפֿן מיר אָבער אונטערגיין? מיר קלאַמערן זיך דאָך מיט אונזערע ביינער אָן דער מאַמע יונג־ערד... ווי הינט זענען מיר צום באָדן גע־פּענטעט, אָבער ער פּרוווט זיך אונטער אונז גליטשן. מען פֿאַרגעסט אָן אונז! ס'פֿאַרגעסן אונזערע ברידער, און ס'ווילן זיך נישט דערמאָ־נען די אפּוטרופּסים, אונזערע פֿאַרזאָרגער. מען בויט שטעט, מען בויט אַנשטאַלטן, מען כאָוועט אויף אַ מחנה פֿון אומזיסטיקע פּאַרטפּעל־טרעגערס און בענקלקוועטשערס!.. חברים! מיר פֿאַרלאַנגען ראַדיקאַלע הילף. מיר פֿאַרלאַנגען, מען זאָל אונז פֿאַרפֿונדעווען, מען זאָל אונז אָוועקשטעלן, אַז נישט יעדער לייכטער ווינט זאָל אונז קאָנען אַוועק־בלאָזן. אַז יעדער קליינער שנוי ערגעץ, זאָל אונז הונגער ברענגען... חברים! מיר פֿאַרלאַנגען... מיר פֿאַרלאַנגען...״ און וואָס זשע זאָל פֿאַר־לאַנגען אַ בחור פֿון גדעוניה? יאָ, פֿון אונטן האָבן זיך געהערט קלאָ־רע דרישות: „וואַסער! אַ מאַשין! אַ בהמה! אַן אַקעראייזן! מיר ווילן... מיר... די באָרוועסע... מיר״.

— „מיר די באָרוועסע כהנים!..״ — האָט איינער, פֿון אַ ווינקל, צוגעוואָרפֿן...

אָבער נחמה האָט זיך ווידער צעשמייכלט:

— ביי אייך טרערן אויף די באַקן.

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און אַרויפּגע־רוקט די שפּאַקולן אויפֿן שטערן:

— איך בין צענומען...

ר'האָט אָבער נישט באַוויזן זיך רעכט אָפּצוטרוקענען די אויגן. אויפֿן קאַסטן איז אַרויף אַ חברטע. אין איר צעפֿלאָסענער יופּקע, וואָס האָט אויף איר אַראָפּגעהאָנגען, אַ באָרוועסע, מיט צעפּלאָשעטע האָר, וואָס זענען איר געפֿאַלן איבער די גליענדיקע אויגן און אויף דעם אָפּגעברענטן פּנים, האָט זי אַן אימה געוואָרפֿן, שטייענדיק אין שאָטן פֿון פּלאַקערדיקן שטורקאַץ. ביי מיסטער שטימפּעלמאַן איז דאָס טיכל פֿון די הענט אַרויס. נחמה האָט שטיל באַמערקט:

— חנה, פֿון קבוץ המשולש...

זי האָט אָבער לאַנג נישט גערעדט, די חנה פֿון קבוץ המשולש. אין האַלז איז איר ענג געוועזן, און די פּאָר ווערטער זענען אַרויס, ווי אַ שלוקעכץ. נאָר דאָס, וואָס האָט זיך יאָ אַרויסבאַקומען פֿון איר,

האָט זיך, ווי זשאַווערדיקע צוויעקעס, איינגעגעגלט ביי יעדן אין די אויערן, אין די הערצער און יאַטערדיקע ווונדן געמאַכט.

— ווי אַזוי זשע? און די זויגקינדער אונזערע? די קינדער, וואָס טראָגן צעטעלעך אויף זיך אין דער קינדערשטוב? ווי אַזוי זשע — זיי נאָגן דאָך לעדיקע פלעשער! דער מוטערס אויג וואַכט נישט איבער זיי, און די קליינע הענטעלעך באַרירן נישט דער מוטערס איינגעקוואַרטע ברוסטן... דער מוטערס טאָג איז נישט אירער! איז, — ווי אַזוי זשע? איז, — ווי אַזוי זשע? טריפן בלוט, דער מוטערס ווונדן! אַי, די טאַטעס, — יונגע טאַטעס — פאַרגעסן, איינגעשפּאַנטע אין זייער עול. די מוטערס אָבער געדענקען... זיי געדענקען... מוטערס... מוטערס... ווי אַזוי זשע דאָס? ווי אַזוי זשע?.. האַ?״

די ברענענדיקע סטאָלבעס האָבן געקנאַקט, און אַ ווילד-געוואָרענע מוטער האָט זיך צעשריען ביז אַנגסטן. — —

— איר זעט, מיסטער שטימפּעלמאַן, זי איז שוין... אַ גליקלעכע ווייב פון אַ מאַן און אַ גליקלעכע מוטער...

— און איר מאַן ווער איז?

— אָט, יענער קליינער בחור, וואָס שטייט נעבן איר. — אַ „טאַטנס״ אַ קינד, וואָס האָט זיך מיט די סאַלאָנען אָפּגעזעגנט, זיי איבערגעלאָזט ערגעץ אין אַ גרויסער פּוילישער שטאָט און אַהער זיינע יונגע יאָרן אָפּגעפירט. איר ווייסט, מיסטער שטימפּעלמאַן, מיר האָבן אַמאָל באַ אים אין געצעלט אַ דאָקטאָר-דיפּלאָם געפונען.

— איט׳ס טרו? אמת?

אַ שמייכעלע... — —

מ׳האָט נאָך פיל גערעדט. אָבער נחמהן איז קיל געוואָרן. האָט מיסטער שטימפּעלמאַן זי ביי דער האַנט אָנגענומען און אַוועקגעפירט.

— מיר וועלן צוריקפאָרן אין יוספיה — האָט נחמה שטיל אַ זאָג געטאָן.

— יעס, אָבער אַ שאָד, איך וואָלט וועלן אַ „פּיקטשור״ נעמען. ביים ביינאַכטיקן „לוקס״. איר פאַרשטייט, אַ בילד פון אַלע „באָיס״

— מיר וועלן צוריקפאָרן. מיר איז קאַלט — האָט נחמה איבערגעחזרט...

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך אונטערגעגעבן. באַלד זענען ביי-

דע ווידער געזעסן אויף די ווייכע קישעלעך, און דער אויטאָ האָט זיי צוריקגעטראָגן קיין יוספיה.

ס'איז געווען נאָענט צו האַלבנאַכט. די יאָגנדיקע מאַשין האָט געשניטן די שאַרפע ביינאַכטלופט, אַזש אַ קאַלטער ווינט איז אָנגעפאַלן. נחמה האָט זיך איינגעקנוילט, איינגעגראָבן אין דער ליין. מיסטער שטימפּעלמאַן האָט דערפילט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— קאַלט?

— ....

— קאַלט, נחמה?..

— ניין...

— ניין?

— ....

— וואָס זשע דען?

— אַזוי...

ביי מיסטער שטימפּעלמאַן האָט פּלוצלינג דאָס האַרץ גענומען אַרבעטן... אָבער ווי ס'פּאַסט אויף אַ געלאַסענעם דזשענטלמאַן, האָט ער זיך פּאָרזיכטיק צוגעגעבן:

— דו ביסט איינע, נחמה? אַן איינזאַמע?

— ....

— דיר איז טרויעריק, נחמה?

— ...

אַצינד האָט ער אָבער שוין געפּלאַטערט, ווי אַ ייִנגל:

— אפשר... וואָלסטו מיט מיר שפּאַצירט... איבערן לאַנד... איך פּאָר מאָרגן אַוועק... דער אויטאָ וועט וואַרטן...

— ...

— דו הערסט, נחמה?

— איך הער.

— יאָ...

ווי שפּילקעס, האָט נחמה געפילט די קאַלטע שטעך פון דער קעלט אין איר לייב... אירע ליפּן האָבן זיך פונאַנדערגעריסן און ציטריק געענטפערט:

— ...וואַרטן אויף מיר אין גדעוניה. איך וועל אָנקומען...

מיסטער שטימפעלמאַנען איז מיטאַמאָל הייס געוואָרן אין קאָפּ. ער האָט אָנגעכאַפּט נחמהס האַנט און זי געדריקט.

— אָלרייט! איך וועל וואַרטן. אָלרייט, יעס... אָבער זאָג, לאַנג וואַרטן?

— וואַרט... מאָרגן... איבערמאָרגן...

יוספיה.

דער הויף.

האָבן זיי דערזען, אַז דער גרויסער אַריינפאָרטויער עפנט זיך און אַ ווייסע געשטאַלט שטייט פאַר זיי אויסגעצויגן. זיי באַגריסט די געשטאַלט:

— ברוכים הבאים!

נחמה איז אַראָפּ פון אויטאָ. איר האָט געשלאָגן אַ צאָן אָן אַ צאָן ׳ —

— ד ד ד ו, צמח?

— איך.

— וואָס טוסטו איצט דאָ?

— אַלץ איז אַוועק, האַלט איך שמירה.

— שמירה?

— יאָ.

— ווערסט איינאָרדנען אַן אורח אין איינעם פון די פוסטע צריפים.

זי איז פאַרשוווּנדן, צמח האָט געפאָלגט, אַ שווייגנדיקער, נחמהס אָנזאָג, ער האָט אַריינגעפירט דעם אורח אין איינעם פון דיביידלעך און אָנגעוויזן אַ לעדיק בעט:

— אָט, פאַר אייך אַ געלעגער איר קאָנט זיך לעגן.

— יעס, טענקיו, „תודה".

מיסטער שטימפּעלמאַן וואָלט, ווי געווײנלעך, נאָך גערן געוועזן געכאַפּט אַ שמועסל מיט צמחן, אָבער צמח האָט זיך אויסגעדרייט און אַרויס אין הויף:

— איך דאַרף שמירה האַלטן, שלום!

— אָ, יעס, יעס, שלום.

געבליבן אַליין, האָט מיסטער שטימפּעלמאַן זיך אויסגעצויגן אין

זיין גאַנצער לענג, אויף דעם אייזערנעם, נישט איבריק ווייך געבעטן געלעגער, האָט ער אָבער בשום אופן אַזוי גיך נישט געקאָנט אַן אויג צוטאָן, און כאָטש דער שלאָף איז אים דווקא געלעגן אויפן האַרץ, האָט ער נישט געקאָנט איינדרימלען, ר׳האָט זיך געוואָרפן אַהין און אַהער אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינרוען, געעפנט און צוגע־מאַכט די אויגן, קוים וואָס אַ רגע האָט איבערגעברענט, צוגעמאַכט און געעפנט, איז אים טאַקע שוין געוואָרן אומהיימלעך ביז גאָר, איינער אַליין אין אַ פרעמדן, פוסטן האָלץ־ביידל אין אַ געדיכטער מיטערנאַכט, אומזיכער...

אָבער אינאיינעם מיטן צומאַכן און עפענען די אויגן, מיט דער ביינאַכטן־אומרויקייט און אומזיכערקייט, האָט אויך אַן אַנדער געפיל גענומען פּיקן דאָס האַרץ פון מיסטער שטימפּעלמאַן: „שור, ז׳האָט דאָך געזאָגט: מאָרגן... איבערמאָרגן... איך וועל קומען... וואַרט... ז׳האָט דאָך געזאָגט..."

האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיסטער שטימפּעלמאַן, אַ ווייל אַריינגעבליקט אין דער נאַכטישער פוסטקייט, וואָס אַרום, און ווידער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קליינעם היי־קישעלע, איז אים ס׳האַרץ גע־גאַנגען אין דער הויך: „אפשר... אפשר וועל איך טאַקע... טאַקע באמת זיך... איינליבן... אפשר... — ז׳האָט דאָך מיין האַנט נישט אַראָפּגענומען פון זיך... אפשר איז זי טאַקע די פּאַסיקע, והראיה: זי איז די ערש־טע מיר אַקעגנגעקומען... אַ יידישע טאָכטער... אַ געוווּנשענע..."

אויפן הימל האָבן זיך שטערן געבליייכט, אין ביידל אַריין גע־ווונקען, מיסטער שטימפּעלמאַן האָט דעם קאָפּ אונטער דער דעק באַ־גראָבן: „מאָרגן... איבערמאָרגן... וואַרט — האָט זי געזאָגט..."

און אַז אַ דרימל האָט זיינע אויגן געשלאָסן, האָט ער אַ חלום געזען: „ער, מיסטער שטימפּעלמאַן פירט אַריין אַ יונג ווייבל צו זיך, אין זוירע־אוגערקעס־פּאַבריק אַריין, ווייזט פאַר אַלע משרתים זיין „דאַר־לינג", וואָס ר׳האָט געבראַכט פון סאַמע „פּאַלעסטיין" און טאַקע אַלע־מען אין די אויגן שיקט ער איבער אַ טשעק אין „קרן קימת־אפּיס..." דאַן פּאַרנעמט ער זיין „דאַרלינג" און גייט מיט איר אין סאַמע פיינסטן רעסטאָראַן: „האַ, דאַרלינג, הערסטו ווי מען שפּילט עס עפּעס דאָ, אין אונזער ניויאָרק? וואָס זאָגסטו צו דעם „בענד" האַ, דאַרלינג?" „חלומט

ער, מיסטער שטימפעלמאַן, און אַזאַ צופרידענער, מחיהדיקער שמייכל שפּאַצירט אויף זיין פּעטן, גלאַט-ראַזירטן פּנים: „האַ, דאַרלינג?"

*

אַז דער אויטאָ האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט אַ שטויב און אַ געריך פון בענזין, איז נחמה געבליבן זיצן אויפן שוועל פון איר ק׳יינעם צריפל. אַרום איר איז געווען רויק, כאָור-שטילקייט, בלויז פון שמאָלן וועגל האָט זיך אַהערדערטראָגן דאָס טויבע טורקען פון זיך-דערווייטערנדיקן אויטאָמאָביל. איז נחמה געזעסן פאַר דער טיר און געקלערט, ווי ווייט די מאַשין איז שוין, און אויסגעמאָלן זיך, ווי אַזוי די גומי-רעדער מוזן איצט אונטערשפּרינגען אין זייער געדריידלטן גע-לויף, „אין אַ שעה אַרום וועט ער זיכער זיין אין גדעוניה... אין גדעוניה..."

דאַן האָבן זיך, פויל, ביי איר געדאַנקען געוועבט, נישט דער-טראַכטע, נישט דערצויגענע ביזן סוף, ביז איין פּונקט, עפּעס אַזוי: „אין גדעוניה וועט ער וואַרטן אויף מיר... וועט ער... וועל איך קו-מען... נו, זאָל שוין זיין אַזוי... זאָל שוין... וויזשע דען? דאָ בלייבן? ס׳פאַלן דאָך אָפּ די גלידער... פאַלן... וועל איך זיך ראַטעווען... וועל איך דערוויל איבערן לאַנד פליען... פליען, דאָ, — דאָרטן... וואָסזשע דען? וועל איך נישט זען, ווי די דזשינדזשאַרער חברטע וועט די אויגן צומאַכן... זי וועט דאָך זיכער... און זעען גלוסט זיך נישט דאָס, ביין!"

האָבן זיך פויל די געדאַנקען געוועבט, און זי, נחמה, האָט רויק און נישט-איבערקלויבעריש זיי צעזייט און פונאַנדערגעלאָזן איבער דער פרימאָרגן-גרויקייט, „וועל איך זיך אַרויסרייסן... יאָ, יאָ, רייסן... העגן אַרויס, יאָ..." מיטאַמאָל כאַפּט זי זיך אויף און בלייבט שטיין אַ האַלב צעמישטע: „ער? ער? ער וועט קומען און מיך נישט טרעפן, מאירל! זאָל ער קומען, מיך זוכן! זאָל ער... ווייל... איך קאָן שוין נישט אַנ-דערש טאָן. ער וועט זיך טאַקע בייזערן, מאירל גזלן, נאַר... איך קאָן נישט דאָ אָוועקפאַלן... עפּעס ציט, ציט.!. עפּעס ווערן שווער די טעג... יעדער טאָג איז אַ-אַ-אַ... נודנע צוגעבונדנקייט... נודנע, ביז שגעון...

ביז... וועט ער זיך בייזערן. מאירל... האָב איך אים באמת ליב? האָב איך, האַ?"
זי איז געשטאַנען אַ צעמישטע, נחמה, און זיך געהויכט אויף די נעגל.

— — — — — — — — — — —

ערשט אויפן דריטן מעת-לעת איז דער עולם צוריקגעקומען פון צוריה. און אומגעקערט האָט מען זיך מיט שווערע געמיטער. וואָרום פערספּעקטיוון האָבן זיך דאָרטן פונאַנדערגעוויקלט גאָר נישט קיין רויזיקע. יעדער פּזמון, וואָס איז דאָרט געהערט געוואָרן, יעדע דרשה, האָט אַריינגעטריפט בליי אין די אָדערן. די אומצופרידנקייט, די אָנקלאַגעס, די אומבאַהאָלפנקייט. וואָס האָבן זיך ביים דאָסמאָליקן צוזאַמענקומען געלאָזט הערן און פילן, האָבן אַריבערגעשטיגן און אַריבערגעוואויגן דעם מאַנגל און דעם דלות פון די ערשטע מאָגערע יאָרן... זענען זיי אָפּהענטיק געוואָרן, די חברים פון יוספיה. און כאָטש זייער הויף איז אָנגעגאַנגען פאַר איינס פון די פאַרפונדעוועטסטע. פון די געזיכערטעסטע, האָט דאָך אַ מורא פאַרן ווינטער זיך אויך אַהער אַריינגעצויגן. און קאָן זיין, אַז אפילו גאָר נישט אומזיסט. האָט מען זיך דעריבער נישט געקאָנט באַנוגענען מיט די אַלע טענות. וכּוחים און פאַרשלאַגן. וואָס האָבן אויסגעפילט די צוויי הייסע טעג אין צוריה. מען האָט נאָך דאָ פאַר-לענגערט די טענות. יעדער קבוץ פאַר זיך. יעדע קבוצה מיט זיינע אייגענע, היימישע, קליינע און גרויסע זאָרגן.

איז טאַקע אין זעלבן טאָג, צוריקקומענדיק פון צוריה. באַלד נאָכן אָוונטברויט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג פון אַלע חברים וועגן גאָר-גאָר ווילטיקע פראַגן, וואָס זענען נוגע דעם קיום און וווויל-שטאַנד פון יוספיהער ווירטשאַפט.

איז קיינער אין זיין געצעלט און ביידל נישט געבליבן. אפילו רבקה „דער פלאַם", וואָס איז ערשט היינט צוריקגעקומען פון צענט-ראַלן שפּיטאָל אין חיפה און מיטגעבראַכט פון דאָרט דעם ריח פון קאַרבאָליק, אַ פּעקל וואַט און אַ פלעשל „בראָם", איז אויך אַריין אין גרויסן צריף. און אַז כּרמי, דער מנהל, האָט שוין פאַרגעסן אָן זיין מחלה, איז במילא אָפּגערעדט. איז דען אַנדערש געמאָלט? ער, כּרמי, זאָל זיך נאָך איצט אָפּהאַלטן?—ס'האָבן אים שוין גענוג געזונט אָפּגעקאָסט

די פריערדיקע צוויי טעג אין צוריה, ווו ער האָט אויסגעפעלט!..

אויפפאַלנד איז נאָר געוואָרן, ווען צמח איז אַריינגעקומען, ער מישט זיך דאָך גאָר קיינמאָל נישט אין די אַלע ענינים פון קבוצה; קומט נישט אויף קיין אסיפות, דרשנט נישט און וויל קיין אַנדערע נישט אויסהערן. „צמח! זע, צמח! אפילו ער איז דאָ!" און נאָך מער אויפפאַלנד איז געוואָרן, ווען בערעלע האָז האָט זיך אַלעמאָל צון אים צוגעשאַרט, אַריינגערוימט עפּעס אין אויער און זיך אָפּגערוקט. אַריינגעזאָגט און זיך אָפּגערוקט...

— דו וועסט געדענקען, צמח? איך רעד דאָך צו דיר, לאַנגער!

— וועל איך...

— געדענק!

— כ'וועל.

און די ענינים פון דער באַנייטער עקסטרא-אספה זענען דאָך דרינגענדע, און די פאָרשלאַגן אָפּגעפּאַסטע: „אַז אַ גאַסט קאָן לענגער ווי צוויי טעג נישט בלייבן" „אַז שטיוול דאַרף מען אויסטיילן איין פּאָר פאַר צוויי מענטשן" „אַז אויפנעמען מענטשן אויף אַ לענגערער צייט דאַרף מען נאָר אין זעלטענע פאַלן", „אַז..." „אַז..."

און דעבאַטירט האָבן אַלע, געהיצט האָט זיך נחמוני הויקערל און געווישט דעם שטערן.

— די קינדער, אונזער קומענדיקער העלדן-דור, און איך, — געדענקט! איך זייער לערער!..

געמוסרט האָט כּרמי דער מנהל:

— מיר דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר זיך און אַ טאָפּלטער מוסטער פאַר דער וועלט. זאָל זען די וועלט און באַוואונדערן. זאָל מען זען און גאַפן!

האָט מען גערעדט און זיך געהיצט. געהיצט און געטומלט. אויף צולעצט איז נאָך געבליבן אַ גאָר וויכטיקער ענין. אפשר איינער פון די וויכטיקסטע: די פראַגע וועגן אויפנעמען שושנהן, די זכרונער יפהפיה, אין קבוצה אַריין אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. אין אמתן וואָלט גאָר די פראַגע, ביי אַזוינע פּערספּעקטיוון, גאָר נישט געקאָנט באַהאַנדלט ווערן. זענען אָבער געווען צדדים. אַ באַזונדערע סימפּאַטיע האָט די בחורה געוואונען ביי אַ סך חברים; אי דאָס ביי די גאָר-גאָר

געהויבענע, און זיי האָבן דערפירט צון אַן אָפּשטימונג. אַפילו נחמוני הויקערל האָט נישט „דאַגעגן“ געהאַט:

— פאַרקערט! גוטער ווילן צו אַרבעט קאָן אונז דווקא נוצן ברענגען... קאָן בפירוש!.. נאָך אַ חברה איז בכח צו לייסטן! פאַר־קערט! פאַרקערט! — האָט ער מלמד־זכות געווען, נחמוני, און בשעתן רעדן געכאַפּט אַ קראַץ אין הויקערל און, בגנבה, אַ בליק געוואָרפן אויף דער בחורה, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל.

אָפּן, אין איר קעגנוואַרט האָט מען באַטראַכט דעם ענין. יוספיה האָט קיין סודות נישט. יוספיהער חברים האָבן זייערע אָנשויונגען און מיינונגען. פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע! ווער פּאַר, און ווער — קעגן! נישט געהיט, נישט פאַרדעקט און פאַרשטעלט! אַזוי און אַזוי! איז זי געזעסן, שושנה, אין ווינקל און געקוקט. אָבער פאַרוואָסזשע האָבן דווקא אירע בליקן געשאָסן ערגעץ אַנדערש, נישט אַהין, ווו דער עולם האָט זיך געאַמפּערט — ערגעץ אין אַ צווייטן ווינקל?.. און וואָסזשע האָט זי געוואָלט, די זכרונער יפהפיה, אַראָפּלייענען איצט פון צמחס פּנים? זי ווענדט דאָך פון צמחן איר בליק נישט אָפּ. נו זעט זי, ווי ער זיצט אַ שווייגנדיקער, צמח, דעם שטעקן, ווי זיין טבע, צווישןביידע פיס און הערט עפּעס, הערט געשפּאַנט...

זעט זי דאַן, ווי בערעלע האָז שאַרט זיך צון אים צו, זאָגט אים עפּעס, און ער, צמח, ענטפערט אים מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ“. זי זעט עס און... עפּעס ציטערט ביי איר די קני... זי זעט עס און... די באַקן באַגיסן זיך ביי איר מיט אַ פלאַמענדיקער רויטקייט. ס׳שווענדלען ביי איר אָן די שלייפן. ס׳פאַלן צו די אויגן. און אַ ווייל שפּעטער זעט זי דערפאַר נישט, ווי צון איר האָט זיך שוין צוגעשאַרט בערעלע האָז. אַ הויך נאָר פילט זי. עפנט זי די אויגן. בערעלעס פּנים איז אַ שטראַלנדיקס:

— מ׳וועט באַלד שטימען, שושנה...

— ...

און אַז מ׳האָט שפּעטער געציילט די געהויבענע הענט אויף „יאָ“, האָט שושנה גאָרנישט, כלל גאָרנישט געזען. בלויז אַ לענגעכיקס, אַ קאַנטיקס האָט איר אין די אויגן געשטאָכן: אַ בראָנזענע, האָריקע

האַנט פון אַ ווייסן, ברייטן כאַלאַט-אַרבל אַרויס. האָבן אירע ליפּן אַ צאַפּל געטאָן:

— צמחס האַנט! צמחס האַנט! כ׳האָב געוווּסט!

די האַנט האָט מכריע-געווען.

„יאָ! זי בלײַבט!"

די אספה האָט זיך געענדיקט, און מען איז זיך פונאַנדערגע-קראָכן. מיט אַ צעבונטעוועטן, אומרויִקן געמיט איז שושנה אַרויס פון צריף. איר איז געווען הייס אין די שלייפן, איז זי אַרײַן אין גערטנדל. נאָר קוים האָט זי זיך אַוועקגעזעצט באַ אַ בייט קווייטן, האָט זי דערזען, ווי צווישן די שטאַכעטן רוקט זיך אַ מין שאָטן גלייך צון איר. אַ דערשראָקענע איז זי אויפגעשפּרונגען:

— מי שם?

— איך!..

בערעלע האָט געפינטלט מיט זײַנע לויפנדיקע אויגעלעך.

— איר? וואָס ווילט איר? וואָס? — האָט שושנה געשטאַמלט.

— איר האָט אײַך דערשראָקן, שושנה?

— איך האָב זיך נישט דערשראָקן. כ׳וויל... כ׳וויל זיצן אַליין.

— אָבער איין וואָרט וויל איך אײַך זאָגן, שושנה...

— מיר...

— איך וויל אײַך זאָגן...

— זאָגט מיר נישט איצט... איר וועט זאָגן מאָרגן... איך בלײַב דאָך שוין דאָ... דאָ צווישן אײַך...

— אַזוי צאָלט איר מיר איצט אָפּ. שושנה? איר ווייסט, ווען נישט איך...

— איר ווילט געצאָלטס? נו, גוט, גוט... מאָרגן... טאַהיב, טאַהיב, בוקראַ!

בערל איז אַוועק אַ צערייצטער.

שושנה האָט אים נאָכגעקוקט:

— טאַהיב! בוקרא!

זי האָט זיך שוין נישט צוריקגעזעצט. געקראָכן פון בייט צו בייט, פון בוימל צו בוימל, אין דער טונקל. אַז איבערן הויף האָט אַ שטילקייט, אַ פולקאָמע זיך צעלעגט, איז זי אַרויס פון גערטנדל.

גלייך צום געצעלט איז זי געגאַנגען, צו צמחס געצעלט. צמח איז געשטאַנען ביים אָפענעם צודעק. ר'האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— איך האָב געוווסט, אַז איר וועט קומען, שושנה.

— איר? ווי אַזוי, צמח?

— פריער, אין צריף, האָב איך אויף אייך דערקענט...

— איר האָט געוואַרט, צמח?

— ....

— יאָ?

— יאָ...

זיי האָבן זיך אויפן היי אַראָפּגעזעצט. אויף צמחס געלעגער. שושנה האָט מיט אירע פינגער זיינע קרויזן פונאַנדערגענומען.

— קאָפּ פון לויטער גאָלד. וואָס פונקלט און בלינקט... וואָס פונקלט און בלינקט...

צמח האָט לייכט אַראָפּגענומען איר האַנט פון זיין קאָפּ און זיך אויפגעהויבן.

— איר ווילט אַרויס אויפן הויף, שושנה?

— גוט.

זיי זענען אַרויס. שושנה האָט געהאַלטן צמחן ביי דער האַנט און געטוליעט איר קאָפּ צו זיין אַקסל. ביי דער „סטערטע" האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט. צמח האָט אַרויסגעצויגן זיין פייפל פון בוזעם.

— איר ווייסט, שושנה, איך האָב שוין לאַנג נישט געשפּילט אויף מיין דודע.

— פּייפט...

צמח האָט זיינע אויגן פאַרמאַכט. אַ מאָנענדיק, נאָגעדיק פייפעריי האָט זיך אַריינגעכוואַליעט אין דער נאַכט.

— צמח... צמח... דו פּילסט... אַ פייכטער טוי פאַלט אויפן סטויג, צמח....

אָבער צמחס פינגער האָבן אויפגעדעקט און צוגעדעקט די לעכ-לעך פון פייפל. אויפגעדעקט און צוגעדעקט. האָבן די אַרומיקע בערג אָפּגעהילכט מיט אַ שאַלונג...

— צמח... מיר איז קאַלט.....

ער האָט איבערגעריסן דאָס פייפן:

— דיר איז קאַלט? שטאַרק קאַלט? איך האָב געוואָלט דעם מאָרגן אַראָפּשפּילן...

— מיר איז קאַלט...

— טאָ וועלן מיר... וועלן מיר...

ר׳האָט נישט דערענדיקט. פאַר זיי איז געשטאַנען נחמה אַן איינגעהילטע אין טיכל, אַ באַשיכטע אין אַ פּאָר דאַרע, נישט פאַרשנורעווע־טע שיך און אַ פּעקל אין האַנט.

— צמח, כ׳געזעגן זיך פון דיר... כ׳גיי אויף אַ צייט אַוועק...

— דו? נחמה?!

— איך גיי, צמח... מען מוז זיך אַ ביסל אויסרייסן פון די דינע וואָרצעלעך... מען מוז.

צמח האָט אויף איר געקוקט. האָט ער זי פאַרשטאַנען?..

אין די שפּיצן־פינגער פון די הענט האָבן אים ווי שטעכיקע נאָדלען געשטאָכן...

— דו גייסט, נחמה?

— כ׳גיי. און דו, שושנה, זיי אים אַ חברטע, צמחן... דו ביסט אַ פרישע דאָ, און ער, צמח, איז אַ פאַרפונדעוועטער, אַלטער איינזאַ־מער... שלום, חברים.

אין דער מאָרגנגרויקייט האָט אַ ווידערקול זיך געטראָגן:

„שלום, שלום”...

אַז נחמה איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען, און אַ שאָטן האָט זיך אויסגעלעגט הינטער איר אויף דער זאַמדיקער הויפּסטעזשקע, האָט צמח איינגעגראָבן זיין קאָפּ אין שושנהס שויס און געשעפּטשעט:

— זאָג, שושנה, בין איך אַן איינזאַמער? זאָג: אַן איינזאַמער?..

ט

סאַמע הושענה רבה האָט מאירל אָנגעצווינגן קיין דילב, דער נאָענטסטער דאָרפישער פונקט פאַר ירושלים. אַזוי ווי אייגנס אויסגע־רעכנט, אַז דאָ זאָל אים טאַקע אויסקומען צו רוען נאָך אַזאַ שווערן וועג, וואָס ער האָט געמאַכט. הגם גאָר געציילטע פון דער דילבער הברה האָבן זיך ווענס באַגעגנט מיט מאירלען — און סיי־ווי האָבן זיי אים איצט נישט דערקענט — האָט מען אים פּאָרט גאַנץ האַרציק און פריינטלעך צוגענומען. דילבער לייט זענען גאָר בטבע שטאָלצע, בפרט די בחורות, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט צו טראָגן די קריגלען אויף די קעפּ און טוען זיך אָן אין אויסגענייטע העמדער. אָבער מאירל איז זיי דווקא איינגעפאַלן: — „אַ יאַט!"

האָט מען אים מכבד געווען מיט מילך פריש פון מעלק־שעפל, מיט אַ בלעכענעם שיסעלע טאָמאַטעס פון אייגענע בייטן, און אַ קליין מיידעלע פון „קינדערגאָרטן" האָט אים נאָך אונטערגעטראָגן אַ בלימל פון די אייגענע פלאַנצונגען. דער ריח פון דעם בלימל איז אים אפילו נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן, נאָר דעם מיידעלע האָט ער אָפּגעצאָלט מיט אַ קוש איבערן פלאַקסענעם קעפּל.

— אַ מילכיק מיידעלע! פון וואַנען נעמט זיך אַזוינס אַהער?.. מה שמך? וועמענס ביסטו?

דאָס קינד האָט זיך פאַרשעמט, און אַ פאַרויטלטס אָפּגערוקט מיט אַ פענטל ביים מויל. אָבער דער פאָטער פון קינד, אַ יונגערמאַנטשיק,

אַ שלייענדל, מיט אַ קדושין־רינגל אויפן פינגער האָט דווקא באַרימע־ריש זיך דערצו באַקענט:

— בתי!

— דיינס? דו האָסט שוין אָפּגעשפּאָרט אַזאַ טעכטערל, לעוויטין?

— נישט צייט נאָך? כי־כי כי־כי!

לעוויטין, דער טאַטע, האָט זיך אינטעליגענטיש באַלאַכט, קייענ־דיק דיטאַמאַטעס און פאַרזופנדיק מיט מילך, האָט אויך מאירל זיך פאַרגינען אַ שמייכל:

— כאַ־כאַ! דילב מערט זיך!

אָפּגעגעסן, האָט מאירל פאַרויכערט די ליולקע און זיך אַרויסגע־לאָזט אויף אַ שפּאַציר. לעוויטין פון איין זייט און נאָך אַ בחורל פון דער צווייטער, האָבן באַ אים געגומען אונטערפּירנס און צוערשט אויסגעוויזן זייער דילבער באַלעבאַטישקייט. די שטאַלונגען, דער גאָרטן און די עופות־שטייגן זענען מאירלען אין אמתן יאָ געפעלן געוואָרן, נאָר פון לעוויטינס רייד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויס נחת האָבן זיי דערוויייל נישט פון דעם גאַנצן משא־מתן. לייכט, אַזוי כל־אחר יד, האָט ער געגעבן אָנצוהערן, לעוויטין: מען מוז קעמפן, חבר... מען מוז... קיין מאַרק פאַר אונזער גרינס איז נישטאָ... רעכענען רעכנט מען זיך נישט אַזוי שטאַרק מיט אונז און... עט! פאַרשטאָפּטע הער־צער און קליינע נשמות... ר'האָט זיך אפילו אַ ביס געטאָן אין צונג, לעוויטין, פאַר זיין לעצט וואָרט, אָבער אַזוי האָט ער שוין געמוזט.

— הייסט עס „לויתן”, אַז ס'איז נישט פויגלדיק — האָס זיך מאירל פאַרצויגן מיט אַ צי־רויך — האַ? און גאָרנישט, האַ?

— וואָס הייסט גאָרנישט? מיר טוען אַלץ, כדי אָפּצוווענדן דאָס שלעכטס...

און דאָ האָט לעוויטין אַרויסגעצויגן פון זיין בוזעם קעשענע אַ פאַרגעלטן נומער „דבר” און באַוויזן מיט אותיות און מופתים, אַז מ'שווייגט בפירוש נישט...

— אָט, קוקט, מ'שרייבט! מ'ליאַרמט!..

— וואָסזשע שרייבט מען אַזוינס? און ווער?

לעוויטין האָט עניוותדיק געדרייט מיט זיין קעפּל...

— איך... איך שרייב דאָך אויך אונטער...

— דו מאַכסט אויך מיט דער פען, „לויתן״?

שפּעטער אַ ביסל האָט מאירל נאָך געהערט וועגן גרעסערע זאַכן, וואָס לעוויטין האָט אויפגעטון. ר׳איז געוואָר געוואָרן, אַז ער, לעוויטין, איז גאָר, אין די לעצטע צוויי יאָר אַ „משולח״ געוואָרן... און אַלע זענען אים מקנא צוליב דעם, וואָרעם... וואָרעם ווען נישט ער, לעוויטין, וואָס פּאָרט אַרום, וואָלט מען אין פּוילן און אין ליטע נישט געוווּסט וועגן „דער אַרבעטער באַנק״, וואָס... באַשעפטיקט אַ דרייסיק באַאַמטע, און וועגן נאָך גוטע זאַכן... יאָ! אוודאי!.. דאָס איז מאירלען דווקא געפעלן געוואָרן. אָבער אַז לעוויטין האָט צום סוף געוואָלט דערגיין פון מאירלען, ווי עס האַלט עפּעס מיט אים, צי ער איז שוין אויף אַן אָרט און ווי עס האַלט מיט אים בכלל..? האָט מאירל אַראָפּגעלאָזט די אויערן-לאַפּן:

— איך ווייס... איך פּרוו אָנקלאַפּן אין ירושלים... איך... נו, איך וויל שוין אויף באָדן אַרויף... איך... איך דאַרף שוין אַ נעסט... ביי לעוויטינען האָט עס זיך אָבער נישט געקאָנט פּאָטופען אין מוח: מיינסטו, אַז דיר וועט געלונגען? דו ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט? ראשית איז, דוכט, קיין ערד גאָר נישטאָ, השנית איז דאָך קיין געלט נישטאָ... אָט, באַקומען מיר שוין אַ פּאָר חדשים נישט אַ פּיאַסטער... והשלישית... והשלישית האָט לעוויטין אַ טאַפּ געטון, ווי אַזוי מאירלס פּאַרטייאישע פּאַפּירן שטייען.

און אַז ר׳איז דערגאַנגען, אַז מאירל איז גאָר אַ קאַלטער, „נישט אַהין און נישט אַהער״, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס רינגל און זיך דערמיט גענומען שפּילן.

— אפשר וואָלט איך דיר געגעבן אַ בחיוו צו פּענצאַקן, ביסט דאָך געווען אַמאָל אַן אונזעריקער?

נאָר אַז מאירל האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, האָט זיך לעוויטין צוריקגעכאַפּט:

— אין אמתן דאַרפסטו דאָך נישט, נאָר... מיר וועלן זען!..

*

אַ מילכיקער איז געווען דער שמחת תורה. — דילבער חברה

האָבן קיין ברען נישט. האַלב־יאַטן, האַלב־בוכהאַלטערלעך, איז ביי זיי אַלץ געגאַנגען מיט מאָס און מיט ציפער. אפילו דער טאַנץ איז גע־ווען אַזאַ, אָן אַ צורה. אָבער מאירלען האָט עס נישט געאַרט. צעקנעפּלט ס׳העמד, צעלאָזט דעם רימענט און זיך אַוועקגעלאָזט אַליין:

אדיר הוא!

אדיר הוא — אדירים, עמך..

אוי אוי אוי!

און די אויגן באַ אים ווערן אַרויסגעזעצט און רויכערן זיך... שטייען דילבער בחורות אָן אַ זייט און וואַרפן זיך איבער מיט אַ שמייכל: „פרא־אדם און דאָך אַ בעל כח״...

....איז אים דאַן קאַלט געוואָרן, מאירלען.

און אַז ער ליגט שפּעטער־צו אַליין ביים דילבער שטיינבאַרג און קוקט צום פלאַם פון זונאונטערגאַנג ווערט עפּעס בענקענדיק: „עך, דאָרט אין עמק... דאָרט, אין יוספיה! חברה גייען אוודאי אויס פון ברען... קעפ טראָגן זיך דאָרט אין דער לופטן, און צווישן זיי... עך! צווישן זיי דרייט זיך אוודאי נחמה... אָהאָ! ווי זי קער איצט טאַנצן, און איר האַרץ מיאָכקעט פאַר בענקשאַפט...״

אים איז נאָך קילער געוואָרן. דער פאַרנאַכט האָט אַראָפּגענידערט טיפער. אין דילב איז קאַלט. אָבער געטרייסט האָט ער זיך: „מאָרגן! אין ירושלים. ביי אייגענע. ביים „גדוד״. דאָרט... דאָרטן... אין „ראַ־טיסבאָן״ וועלן מיר זיך צעוואַרעמען״. — — —

*

מאירלס ברוסט ווערט ברייטער וואָס אַמאָל, און דאָס האַרץ שלאָגט העפּטיקער און העפּטיקער, אַ יונגער מאָרגן קיניגט שמייכלענ־דיק אויף די בערג־יהודה. ער ציטערט אינם חלל, דעם בלווילעך דינענ־קען, דעם דורכזיכטיקן. אַ יונגער מאָרגן, ווי אַ בשורה אַ נייע. זיצט מאירל אויפן פערד און עפּעס ווייסט ער נישט, ווי אַזוי דאָס איז:

— „יה־חי! אָט זענען שוין די מויערן פון שטאָט. אָט, טאַקע שוין ירושלים!״ לאָזט ער ס׳פערד די טריט צײלן און פאַרדרייט צום הימל־בלוי זיין קאָפּ. „יה־חי!״ — — —

גלאַנצן קאָפּולן פון די רייכע מינאַרעטן, קלויסטער שפּיצן

שטעכן צו די הויכן, און אַרום די אַלטע חומה, פון מלכים איי־
גענע געבויט. הר־הצופים, הר־הזיתים. ווי די ריזן, וואָס דערוואַכן
און באַקראַנצן. שטיקט מאירלען אַ פרייד אין האַלז: „יה־חי! ירושלים!"

*

במחצבה! במחצבה!

הה, מחצבה!

אַ געזאַנג אַ מונטערער, אַ פרימאָרגנדיקער האָט מאירלען אַקעגנ־
געקלונגען, צוקומענדיק קיין „ראַטיסבאָן".

במחצבה! במחצבה!

הה, מחצבה!

דאָס גייען זיי מיט זייערע ביגעס צו די שטיינערגרובנס, די
לוסטיקע, צעכראַסטעטע חברים פון ירושלימער „גדוד". מאירל איז
שיר צעשיט געוואָרן פון פרייד:

— שלום, חברה!

— הידד! שלום, מאירל!

מ'האָט זיך איבערגעפרעגט, איבערגעוואָרפן, קורץ, מיט אַ פּאָר
ווערטער און צעשיידט.

— אין אָוונט, מאירל, מיר וועלן צוריקקומען פון דער עבודה!

— אין אָוונט! כאַ־כאַ! — האָט עס אין מאירלען געשטורעמט
פאַר פרייד. — גייט! ס'וועט שפּעט! — —

ווי אין אַ היימישן ווינקל האָט ער זיך דאָ אין ראַטיסבאָן גע־
נומען דרייען. קודם כל באַשטאַטן ס'פערד, זוכן דערפאַר אַ ביסל פאַ־
שע און דאַן ערשט זיך אַליין באַקוקן. אים האָט זיך געגלוסט וואַשן,
ס'פנים, די הענט, די ברוסט און אויך די פיס, אין קאַלטן וואַסער.
„דו ביסט דאָך עפּעס דאָ, מאירל! ווייסט דאָך קיין אומגעוואַשענער
אין דער ליכטיקער שטאָט נישט אַרומגיין!" די גריבער זענען אָבער
שוין טרוקענע געווען. פאַרן ערשטן רעגן. ליידיקע „בורות"...

ערשט אַ חברטע האָט אים מהנה געווען מיט אַ ביסל וואַסער,
אָפּגעטיילט פון אירן. „מילא!"

אַז די זון איז שוין הויך געשטאַנען, איז מאירל פאַרטיק גע־
וואָרן מיט זיך און איינגעפונען, אַז ער דאַרף שוין אַרויסרוקן.

„נו, איצט צו יענעם הויז. צום „פאָלקס-פאַרזאָרגערשטיבל״! האָט ער זיך האַרץ געמאַכט און געשטעלט אַ פּוס. „עך, מאירל! גאַרט אָן די לענדן! האַלט מוח. אַזוי-און-אַזוי!״

איז ער שטייפער געוואָרן אין גאַנג און זיך געחזרט די טענות: „מיך, מאירלען דאַרף מען אַוועקזעצן... מיך און מיין צווייטע העלפט... מיך, מאירל גזלן...״

איבער די שטילע גאַסן איז ער צוערשט געגאַנגען. קאָן זיין דערפאַר האָט ער געהערט, ווי זיין האַרץ טיאַכקעט: „ס'וועט מיטן היינטיקן טאָג אַ שנוי קומען אין לעבן, מאירל!.. האַלט מוח. אַזוי-און-אַזוי!..״

— — — — — — — — — —

מ'האָט אים געהייסן וואַרטן מאירלען. ראשית-כל זיך פאַרשרייבן אין דער רייע, אין „תור״, נעמען אַ נומער און זיך מעלדן ערשט אין... פיר טעג.

— וואָרום דער אדון פענצאַק — זאָגט דאָס בחורל אין די ברילן און מיטן פּאָמאַדירטן קאָפּ — קומט נאָר איינמאָל אין טאָג אין משרד אַריין, צווישן עלף און צוועלף, און פאַרשריבענע אויף „אוידיענץ״ זענען דאָ אַ שפּאָר ביסל.

— והשנית — זאָגט ער, דאָס בחורל — קאָן מען גאָרנישט צו-לאָזן אָן אַ פריער אָנגעשריבענער בקשה. אדון פענצאַק האָט קיין צייט נישט אויסצוהערן די טענות. ער לייענט אין פרייער שעה דורך די בקשות און דאַן שיקט ער — ס'רוב ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום — אַ שריפטלעכע תשובה...

— אָבער — פּרווווט מאירל טענהן — אַלץ איז גוט... כ'פאַר-שטיי... אָבער וועט ער היינט דאָ זיין, דער אָ...דון פענצאַק?

— וכי לא שמעת? — ציט שוין דאָס בחורל די ברילן און קוקט, אויב מאירל נעמט שוין די קליאַמקע אין האַנט...

— כ'פאַרשטיי, אָבער איך בין... ס'הייסט...

ר'האָט זיך פלוצלינג פאַרלוירן, מאירל. דאָס, וואָס ר'האָט זיך די גאַנצע צייט געחזרט, ווי אַזוי ער זאָל רעדן, ווי אַזוי ער זאָל זיך אַוועקשטעלן און ווי אַ תקיף מאָנען, איז אויסגערינען פון זכרון, ווי פון אַ לעכערדיקער כלי...

— יאָ, חבר... — שטאַמלט מאירל...

— אדון!!! — באַמערקט דאָס בחורל שאַרף.

— אדון... אפשר וואָלט מעגלעך געווען, איר זאָלט זאָגן פענ־צאַקן מיין נאָמען: איך בין מ...

— וואָס?

— פענצאַק קאָן מיך גוט. נישט איינמאָל... ער וועט זיכער גע־דענקען מאירלען... ער וועט מיך...

— וועמען?

אין פאָדערחדר איז נאָך געזעסן אַ מיידל מיט אַ פּנים פול געלע זומערשפּרענקלען און געצימבלט מיט די פינגער אויף אַ שרייב־מאַשין. קוים האָט זי דערהערט מאירלס שטאַמלענדיקע דבורים, האָט זי אויפגעהערט קלאַפּן אויף דער מאַשין, באַשפּיגן אַ פינגער, און מיט אַ חנדעלע זיך געווענדט צום באַבריליטן בחורל:

— נו, טוב! זאָל דער „אדון" איבערלאָזן זיין קאַרטעלע און מיר וועלן עס איבערגעבן...

און צו מאירלען:

— אדון איר האָט נישט קיין געדרוקט קאַרטעלע?

מאירל האָט נישט פאַרשטאַנען... אָבער די רעכטע האַנט זיינע, וואָס האָט געשטעקט באַן אים אין קעשענע, האָט זיך צונויפגענומען און ער האָט דערפילט, אַז ר'האָט אַ געביילטע פויסט... די גאָמבע האָט געציטערט, און די צווויי ביזע האָר אויף זיין נאַקעטן קאָפּ האָבן זיך אָנגעדראָטעוועט. ווייזט אויס, אַז דאָס בחורל מיט דעם פּאָמאַ־דירטן קאָפּ האָט דערשנאַפּט, אַז דאָ קאָן באַלד „לעבעדיק" ווערן און איז צוליב דעם פאַרגאַנגען:

— אַ וויכטיקער ענין באַן אייך, אדון?

— ...

מאירל האָט געקנייטשט דעם ברייטן קאַפּעליוש מיט דער לינקער האַנט.

— איך פרעג דאָך אייך? — האָט דאָס בחורל איבערגעחזרט.

דאָס מיידל ביי דער שרייבמאַשין האָט צוגעלעגט ס'נאָזטיכל צום מויל און זיך דערין געדושעט פאַר לאַכן. אויך ביים „פּקידל" מיט די ברילן האָט געציטערט די אויבערשטע ליפּ נאָך אויסצושיסן

אין אַ געלעכטער. ר׳האָט געכאַפּט אַ פּען, געעפנט אַ בוך און קוים זיך אַרויסגעקוועטשט:

— זאָגט מיר אייער נאָמען.

— צוליב וואָס?

— ווי הײ.. הײ.. ס..ס.סט..

ר׳האָט זיך שוין צעקייכט מיט מזל, דאָס „פּקידל״ מיט דער פּאָמאַדירטער טשופּרינע; אַרײנגעגראָבן דעם קאָפּ אינם געעפנטן בוך, און די אַקסלען האָבן זיך באַן אים געהויבן. דאָ האָט שוין מאירל זיך דערמאָנט. ער האָט זיך נענטער צוגעשאַרט צום שרייבטיש, צע־רירט אַ יד און קאַלטבלוטיק אָנגענומען ס׳בחורל ביים קאָלנער:

— שמע, אדונציק!.. אַז ס׳איז דיר אַזוי לאַכעדיק קאָן איך דיר אַ ביסענקע צעקיצלען די ביינדעלעך... אַלע אברימלעך... אויב ס׳איז דיר אַזוי צום האַרצן...

דעם בחורל זענען אַראָפּ די ברילן פון דער נאָז פאַר שרעק און דאָך האָט ער נאָך געפּרוווט זיך שטעלן אויף הינטערפיסלעך:

— בבקשה לעזוב את החדר! בבקשה לצאת מכאן!

— אַרויסגיין? נו גוט! איך קאָן אַרויסגיין אויך... כ׳קאָן אַלץ. כ׳קאָן אויך באַווייזן, אַז איר אַליין זאָלט אויך אַרויספליען... יאָ, אַדונציק.

נאָר ר׳איז בלאָס געוואָרן, מאירל. ס׳האָט אים געביסן אַרום די נאָזלעכער, און אַ קני האָט באַן אים געציטערט. ס׳איז אים אייליק גע־וואָרן צווישן די ציינער. ר׳האָט אָבער נאָר אויסגעשפּיגן און הינטער זיך מיט אַ טראַסק צוגעפּראַלט די טיר.

די בקשה-ברענגערס, וואָס האָבן באַלעבט דעם גרויסן קאָרידאָר, האָבן אויף אים אָנגעשטעלט זייערע נכנעשע אויגן: „אַ פּנים אַ חסר־דעה! ער מיינט אוודאי, אַז ר׳איז ווייס־איך־ווו.״

אַ מאָגערער תימנער יידל, דער שומר-הפתחים, אין אַ פּאָפּיע־לאַטן סטאָן איבער די ברוינע, באָרוועסע פיסעלעך, אין אַ גרינעם ירושה-קאַפּעליוש, אין וועלכן זיין קליין קעפּל איז אַרומגעשוואומען, ווי אין אַ מאַקורטע, האָט אויף אים אָנגעשפּיזט זיינע קליינע, פונקלענדי־קע אויגעלעך און צוגעשטעלט אַ פינגער צום שיטערן בערדל, וואָס האָט באַחנט זיין אָדערנדיקן, אויסגעצאַמטן, אָפּגעברענטן פּנים.

— אדדאָן, מה־זה, זה, מה־זה... מה אתה ראָסע? ממה... מה אתה ראָסע?.. ריבאָנאָ שעל אוללאָמם.

מאירל האָט אים אָפּגערוקט מיטן עלנבויגן און זיך געלאָזט אַראָפּ־טרעפּ. דער ענגער קאָרידאָר מיט זיינע פאַרחושכטע ווענט האָט אים אָנגעשטעקט מיט עקל, האָט אים געוואָרגן. און ס'האָט זיך אים געוואָלט וואָס גיכער פון דאַנען אַנטלויפן; וואָס גיכער זיין אין גאַס און זיך אויסמישן מיטן טומל פון פעלקער, מיט דער בונטפאַרביקייט פון טראַכטן, לשונות און נישט הערן דעם חוזק, וואָס יאָגט אים נאָך הינטער די פּלייצעס און וויל זיך אויפן קאַרק אַריפּכאַפּן און רייטן...

ר'איז געלאָפן אַראָפּ־טרעפּ. אַראָפּ־טרעפּ. נאָך צוויי, נאָך דריי! אָט... אָבער פּלוצלינג האָט אים ווער, פון אונטן, דעם וועג פאַרשפּאַרט מיט צוויי אַקעגנגעשפּרייטע אָרעמס:

— מה שלומך, מאירל? אַ גאַסט! אַ גאַסט אין ירושלים!

מאירלען האָט אַ שווינדל געטון אין מוח.

— דערקענסט מיך נישט מאירל?

מאירל ענטפערט אין אַ האַלבער הלצה:

— איז דען מעגלעך דיך נישט צו דערקענען? דו, פּענצאַק, ענדערסט זיך דען? אפילו די וואָנסן ביי דיר דיזעלבע, ווי פאַר צוויי, פאַר דריי און זעקס יאָר... נאָר ס'הערט זיך, אַז דו ביסט אַ גרויסער מענטש געוואָרן; מ'זאָגט אַ שטיק מיניסטער.

הגם אַן אומגערעכטער איז געווען דער דאָזיקער ענטפער און אָן אַ „פאַרוואָס", אָבער אין מאירלען האָט שוין געטליעט אַ כעס צו אַלע, צו יעדן איינעם, וואָס האָט אַ שטיק מגע ומשא אין דעם הויז.

פּענצאַק האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט זיך געמוזט פאַרלויפן, און דווקא געוואָלט דערגיין. זענען אָבער מענטשן אַראָפּ און אַרויפּ־געגאַנגען און ער האָט אָנגעצויגן אַ פּאַסיקע מינע:

— דו ביסט אויך דערזעלבער. מאירל. אָבער... סליחה?.. איך אייל זיך... פאַרשטייסט... ענינים אויף ענינים... אויב דו דאַרפסט עפּעס... הם... קום אַריין צו מיר איבערמאָרגן... אפשר מאָרגן... איך ווי'ן...

— מען דאַרף אפשר צו דיר אין אמתן אַ צעטעלע? איך וועל שוין נעמען... איך וועל שוין קומען, סליחה... שלום...

מאירל האָט זיך אויסגעדרייט מיט רוקן און אַראָפּ פון דער לעצטער טרעפּ.

*

ביי עק גאַס האָט ער זיך ערשט אָפּגעשטעלט. ר׳איז צוגעגאַנגען צו אַ ביידל, אויסגעקראַצט אין קעשענע אַ פאַרגעסענעם פּיאַסטער און געקויפט אַ גלעזל פאַרפאַרבט וואַסער. ס׳איז אים טאַקע זשאַווערדיק געוואָרן צווישן די ציין, אָבער אויפן האַרצן האָט שוין אַזוי נישט געבערנט. די פיס האָבן זיך ביי אים צעלאָזט און ער האָט גענומען שפּאַנען. סתם. איבער דער שטאָט. איבער די ענגע גאַסן. איבער די קאַלך-שטיינער, וואָס דרייען אויס די פיס און מאַכן מיד די געלענקען.

געגאַנגען... געגאַנגען... און אָט איז ער, מאירל, ביי דער אַלטער שטאָט. — ר׳איז אַריין אין די געוועלבטע פאַרחושכטע טויערן. אָבער דאָ האָט אים אַ חשק געררייצט, אָט ווי די אַלע פילדערנדיקע כל-המינים יידישע און ישמעאלישע קרעמערס און הענדלערס, אויף אַ משונהדיקן, ווילדן קול צושרייען און אויספויקן פאַר אַלע פאַרבייגייערס די נישט געשטויגענע מציאות:

„אַ-אַ-אַ! אַדאַגירש! אינטי!" עפּעס האָט זיך אים געוואָלט קלאַפּן אין בלעכן, און טאַצן, ווי די אַלע באָרוועסע אַראַבערלעך, וואָס שטופּן זיך קוים דורך אויף זייערע אייזעלעך אינם געדרענג צווישן די ענגע, שוואַרצע מויערן און די קופּעס אָפּגעשליסענע בעלי עסקנים, בעלנים, וואָס גאַפן און קוועלן פון אייגענער קויטיקייט און שצירען די ציינער אויף יעדן בייכיקן און געמיטלעכן פאַרבייגייער. ער האָט געשטאַמפּט צווישן די געסלעך. אַראָפּטרעפּלעך, אַראָפּטרעפּלעך. געשטויסן מיט די עלנבויגנס יעדן פוילן גאַסנשטייער, וואָס האָט סתם געוואַרט, צו וואַרפן אַ בליק אויף אַן אויפגעדעקטער „יאַהודקע" אָדער אָפּצומעסטן באָדאַי אַ פּאָר פיס פון אַ צוגעדעקטער אַראַבערקע און דערווייל גענודעט אַ נגון, אַ געצויגענעם, און געציילט אַ שנורל קרעלן, אַזוי זיך.

„ע, אַיי אַ אַי אָ ע ע מע...ע...מע...ל.י לי...ע ע לי..."

אַראָפּטרעפּלעך, אַראָפּטרעפּלעך... אָבער — אָט איז ער שוין אין הייליקן ווינקל. אָט סטערטשעט שוין די „כותל" אַרויס. שורות, מתנות

גאַנצע פון מצורעים, פון קרעציקע ווייבער און בלינדע מענער, אין זייערע פאַרשידנקאָלירטע פרעמדלענדישע לאַכמאַנעס שטרעקן אים אַנט-קעגן זייערע אויסגעקרומטע הענט און בעטן אויף זייערע ציטערדיקע העלזער: נדבה! נדבה!" אָט זעט ער זיך שוין מיטן גאַנצן ביסל צע-פוילטקייט און הייליקער בענקשאַפט, וואָס קלאַמערט זיך אָנם מאָך פון די גרינע זיילן; אָט קוקט ער זיך איבער אויג-אויף-אויג מיטן צע-דאַוונטן און צעתהילימטן עולם, וואָס זינגט אַריין זיין געבראָכנקייט, עלנט און דלות אין די שפּאַלטן פון אַלטע צעטרימעטע פעלזנשטיי-נער. אָט זעט ער זיך מיטן גאַנצן ביסל מונטערניש, טריפנדיקע ליכט-לעך, פאַרויכערטע לאַמטערנעס, קלאַפּנדיקע פושקעס און עפּעס ווערט אים דושנע אין גאָרגל, אַז אפילו קיין הוסט לאָזט זיך נישט טאָן. בלינדע, צעטשויבערטע, נאַקעטע, צעכראַסטעטע — מען פאַרשפּאַרט דעם וועג און מען טרעט אויף די פינגער.

„ד׳ צורי ומגיני!"

„למנצח על הגיתית!"

אַי טאַטע פאָטער! העלף! העלף!

און ביי די זייטן גרילצט און וויינט:

„נעדאַבאַ! מאַסאַרי! נדבה נדבה! נעדאַבאַ!" —

*

מאירל האָט זיך אויסגעדרייט און צוריקגעשפּאַנט. צוריק. ווידער געגאַנגען...

דורכן „מיסט-טויער" האָט ער זיך פון דער ענגקייט אַרויסגע-דרייט. צו דער ליכטיקייט. צו דער פרייהייט אַרויס. איצט איז ער שוין געגאַנגען אויף דער הויך, לענגאויס דער חומה. פּאַמעלעך, באַ-זאַכט. דאָ האָט ער ערשט דערפילט, אַז ס׳איז אים פאַרויכערט אין געהירן. ביים אָפּהאַנג פון הר-הזיתים, די קברים צו-פוסנס, ווו דער אויסקוק איז אַ גערוימער, האָט ער זיך אָוועקגעלעגט. ר׳האָט דערפילט אַ מידקייט אין אַלע אברים....

— — — — — — — — — — —

שפּעט אין אָוונט איז מאירל געקומען צו דער חברה. מען האָט שוין אויף אים געוואַרט. אָבער אינם בלויזן אַריינקום זיינעם האָט

מען דערקענט, אַז דער טאָג איז נישט געווען קיין געראָטענער. ס׳ה ט אָבער קיינער נישט געפּרווט פרעגן. די אויגנלעפּלעך זענען געווען ביי אים פאַרצויגן, די נאָזלעכער צעשפּאַרט, און אינגאַנצן האָט ער געשמעקט מיט ברום. ר׳האָט זיך אויסגעצויגן אין ווינקל. עסן האָט ער נישט געוואָלט, בלויז אויף וואַסער האָט ער זיך נאָכגעפרעגט:

— ביי אייך אין ירושלים קאָן מען פאַרברענט ווערן! כאָטש טרינק זיך אָן מיט דער אייגענער גאַל...

עמעצער איז אַרויסגעגאַנגען, אַריינגעבראַכט אַן ערדערנעם קרוג מיט גרינלעך וואַסער און פאַר אים אַוועקגעשטעלט:

— אָט האָסטו!

ער האָט באַנעצט די ליפּן...

— ס׳וועט שוין גענוג זיין... און פייער האָט ווער פון אייך?

ר׳האָט גענומען פּיפּקען די ליולקע. — חברה האָט זיך מתקנא געווען, ס׳איז זיי פאַרגאַנגען דער רויך, און איינער האָט ביים אַנדערן געבעטן אַן אָפּשניצל פון אַ פּאַפּיראָס. נאָר פּלוצלינג צעלאַכט ער זיך, מאירל:

— אָהאָ! איר ווייסט, חברה, דער קליינער פענצאַק מיט די וואָנסן האָט מיך פאַרבעטן צו זיך! איר זעט אים אַמאָל, פענצאַקן?

חברה האָבן געצויגן מיט די אַקסלען. איינער מיט אַ געשטיפּלט פּנים האָט קאַלטבלוטיק באַמערקט:

— ווער דאַרף אים דען? וואָס איז ער פענצאַק?.. איינער פון די גאָרנישטן, וואָס מאַכן אַ ווינט און פאַרבלענדן די אויגן... נישט בעסער פון אַלע, ווען נישס אפשר ערגער... ווער דאַרף זיי בכלל, ווער?

מאירלס פּנים האָט זיך געמינעט, געכמורעט, אַזוי ווי פאַר אַ שטורם-אויסברוך:

— און... פאַרוואָסזשע חברה, וואַרפט איר זיי אַלעמען נישט אַראָפּ פון די טרעפּ? פאַרוואָס שיט איר זיי נישט אַרויס איינציקווייז, זיי זאָלן די ביינדעלעך קלויבן? אַלע פונם „פאַרזאָרגער-הויז”!

חברה האָבן זיך פאַרטראַכט. דער געשטיפּלטער בחור האָט פאַר-קווטשעט אַ ליפּ:

— סיי ווי גאָרנישט... אַזוי צי אַזוי... — —

מאירל האָט זיך אויפגעהויבן:
— און ווו קאָן איך ס'פּלייש אַוועקלעגן?
— מיט מיר ווערסטו שלאָפן — האָט דער געשטיפּלטער בחור אויפגעכאַפּט.
ז'האָבן זיך געלעגט. — — — —
דער געשטיפּלטער בחור האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און תּיכף אַנטדרימלט געוואָרן. מאירל האָט זיך געטליקעט. באַלד אויפן רוקן, באַלד אויף אַ זייט; אויף דער אַנדערער און מיטן בויך אַראָפּ. דער שלאָף האָט אים נישט געקאָנט גובר זיין. — ר'איז אַ וואַכעדיקער געווען. איז ליגנדיק אַזוי מיט אָפענע אויגן, האָט ער געפּרווט טראַכטן. אַז: „אפשר איז פּאָרט כדאי אַריינצוגיין צו פּענ-צאַקן? אפשר וועט אָט דאָס יידל דאָך עפּעס טאָן? אפשר? איז דען אַן אַנדערע עצה פאַראַן? דאָ רייטן דאָך פּאָרט די „פּענצאַקס" און די „שטשיגלס" אויפן פערד... מילא! מוז מען זיי די סטרעמענעס דערלאַנגען... יאָ... יאָ... מען מוז גיין צו פּענצאַקן... מען מוז אים דערציילן און מען מוז אפילו בעטן... יאָ, בעטן..."
ר'האָט זיך געביסן אין צונג, מאירל.
דער געשטיפּלטער בחור, מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט געכראָ-פּעט, געשנאָרכט, און מאירלען האָט עס גוט פאַרדראָסן: „ליגט אַ בהמה און כראָפּעט!.. וואָס? ווער דאַרף ער און ווער דאַרף אים?! און וואָס האָט ער? אַ פערדל פאַר עמעצנס גלאַנציקע שפּאָרן..."
ר'איז אַראָפּ פון בעטל. זיך אויסגעצויגן אויף די קילע גרויסע שטיינער, מיט וועלכע ס'איז געווען אויסגעפלאַסטערט די חורבה און גענומען דעם קולאַק צוקאָפּנס... ר'האָט נישט גערוט. די שטיינער האָבן נאָך מער געוועקט:
„וואָסזשע וועט זיין? וועל איך טאַקע מיט גאָרנישט צוריקקומען? עמעצער זיצט דאָך ערגעץ און וואַרט... וואַרט אויף מיר? און אפשר בענקט זי גאָר טאַקע, האַ? אפשר בענקט זי טאַקע, נחמה? כ'האָב דאָך צוגעזאָגט אפילו מיטן קאָפּ די מויערן דורכצולעכערן... פאַרוואָס-זשע האָב איך עפּעס זיך געלאָזט אויסלאַכן? פאַרוואָסזשע גאָר אַנט-לאָפן, ווי... פאַרוואָסזשע? ר'האָט געדריקט דעם אויסגעקראָכענעם קאָפּ צו די פּליטעס — דאָס בלוט איז פּאָרט אין קאָפּ אַריין געקומען

„זי וואַרט דאָך, און איך"... האָט זיך די נאַכט אָן אויסלאָז געצויגן־געקראָכן, פּאַמעלעך איבער די גאַסן זיך געררוקט, געשאַרט איבער די שויבן און נישט געוואָלט נעלם ווערן. האָט מאירלען אַ כּעס אָנגענומען. ר'איז אַרויס אין דרויסן און געוואָלט אַ געשריי טון, ווי מ'שרייט אויף אַ משולחת, וועלנדיק עס שיקן „צו אַלדי שוואַרצע יאָר"... ווי אַ זלידנע האָט זי אים זיך אויסגעדאַכט, די נאַכט. האָט אָבער אים אַ חשבּות פאַרן גאָרגל געפּאַקט, אים איינגעצויגן, כאָטש ווער דערשטיקט...

ר'איז צוריק אַריין אינעווייניק און זיך ווידער צעצויגן אויפן דיל. די פּויסטן האָבן געפּויקט איבער די שטיינער: „זי וועט נישט!.. זי וועט נישט פאַרשווינדן, די נאַכט!.. כ'וועל איר נישט פּטור ווערן!.."

ווייט אויפן טאָג האָט אים דער שלאָף פּאָרט צעלעגט... — —

האָט ער שוין נישט געזען, ווי איבער אים, אין די האַלבע קויטיקע גאַטקעס, שטייט דער געשטיפּלטער בחור, מיט צעשראָקענע אויגן, נישט וויסנדיק וואָס אָנצוהויבן... האָט ער אפילו נישט געפילט, מאירל, אַז ער לעגט צו דאָס אויער, דער בחור, כּדי בודק צו זיין, אויב ס'הויבט זיך...

— השד יודע! — האָט ער זיך אַ שטוכּרע געטאָן, דער געשטיפּלטער בחור, צענויפגעזוכט די מלבושים און אַריינגעטאַנצט אין אַ פּאָר קורצע, גרינע כאַקי־הויזן. און מאירל איז האַרט געשלאָפן.

שפּעטער האָט אים אַ חברטע געוועקט צו ברויט מיט טיי, און ער האָט איר גאָר אָפּגעשטופּט מיט די פיס.

— רוכי! רוכי, רוכי!... טראָג זיך!..

איז געוואָרן אַרום אים רויק און פּוסט, און ער האָט געשמאַקער אויסגעצויגן און איינגעצויגן די פיס. אַז ר'האָט געעפנט די אויגן, איז שוין געווען שפּעט, טאַקע שפּעט. אויף גיך האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן די בגדים און אַרויס איבערן טויער: הע־הע! ווי די זון שטייט שוין! זיילן שטויב דרייען זיך, הויבן זיך און נידערן אַראָפּ— אָהאָ! ווי דער רעש איז שוין געשטיגן! האָט ער פאַרגעסן, מאירל, אַז זיין פּנים איז נישט געוואַשן, און נישט געדענקט, אַז נאָך נעכטן האָט ער געגעסן. ס'האָט אים געטריבן אין ווערבל אַריין. ר'האָט זיך געאײלט גלייך אַהין, אין דער ריכטונג פון „פאָלקספאַרזאָרגער־הויז".

ס'איז אים אַליין נישט קלאָר געווען, וואָס אייגנטלעך ער לויפט אַהין. ר'האָט זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט דערויף, צי דאַרף ער יאָ אַרויף אַהין, ווו ר'האָט ערשט נעכטן אַזאַ אָפּשניט געהאַט, צי ניין. אָבער עפּעס האָט אים דאָך געטריבן, און ער איז געלאָפן, ווי מורא־האָבנדיק, נישט צו פאַרשפּעטיקן אַ־וואָס וויכטיקעס. ווי ער וואָלט איצט פאָלגן אַ שטרענגן באַפעל, וואָס הייסט אים אַהינגיין, אָן שום טענות; נישט צו פרעגן „צוליב־וואָס און צוליב־ווען."

האָט ער זיך איצט נישט מער אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטן און באַמעסטן יעדע איינציקע זאַך אויפן וועג, ווי זייער שטייגער איז, און נישט געוואָלט באַקלערן איטלעכן מענטשן, וואָס איז אים אַקעגנגעקו־מען. ר'איז געגאַנגען פאָרויס און גאָרנישט איז אים אָנגעגאַנגען. ביז... ביז אַ בעטלער אין אַ רויטן טאַרבוש מיט אַ שוואַרצער טראָלד האָט אים פאַרטשעפּעט:

— אַי... רחמנות... אבי שיושב בשמים... ישלם... תּן... אַי, אחינו בני ישראל.

מאירל האָט זיך אָפּגעשטעלט. לכתחלה האָט ער גאָרנישט פאַר־שטאַנען, וואָס מ'וויל פון אים. ס'שטייט אַ מענטשל, קלינגט מיט אַ טעצל און שטרעקט אויס אַ בלויזע האַנט: „רחמנות... אבי שבשמים"... אָבער איידער מאירל האָט נאָך צייט געהאַט צו דערגיין, וואָס אַזוינס דאָס באַשעפעניש וויל פון אים, האָט אים שוין פון דער זייט אַ צווייַ־טער געטשעפּעט:

— גיט עפּעס! גיט! מיין זיידע ר' גרונמלס זכות וועט אייך ביישטיין, גיט עפּעס, גיט, ר' חלוץ...

מאירל האָט זיך אויסגעדרייט. אַ גאָר נישט מאָגערער יונגער־מאַנטשיק, אין אַ געבלימטן פלושענעם אויבערכאַלאַט, אין אַ ברייטן סאַ־מעטענעם קאַפּעליוש מיט פאות, לאַנגע ווי אַ פּאָר לייצעס, פאַרשטעקטע אין גראָבן גאַרטל, האָלט אויף דער דלאָניע אַ רויטע פּאַטשיילע מיט פיר צונויפגענומענע שפּיצן:

— גיט, גיט, ר' חלוץ לעב... וואָסזשע — איר האָלט שוין נישט פון צדקה? אַי־אַי! אַ ייד דאַרף געבן... דאַרף... אַ ייד מוז געבן... ס'איז דאָך עפּעס... איר פאַרשטייט? גיט, גיט, מיין זיידנס זכות וועט אייך ביישטיין, און אייער תשובה וועט גי'טן.

אַ ווײַל איז מאירל געשטאַנען און אַזוי באַטראַכט די צוויי פֿאַר־שווינען, וואָס צו געבן האָט ער דאָך במילא נישט געהאַט, אָבער ער האָט איבערגעוואויגן, צי איז כּדאַי זיי צו זאָגן, וואָס ער טראַכט זיך איצט, נאָר... נאָר מיטאמאָל פֿליט אַן אויטאָ דורך, מיט אַ קנאַק און פּײַפערײַ, און מאירל דערבליקט, ווי אויבנאָן ליגט זיך פֿענצאַק צע־שטרעקט, איבער דער גאַנצער ברייט...

האָט ער שוין נישט באַמערקט, ווי ביידע אָנשיקעניש יאָגן אים נאָך און נודען... ר'איז געלאָפֿן, מאירל, ווי אין אים וואָלט אַ פֿאַרע־קעסל געקאָכט. נאָך! נאָך, נאָכן אויטאָ! אין אים האָט אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק, אַז מ'מוז פֿאַרלויפֿן, פֿאַרגיין מיט אַ קורצערן וועג און זיך אַוועקשטעלן, פּונקט ווען פֿענצאַק וועט אַראָפּקריכן פֿון דער מאַשין און אַרויפֿגיין אין זײַן ביוראָ; אים פֿאַרהאַלטן, אָנעמען פֿאַר די לאַצן און אַרײַנשרייען, עפּעס אַרײַנשרייען, אַז יעדער פֿאַרבײַגייער זאָל הערן... אָבער... „וואָס אין אמתן, וואָלט ער וועלן שרייען?"

נאָר ער לויפֿט, מאירל, ציט טיפֿער אָן דעם ברייטן קאַפּעליוש איבער די אויגן און אין איילעניש פֿילט ער נישט, ווי ער יאָגט גלײַך אַרויף אויף צוויי ברייטבערדיקע, גראָבבײַכיקע גלחים אין הויכע קאָל־פּאַקן אויף די קעפּ, אין צעלאָזטע, שוואַרצע מאַנטלען אײַנגעהילט און מיט שירעמס אין די הענט. און וווּנדערלעך: זיי האָבן זיך גאָרנישט געבייזערט, די צוויי גוטע גאָטס־שלוחים, וואָס זענען אים אַקעגנגעקו־מען. נאָר, הער, הער! — זיי בעטן אים גאָר איבער און רעדן צו אים, ווי צו אַ קינד: „ער זאָל נישט לויפֿן, וואָרעם... מ'קאָן זיך לײַכט איבערקערן אויף די בערגלעך שטיינער, וואָס זענען אָנגעלעגט ביים וועג"....

שטייט ער שוין ווידער, מאירל, און ווייסט נישט, וואָס איז אויף אים געפֿאַלן! „ווער זענען זיי עס און וואָס ווילן זיי פֿון אים? פֿאַרוואָס גייען זיי נישט זייער וועג?" און זיי, די גלחים, קוקן אויף אים, שמייכלען טאַטע־האַרצעדיק, און איינער פֿון זיי, מיט זילבערנע פּעדים אין זײַן באָרד, צענעמט געמיטלעך די צוויי צעקעמטע שפּיצן:
— גיי פּאַמעלעך, מיין זון, וועסטו זיכערער קומען צו דיין ציל....

און דער צווייטער וויל אים גאָר פֿאַר אַ האַנט נעמען, גלאַנצנ־

דיק מיט אַ פּאָר טיפע, ברוינע אויגן:

— האָסט דעם וועג פאַרלוירן?... מיר וועלן דיך פירן... ווילסטו?

אָבער מאירל דערמאָנט זיך, טוט אַ הויב אַן אַקסל און איז שוין אויף דער אַנדערער זייט. — —

אַז ר׳איז שוין ווייט געווען פון זיי, אין אַ דריטער גאַס, האָט ער זיך ערשט אומגעקוקט און אויסגעשפּיגן:

— אַזוינע באַגעגענישן! צו זייערע לייב און לעבן!... פּי! פּי!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער ווידער געווען אין גרויסן קאָרידאָר פון באַרימטן „פאָלקספאַרזאָרגער-הויז״.

דאָס תימנער יידל, דאָס משמשל, האָט אים דערקענט פון זיין ערשטן באַזוך, געפּרוווט אים אָפּהאַלטן און פרעגן אויף אַ צעטל — אָבער ווי! — מאירל האַלט די קליאַמקע און איז שוין אין גרויסן פּאָדערחדר. און אינעווייניק האָבן שוין נישט געהאָלפן דעם באַברילטן בחורלס טענות און נישט דאָס רוגזל פון דעם מיידל ביי דער שרייבמאַשין. מאירל שטאַמפּט, ווי אַ תקיף, און עפנט אַלע טירן.

— אַהאַ! אָט דאָ! דאָ איז ער! —

פּענצאַק האָט אים געהייסן פאַרמאַכן די טיר און אָנגעוויזן אַ בענקל:

— שב! נו... זיץ!..

— תודה! הם... אַ שיינעם...

זיצט ער מאירל און וואַרט... פּענצאַק איז לעת עתה פאַרטיפט אין בריוו-לייענען. צענדליקער בריוו אין פאַרשידענע קאָלירטע קאָנווערטן און פאַרשידענע פאָרמאַטן. ער פליט איבער די שורות מיט די אויגן, גלעט דאָס יעזשיקל אויפן קאָפּ און דרייט די האַידאַמאַצקע וואָנסן, וואָס פאַלן סימעטריש און וואַרפן אַ שאָטן אויף זיין נישט דערוואַקסענעם ביינערדיקן פּנימל. לייענט ער די בריוו און פון צייט צו צייט וואַרפט ער צו אַ וואָרט, נישט אַרויסנעמענדיק די אויגן פון פּאַפּיר:

— וואָסזשע מאַכסטו... אַזוי? גוט, גוט... זיץ.. זיץ...

נאָר מאירלען, ווייזט אויס, איז נישט אַזוי פויגלדיק, וואָרעם ער דרייט זיך שוין אַהין און אַהער אויפן בענקל; שאַרט, אומגעדולדיק, מיט אַ פוס און בייסט איין אין דער אונטערשטער ליפּ.

און פענצאַק לייענט, לייענט אָן אויפהער. נעמט שוין מאירל דאַן ציפּן די נעגל פון די פינגער, און דאָס לינקע אויג ביי אים, אויף זיין שטייגער, פאַרציט זיך אומבאַמערקט. — און פענצאַק ווי נאָך אַ סופליאָר נאָך:

— זיך, זיך... וויזשע גייט עס?

נאָר איצט ענטפערט ער שוין, מאירל:

— ווען זאָלסט וועניקער פרעגן און מער הערן, וואָלסטו זיך דערוווּסט.

פענצאַק האָט אויפגעהויבן זיין נישט דערוואַקסן מיניסטערקעפּל, אַ גלעט געטאָן די האַידאַמאַצקע בּאָקנדלעכע וואָנסן און איבערגע-פרעגט:

— האָסט עפּעס געוואָלט זאָגן, מאירל?

— איך וועל זאָגן און דו דאַרפסט טון.

פענצאַק האָט אַרויסגעשלעפּט דעם זייגער פון דער קעשענע, אַ דריי געטאָן מיט די שפּיציקע פינגער איבערן קעפּעלע און אים ווידער אַריינגעלעגט. ר׳האָט זיך געמאַכט גרייט צו הערן. מאירל האָט אָנגעהויבן רעדן, און ס׳בלאָנדע מענטשל האָט געצויגן די וואָנסן. אונ-טער די דאָזיקע וואָנסן האָט אָבער אַ חוזק געטאַנצט:

— וואָס איך הער? אוודאי פאַרשטיי איך! אַלץ איז גוט!..

— אַזוי איז עס, פענצאַק, איך בין מיד... איך וויל שוין רוען. כ׳וויל זיך באַזעצן, פאַר זיך און אַן עק האָט עס גענומען. כ׳מיין, אַז מיר... מיר, מאירלען... איך ווער שוין אַ באַווייבטער... כ׳האָב אַ „בחורה״ אויסגעזוכט... הערסט, פענצאַק? אַן אַלטער סאָלדאַט בין איך... מיר קומט שוין צו זיין... ניין! נישט דאָס! איך בין נאָך שטאָלערן! אָבער איך האָב געפונען, פאַרשטייסט?

— אוודאי, פאַרשטיי איך, נאָר... אויף באָדן, חביבי, אַרויפצוקו-מען גייט נישט אַזוי גיך, מ׳דאַרף...

— וואָס דאַרף מען?..

— איבעריקנס, פאַרשטייסטו, אַז איך אַליין קאָן נאָך גאָרנישט דורכפירן. ס׳איז נישט אינגאַנצן מיין רעסאָרט. איך זאָג דיר נאָר צו, אַז ביי געלעגנהייט, וועל איך איבערעדן מיטן דאָקטאָר פורינאָווסקי. ער איז נישט הי. די אַנדערע וואָך קומט ער צוריק, וועל איך פּרוּוון

איבערשמועסן און דיר בריוולעך מודיע זיין. דערווייל...

— הערושע, פענצאַק.

— אָבער! איך וועל שוין. מילא, פאַר אונזערס אַ מענטשן מוז איך דאָך. דערויף זיץ איך דאָך דאָ... אַז דו ביסט זיך אין די לעצטע יאָרן אַ ביסל מתרחק פון אונזער מחנה... אָבער פאָרט אַן אַלטער סאָלדאַט פון אונזערע רייען... פאָרט, פאָרט... איצט...

און איידער ער האָט נאָך געענדיקט, פענצאַק, האָט ער שוין געהאַלטן דאָס געלע קאַפּעליושל אין איין האַנט און אין דער אַנדערער די אָנגעפּאַקעוועטע טעקע:

— איך אייל זיך... אויב דו בלייבסט דאָ, אין ירושלים, קאָנסטו נאָך אַריבערקומען צו מיר אין מיין וווינונג. היינט, אפשר מאָרגן... אַם בעסטן אין אַכט, צען טעג אַרום... נאָר אפשר דאַרפסטו... הם... שעם זיך נישט... מילא, ווי אַזוי ס׳איז נישט, אַ פאַר פּיאַסטער?

ר׳האָט שוין טאַקע גענומען זוכן מיט די שפּיציקע פינגער אין קליינעם וועסטלקעשנקעלע, אָבער מאירל איז אויף אים נענטער צוגעגאַנגען, זיך איינגעגעסן מיט די פאַרזשמורעטע אויגן אין זיין צורה און אַרויסגעברומט:

— פאַרן לעצטן דאַנק איך דיר! די פּיאַסטערס האַלט דיר אויף „גזוז״! נאָר מיר ענטפער קלאָר, אויב דו ווייסט, וואָס איך האָב צו דיר גערעדט?

פענצאַק האָט זיך צעלאַכט:

— כאַ-כאַ! רעדסט שטותים!

— ניין, אָן חכמות! איך פרעג דיך, צי דו געדענקסט, וואָס כ׳האָב צו דיר פריער אַ רגע גערעדט?..

— וואָס הייסט, צי איך געדענק? אויף וואָס דען זיץ איך דאָ? האָב נישט קיין מורא... אַז איך האָב צוגעזאָגט...

— דו ווייסט דאָך אפילו נישט, ווי איך געפין זיך. וווהין וועסטו מיר מודיע זיין? אפילו מיין ריכטיקן נאָמען ווייסטו דאָך נישט. נישט דו און נישט אַנדערע דיינסגלייכן, אדונים... דו און אַנדערע קענט אַ מאירלען... איר ווייסט. אַז צווישן אַלע ארץ-ישראלדיקע מינים געפינט זיך אַזאַ מין אויך. וואָס הייסט מאירל... אָט דאָס ווייסטו! און ס׳איבעריקע? וועסט מיר שוין מודיע זיין — האַ? ווישע איז אָבער

דער דין, אדונטשיקל מיינער, אַז איך וועל זיך אַוועקזעצן און נישט אָפּטרעטן ביז דו וועסט מיר נישט שוין דאָ, אָט אויף דעם אָרט, ענט־פערן?! האַ? ווי איז דער דין?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פורינאָווסקי איז נישטאָ, און אָן אים איז אַ סך געוועגדט. מ'קאָן דיר דען גלאַט צוזאָגן; און דו מיינסט, אַז איך זאָג צו, קאָנסטו שוין מאָרגן ווערן בעל־הבית, ראשית, דוכט זיך, איז גאָר נאָך קיין באָדן נישטאָ...

— נישטאָ? טאַקע נישטאָ?

— והשנית — געלט... געלט...

— געלט?...?...

דער טעלעפאָן האָט אָנגעהויבן קלינגען. פּענצאַק איז אויפגע־שפּרונגען, ווי אַ קאַץ. אַראָפּגעכאַפּט ס'רערל מיט צוויי פינגער און אַריינגעשריגן אויף זיין געדיכטן קול:

— האַלאָ? ווער? ווער רעדט דאָרט? האַ, דאָקטאָר פורינאָוו־סקי? — יאָ! יאָ! אין דער היים ביי אייך? — טוב! נו? יאָ! מיר זאָלן זיך באַלד טרעפן? אַ ווילער ענינדל, זאָגט איר? טוב! טשיקאַ־ווע! טאַקע טשיקאַווע! גוט!...

אַ מינוט צען האָט ער געהאַלטן דאָס רערל, זיך צוגעהערט, געשאָקלט מיטן בלאָנדלעכן קעפל און געשריגן „יאָ" און „גוט", „גוט" און „יאָ".

האָט ער נישט געזען, פּענצאַק, אַז מאירלס פּנים ווערט רויט און בלאַס, בלאַס און רויט; לעשט זיך אויס, און אַ פייער קומט פאַרס־ביי, צינדט זיך אָן, פאַרציט זיך אַזש ביזן האַלבן קאָפּ, וואָס איז נאַ־קעט, און צו די שלייפן, וואָס האַמערן אָנגעשוואָלענע. און אַז פּענצאַק לעגט אַרויף דאָס רערל, שאַרט זיך מאירל צו אים צו, און די ציין קלינגען ביי אים אין מויל:

— וועסט געדענקען, פּענצאַק?

—יאָ, יאָ! נאָר... מוזט מוחל זיין, איך דאַרף זיך מיט עמיצן טרעפן... האָסט דאָך געהערט, אַז איך בין טרוד... מ'לאָזט נישט אָפּרוען... אפילו א רגע נישט... נישט עסן, נישט שלאָפן... מ'ווערט הויט און ביין... אַ קליינינקייט—אַ גאַנצע אָנפירונג! היינט

האָט אַ מענטש אַ פּאַרטיי... וועסט מוחל זיין... שלום, שלום! זאָל גריסן...

נאָר מאירל שטייט שוין ביי דער טיר, האַלט צו די קליאַמקע און פאַרשטעלט דעם גאַנג:

—אַ רגע, פּענצאַק! פורינאָווסקי איז נישט הי?

—ווער? פורינאָווסקי? הי?

אַ קרומער שמייכל האָט זיך איצט באַוויזן אויף מאירלס ליפּן.

ר'האָט אָנגעטון דעם ברייטן קאַפּעליוש און אָנהאַלטנדיק נאָך מיט איין האַנט די קליאַמקע, דערלאַנגט אן אויסגעמאָסטענעם שפּיי, גלייך פּענצאַקן אין די אויגן אריין:

—מנוול!

פּענצאַק האָט אָנגעהויבן טריפען מיט די פּיסלעך, מאַכן מיט די הענט, נאָר מאירל האָט אים דערוויל דערלאַנגט אַ צווייטן:

—דאָס וועסטו איבערגעבן דיין שותף, דעם „דייטש"... ער וועט דאָך אַהיימקומען!...

אַ דריטער שפּיי איז נאָך געפאַלן פּענצאַקן צו די פּיס, און מאירל האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר.

ווייזט אויס, אַז די פקידים'לעך אין דער גרויסער פאָדערשטוב האָבן זיך אונטערגעהערט צו דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן פיר אויגן אין קאַבינעט, און האָבן אָנגענומען מאירלען פאַר אַ חסר־דעה, וואָרום, אַז מאירל איז פאַר זיי פאַרבייגעגאַנגען האָבן זיי, אונ־טער זיינע פּלייצעס זיך איבערגעווונקען און געמאַכט צייכנס מיט אַ פינגער צום שטערן.

אָבער מאירל האָט ארויסגעשפּרייזט זיכער, ווי נאָך אַ דער־לייכטערונג. אין קאָרידאָר האָט ער זיך רויק איבערגעקוקט מיט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו דער טיר, און דאָס תּימנער משמשל האָט זיי געמוסרט:

—מה זה! מה זוזה!

מאירל האָט איינעם פון די שטופּערס צוגעוואָרפן עפּעס אַ וואָרט און דעם שוואַרצפּנימדיקן משמשל פאַרטשעפּעט מיטן לידל:

„ואתם שכנזים כלם דזשאַנאַבים..."

— — — — — — — — —

אַז ס'זענען אַוועק צוויי טעג האָט מאירל זיך ערשט באַרעכנט: „וואָסזשע האָב איך אייגנטלעך געפועלט?" נאָר געפרעגט האָט ער זיך ווייטער: „און וואָסזשע זאָל איך, אייגנטלעך טאָן?" נאָר צום אויספיר איז ער נישט געקומען. געמיינט האָט ער, אַז ס'איז אפשר נישט גלייך געווען די גאַנצע מעשה: אַז ר'האָט נישט באַדאַרפט צוצוזאָגן... אַז ער האָט באַדאַרפט הייסן וואַרטן, אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז ס'וועט זיך דאָך אַליין עפּעס מאַכן... אַז איר, נחמהן, האָט ער געוועז באַדאַרפט הייסן דערווייל רויק זיצן אין יוספּיה, און ער אַליין, אַזוי ווי זיין שטייגער, פליען, פליען... ביז וואַנען ר'וואָלט זיך ערגעץ אַליין אַראָפּלאָזן... אָדער אונטנאַרום אַרבעטן, אָן איר וויסן...

פאַרשידנס האָט ער געמיינט, מאירל. נאָר דער כּעס צו אַלע פאַרזאָרגערס און רעדלפירער האָט אין אים סכּנותדיק געברענט. איז ער געלעגן אין אַ ווינקל, נישט צוגעהערט זיך צו קיינעמס ווערטער און נישט געוואָלט ענטפערן, ווען ער האָט אפילו יאָ איינגעהערט וואָס מען רעדט צו אים. האָט מען זיך פון אים מתרחק געווען און איבער-געלאָזט אַליין... איז ער דאַן געלעגן געקריצט מיט די ציין און גע-ברומט... און שבת איז עס געווען. אַ נודנער און משונהדיקער טאָג. האָט זיך די לאַנגווייל אויך אויף מאירלען געזעצט און געמאַכט שותּפות מיטן כּעס. איז אים שוין נישט אַנדערש אויסגעקומען, כאָטש נאָר זיך צערעווען פון טאָפּלטער פּיין. האָט ער גענומען רייניקן די ליולקע, שטאָפּן, צינדן צינדעלעך און פּיפּקען. „עך, מיטן רויך פאַרטרייבן דעם נודנעם שבת! מיט בלויען רויך!" אפנים דאָס העלפט שוין נישט, אַז דער קאָפּ איז מטושטש און אין דער ברוסט קאָכט אַ קעסל. און נאָך דולער ווערט מען פון אייגענער עסעניש: „איז וואָס, מאירל, וועסטו שווייגן? האָט מען דיר אָפּגעזאָגט דעם פּסוק, צוגעטשעפּעט אַ נאַרן-סטענגעלע, אָנגעטאָן אַ טיטל און גאָרנישט. דו ליגסט... ערגעץ האָסטו דאָך עמעצן! ערגעץ וואַרט דאָך אויף דיר ווער! וואָלסטו כאָטש אויפ-געשטאַנען און אַנטלאָפן פון דאַנען! וואָלסט כאָטש... איז וואָסזשע איר זאָגן, אַז כ'וועל צוריקקומען? מ'האָט מאירל גזלן אויסגעשפּאָט אָנגעטאָן אויפן באַקעטן קאָפּ אַ חוזק-שקאַרמוצל, מ'וויל אים אפילו נישט הערן — דאָס זאָגן? האַ? הם..." ס'קאָכט; אָ, קאָכט עס אינעווייניק: „ביין! אַזוי וועט נישט זיין! כ'וועל נאָך... האַ? צו וועמען רעדן?

איז גלייכער אפשר טאַקע צוריק אַהינצו, ווו זי איז... צו איר... צו איר... טאַקע?... אוי? אָבער ווי אַזויזשע דאָס אין מיטן ליכטיקן טאָג אַנטלויפן? אינמיטן ליכטיקן טאָג, ווען אַלע זעען... אַלע זעען! עך! — וואָלט כאָטש דער אָוונט צוגעפאַלן! וואָלט!..."

און דער שבת איז אַ לאַנגער, דער טאָג ציט זיך, ווי אומישנע, און די לאַנגווייל וואַקסט, וואַקסט... „אַנטלויפן פון דאַנען, פון דער הייליקער שטאָט! אַנטלויפן"...

צינדט ער, מאירל, צינדערלעך, פיפקעט און שפייט... נאָסע גרויסע מטבעות אויפן שטיין-דיל... און אין די אַנדערע חדרים האָבן זיך חברה צוזינגען:

„אוי! אַ הענטעלע האָט זי געהאַט..."

חברה האָט זיך פאַרבענקט און גענומען ציקלען און ציען:

„אוי, מאַמע!"

אַ הענטעלע האָט זי געהאַט!..."

ציען זיי די חברים, וועבן און דריידלען אויס די אייגענע נאָגעדיקייט, ביז ווייט אין גאָר טונקעלן בין השמשות אַריין:

„אוי! מאַמע,

און ליגט אין שאָטן ראַנגלען זיך"....

— — — — — — — — — — —

גלאָן! גלאָן! גלאָן!

קלויסטער גלאָקן קלינגען אין דער שטאָט ירושלים. אויף די מויערן איז די נאַכט אַצוגעפאַלן.

גלאָן! גלאָן!

ס'איז פאַר מעריב נאָך. אויף די פינצטערע ווענט פון חרובע בתי-תפלה רוט נאָך שבת, און אויף הויכע טורעמס איז מען שוין מבשר, אַז ס'רוקט דער זונטאָג אָן.

גלאָן! גלאָן!

חגא! ס'צינדן פייערן זיך אויף בערג, וואָס רינגלען און באַקראַנצן ירושלים, און ווייִרויך לעגט זיך אויף די פלאַכע דעכער אויס. ס'רוימט מנוחת-שבת אָפּ דעם וועג און פלאַץ פאַר פרעמדער הייליקייט.

גלאָן! גלאָן! גלאָן!

און גאַסן, אויסגעפלאַסטערטע מיט קאַלעך-שטיינער, ווערן אויפ־געלעבט פון אויסגעלייזטע, פרומע זון... דערפאַר: האַרט ביי ווענט שלייכן איינגעהילטע, אויסגעצאָמטע, דורשטיקע בדואים און טיילן אויס פון זיך אַ שאָטן, וואָס לעגט זיך אויס אין לענג אויף וועגן אויס־געפלאַסטערטע. איילן זיי, אָנגעשראָקענע פון פחדימדיקן, קופּערנעם געשריי און פאַרשטאָפּן זיך די אויערן.

גלין! גלאָן! גלין גלאָן!

פון הויכע קלויסטער-פענצטער יאָגט זיי ביז אין ענגע גאַסן אָן, דער געזאַנג, וואָס „היילט און היילקט קרעציקע"…. זענען אָבער זייערע הערצער, ווי אין שטאָל פאַרפאַנצערטע!... פאַרנעמען זיי נישט דעם געזאַנג, וואָס „היילט און היילקט קרעציקע"... ערגעץ, אין די שטיינערנע דלת אמות וואַרטן זיי, די איינגעהויקערטע, די דורשטיקע, ס׳זאָל ליכטיק ווערן... ליכטיק-ווייס זאָל ווערן... ס׳זאָל צו רייטן קומען ווער, מיט שאַלונג אויף דער ווייסער ליכטיקייט... דערפאַר, שאַרן זיי זיך האַרט ביי ווענט, אין חגא-אָוונטן, ווען קלויסטערגלאָקן קלינגען:

גלין! גלאָן!

מאַכן זיי, די איינגעהויקערטע, פריי דעם וועג פאַר יענע, וואָס האָבן זיך שוין אויסדערוואַרט און אויסגעלעדיקט....

היימישע, ירושלימער, וואָס וווינען אין די שטיינערנע מויערן, ווייסן וואָס ס׳באַטייט די אומרו פון קופּערנע צעוויגטע צונגען. אָבער פרעמדע, וואָס ציען זיך אַהער פון אַלע עקן וועלט, בלייבן שטיין, ווי צוגעשמידטע, און אַן אימה פאַלט אויף זייערע געמיטער אין די אָוונטן, ווען מ׳איז מבשר בשורות פון די הויכע טורעמס.... און די, וואָס גייען דעמאָלט איבער די טויערן אַרויס, כּדי וואָס גיכער צו אַנטרינען, יאָגט זיי נאָך דאָס קלינגעריי און דער געזאַנג, ביז ווייט־ווייט פון שטאָט אַרויס.

….„עך! ווילאַנג זשע וועט מיר הילכן נאָך אין מיינע אויערן?! עך! יאַללאַ! יאַלל!"

אַ ברוין פערד זעצט מיט די פּאָדקאָוועס איבערן שוואַרצן וועג. אַזש פונקען שפּריצן: אַה! אַה! אַה! אַה! „עך! טראָג זיך, פערדל! פלי, ווי אַ פייל פון בויגן! ברעך האַלז און רוקן!"

אַ ווילדער רייטער שניידט אין דער נאַכט אַריין. אַוועק פון גע־

קלינגעריי, אַוועק פון ווייִרויך און אויסגעזונגענעם תהלים ביי ווענט און קברים הייליקע! „עך! טראָג זיך פערדל! גיכער! גיכער! גו, גיכער. צמאָק! ווייטער! האַ! האַ!״

מאירל גזלן האַלט די לייצן אין דער האַנט און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ. ר׳איז שוין איבער אַלע טויערן אַרויס. ירושלים שוין פון הינטן. „עך! טראָג זיך, פערדל!״ אָבער טעמפּ קלינגט נאָך אָפּ:

גלין! גלאָן! גלין-גלאָן!

גלאָן! — — —

IV

אין יוספיה קיניגט איצט דער אומעט. אָהאָ! טעג האָבן זיך געשטעלט גראָע, כֿמאַרנע. אַז אויף איינמאָל האָט זיך דער רעגן אָפּגעריסן און שוין אָנגעהאַלטן אָן אַן אויפהער. — גיסן גאַנצע שטראָמען, גראָבע, בלייערנע, גלייך ס׳וואָלטן זיך די הימלפענצטער האָבן געעפנט; צעיאַכֿמערן זיך, רגזענען און פאַרפלייצן: מבול! מבול! הערשט חשכות אַרום... געדיכֿטע פינצטערניש. זעט יוספיה אויס ווי אבלדיק, ביטער פאַרוויינט...

און פון אַרום די בערג שטשירעט נאָך אַ שווערער אומעט זייַנע ציינער און כֿיכֿעט אַריין דורך די צוגעקלאַפּטע לאָדנס פון די ביידלעך און די צודעקן פון די געצעלטן... זיצט מען אין די גרויעטעג, ווי אבלים, פאַרוקטע אין די ווינקלען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. קוקט מען מיט איבערגעצויגענע אויגנהייטלעך ערגעץ פאַר זיך, און איינער פרוווט בישט דעם צווייטן וועקן. „...אַזוי זיך!... אַז אַזוי איז עס לייכֿטער”...

נאָר ווען-נישט-ווען רוקט זיך אַריין דער „מנהל”. אַן אויסגעווייקטער און פאַרבלאָטיקטער, אין איינעם פון די פאַרגאָסענע געצעלטן אַריין, אָנצוטרייבן אַן אָנגעכֿמורעטן חבר צו עפּעס אַן אַרבעט:

— שמע!... אין דער שמידע פעלסטו אויס!..”

הויבט זיך יענער אויף און שאַרט זיך אַרויס, ווי אויף פאַרשלאָפענע פיס:

— „נו... נו...”

זענען זיי אַזוי פוילשלעפנדיקע און לויזגענעצנדיקע, די רעגנטעג, אין יוספיה. נאָר אַנדערש, ווי ביי די איבעריקע, איז איצט ביי צמחן אין געצעלט: ר׳איז וואַכֿעדיקער פון די אַנדערע, הגם שווייגנדיקער

ווי זיי אַלע, זיינע אויגן זענען אַזוי גרויס געעפנט, קוקן מיט פלאַ-קער און נייגעריקייט, און זיינע אויערן הערן:

— ווייסט, צמח, איך בין דאָ נאָך קיין חודש נישט, און עפּעס איז נישט אַזוי, ווי איך האָב געמיינט... ווייסט, צמח, עפּעס איז אַ ביסל נודנע דאָ... יעדער טאָג דערזעלבער... אַז קיין שנוי איז נישטאָ... ווייס איך...

זיצט ער, צמח, אין זיין ווינקל און הערט זיך צו, ווי שושנה די זכרונער רעדט... נאָר הערנדיק אירע רייד באַקומט ער מורא: „וואָס זשע, שוין? כאַלאַס?"

און אַז שושנה גייט אַרויס, און ער בלייבט אַליין, ווערט אים אַזוי קלאָר, פאַרוואָס זי האָט דאָס אַלץ געזאָגט... אָבער איינס קאָן ער נאָר נישט בייקומען: „צוליב וואָסזשע האָט זי דאָס אינגאַנצן באַ-דאַרפט? ווערזשע האָט זי דען געצוווּנגען דאָ צו בלייבן און, בכלל, דערמיט אָנצוהויבן?..."

און דער רעגן לעכערט ממש דורך די לייווענט-ווענט פון זיין געצעלט. דער ווינט פּאַטשט און וויל זיי אויסרייסן אינאיינעם מיט די פלעקער פון דער ערד אַרויס און פאַרטראָגן העך-העך צו די מדבריות!.. צמח איז פאַרט פאַרבענקט און אומרויִק! „וועט שושנה שוין אויך אַוועק?" דערפאַר ווונדערט ער זיך נישט, וואָס נחמה האָט פאַרפאַקט איר פעקל און זיך אַרויסגעלאָזט... ער ווונדערט זיך נישט מער, צמח, נאָר נייגעריק בלייבט ער: „האָט זי כאָטש אונטערוועגס איר אומעט פאַרלוירן? ווערזשע ווייסט, וואָס זי וועט אַלץ ערגעץ געפינען... מילא!..."

העע, דער רעגן שטאַרקט זיך, ווערט מעכטיקער, געדיכטער פון שעה צו שעה, פון טאָג צו טאָג, און וויל ער פּאַשעט נישט די שאָף, צמח, זיצט ער גאַנצע טעג ביי זיך אין זיין ווינקל, אַרויסגייענדיק נאָר אויף געציילטע מינוטן. איינמאָל אָדער צווייִמאָל אַ טאָג ברענגט אים די „תורנית" אַריין אַ ביסל גרינצייג, אָדער עטלעכע צוגעלעגער-טע פירות, און ער דאַנקט איר חבריש אָפּ:

— ס'וועט שוין געענוג זיין... דאַרפסט זיך נישט אַזויפיל אַרום מיר דרייען... און אַז זי גייט אַוועק, באַמיט ער זיך נישט זי איינ-צוהאַלטן אויף אַ ווייל.... אָבער אויף איינער וואָרט ער יאָ: — אויף

שושנהן; זי האָט זיך שוין צוויי טעג פאַר אים נישט געוויזן — קאָן ער עס נישט פאַרשטיין, צמח... און דאָס, וואָס זי דרייט זיך דאָ אינגאַנצן אַרום — פאַרשטייט ער דען יאָ? ער ווייסט נאָר, אַז אַלע ווייזן איר הינטער די פּלייצעס „ציגעלעך" און שעפּטשען זיך אין די אויערן אויף איר חשבון, און בערעלע האָז שרייט אים אַריין, אַז צוליב אים, צמחן, איז זי דאָ געבליבן אין יוספיה. „יאָ, יאָ, לאַנגער, צוליב דיר זיצט זי דאָ."

רעדט ער זיך עס איין דער בערעלע? איז ער אפשר מקנא? ר'האָט דאָך באַמערקט, צמח, פאַרגאַנגענעם פרייטיקצונאַכטס, בעת זי, שושנה, האָט זיך לענגער אין געצעלט פאַרהאַלטן, ווי בערעלע האָז שטופּט די נאָז אין שפּאַלט און וויל עפּעס דערשנאַפּן... „...הם.. וואָסזשע איז דאָס פאַר אַ בריה אָט דער בערעלע האָז?...!" „בערעלע האָז... וואָס איז דען דאָ פאַראַן צו דערגיין?"... ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינקלערן, צמח. פאַראַן אַ סך ברואים וועגן וועלכע ס'איז נישטאָ וואָס און ס'איז אינגאַנצן נישט כדאי צו טראַכטן. און רעטענישן זענען אַזויפיל דאָ, אַז אין מוח קאָן אַזש נעמען שווינדלען... איז דען נישט ליבער דאָס אייגענע רעטעניש צו טרעפן? איז דען נישט גלייכער? נו, יאָ, וויל ער עס טרעפן, וואָס אַזוינס דאָס איז: „צמח, דער פּאַסטוך פון קבוצה, דער געוועזענער וועלט-מענטש? דער, דער. וואָס איז פון רויש אַוועק, און דער היינטיקער, דער מתבודד?.. און נאָך: וואָס דאָס איז אַזוינס איבערגעזעטיקטקייט און וואָס דאָס איז אַזוינס דער סוד פון צמצום?.... און דער עיקר: וואָס איז אַזוינס דער צמח, וואָס יעדער קאָן אים אַזוי אויסלאַכן?.. יאָ! צוערשט זי, נחמה, און איצט אַ צווייטע: שושנה... און בכלל: וואָסזשע האָט געוואָלט יענע, און וואָס וויל די צווייטע, האַ? און צום סוף: „נו, פאַר וואָס זשע קומט זי נישט מער? אפשר דאַרף מען צו איר? אפשר דאַרף מען צו איר? אפשר?.." אָהאָ! רעטענישן, אַז אַ קאָפּ קאָן שווינדלען! „אפשר צו איר גיין און... האַ, צמח?!"

אָבער אָט הויבט עמעצער דעם צודעק אויף און קריכט אַריין אַן אויסגעווייקטער. ס'רינט אים פון קאָפּ, ס'רינט פון די אַקסלען, און אין די שטיוול קוויטשעט אַ צעפּוילטע, נאַסע שמאַטע׳

— הע! לאַנגער! דרימלסט?

— איך דרימל נישט, בערעלע.

צמח האָט אָן זיין ליטרען שמייכעלע דערקענט, אַז ער ברענגט עפּעס נייעס, און ער האָט געפּרוּווט טרעפן. אָבער בערעלע האָט דער־ווייל פאַרפירט אַ סתם שמועס:

— לעזאזל! היינט געטאָקט אַ דישל צום וואָגן און אויסגעווייקט געוואָרן. ביסט אַ גליקלעכער, דו לאַנגער, אַז דו קאָנסט זיצן און רויק זיך אויסלאַכן פונם דרויסן. חברה כאַפּן אַ קאַטאַר און בינדן זיך די פיס אַרום. ווייסט זיי דער שד!

ס'האָט אָבער געפעלט „פּאָדעם", ר'האָט נישט געקאָנט ווייטער צוטראַכטן אַ גלאַט גערעדעכץ. ר'האָט פּאָרט געמוזט אַרויספּאָרן:

— ווייסט, לאַנגער, וואָס איך בין צו דיר געקומען?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— עמעץ רופט דיך... אַנו, טרעף!

— ...

— זי האָט דאָך שוין ס'חולאת אוודאי, כי־כי!

— ווער אַזוי?

בערעלע האָט ווילייִנגעריש אַ צי געטאָן מיט אַן אויגל:

— דו מאַכסט זיך נישט וויסנדיק? כי־כי!

צמח האָט פאַרשטאַנען וועמען בערעלע האָט איצט אין זין, אָבער כדי אויסצומיידן בערעלעס נאַרישע כיכעריי, האָט ער זיך נישט וויסנדיק געמאַכט:

— אָבער ווער? איך פאַרשטיי נישט!

— נו, זי, שושנה! האָט זי מיך טאַקע צו דיר געשיקט, איך זאָל דיך אַריינפירן צו איר אין צריפל. זי ליגט איינע אַליין. כי־כי! ניי, גיי!

— מיך אַריינפירן?

צמח האָט נישט געפּרוּווט מער פרעגן. ר'האָט זיך אפילו מער נישט צוגעהערט צו דעם, וואָס בערעלע רעדט נאָך. ר'האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט.

שפּאַנט ער באַרוועס, צמח, איבער דער קלעפּיקער בלאָטע, מיט אַ בלויזן קאָפּ, אויפן בלייערנעם רעגן פּאָרויס און נאָך אים בערעלע האָזז.

— כּי-כּי! צמח, איך וועל נישט אַריינגיין. כ'וועל אייך נישט שטערן. כּי-כּי!

דער רעגן פּאַטשט, בערל חוזקט, און צמח טראָגט פּאַריסן זיין געלאָקטן, בלאָנדן קאָפּ, ווי אויף צו להכעיס די רעגנשטראָמען.

— כּי-כּי! איך בלייב אין דרויסן, הערסט, צמח?!

צוגעקומען צום צריף, האָט זיך צמח אַ רגע אָפּגעשטעלט, אָבער בערלע האָט געעפנט די טיר און אים פּשוט אַריינגעשטופּט:

— קווענקל זיך נישט, לאַנגער! זי גייט שוין דאָרט אויס, הולך!

אַ ביסל ביטערע גאַל איז בפירוש געווען אין בערלס אָנטריי-בעריי. אויך אין דרויסן איז ער געבליבן צוליב נישט וועניקער גאַ-ליקייט. און ס'קאָן זיין, אַז שושנה האָט אים אַזוי אָנגעזאָגט. זי קאָן באַפעלן, די זכרונער יפהפיה, אָהאָ!

אָבער אין דרויסן זיך צו דרייען און מיט די ציינער צו קריצן, אויפן גאָס-רעגן, האָט זי אים שוין נישט געקאָנט פאַרביטן. איבריקנס— זי טראַכט דאָך אפילו נישט וועגן אים. און וואָס קאָן זי אַרן, ווען אַ בחורל דרייט זיך אַרום איר, שנאַפּט מיט זיינע נאָזלעכער און שפּיסלט זי מיט די ליפּנדיקע אויגעלעך? זי ענטפערט אים דאָך אפילו נישט צו דער זאַך. און אַ גלייך וואָרט שענקט זי אים נאָר בלויז דאַן, ווען זי דאַרף, ער זאָל איר פּאָלגן אָדער טון אַ שליחות...

און איצט, אַז צמח איז שוין ביי איר אין צריפל, וואָסזשע גייט זי אָן, ווער עס דרייט זיך אַרום אויפן רעגן, און וואָס דער „עמע-צער" טראַכט און טוט אַצינד אין דרויסן?...

זי ליגט אויפן בעטל. די נאַקעטע פולע אָרעמס אויף דער דעק, די אויגן פריש אונטערגעפירט, און די ליפּן צוגעפאַרבט. זי האָט אפילו דאָ אין קבוצה די נויטיקע מינים.... צי איז זי אָבער רויק? צמח גלויבט עפּעס נישט דער דאָזיקער רויקייט, ער איז חושד.... זי האָט אים אָבער אַוועקגעזעצט ביי זיך צופוסנס און ער זיצט... זיצט... נאָר ער ווייסט נישט, ווי לאַנג אַזאַ שפּיל קאָן אָנגיין... קוקט ער אויף איר און וואַרט ביז אירע רויט-געמאָלענע ליפּן וועלן זיך פונאַנאַנדער-רייסן. נאָר אַז אַ שמייכל באַווייזט זיך אין שושנהס אונטערגעפירטע אויגן, קאָן ער זיך שוין נישט מער איינהאַלטן:

— צו וואָסזשע מיך אַהערגערופן?

— צו וואָסזשע? צוואָסזשע! דו.... און למשל זאָלסט גלאַטזיך דאָ, ביי מיר צופוסנס, איז נישט כדאי? ניין?

צמח האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעלאָזט צום טירל.

— איך הער עמעצן הינטער דער טיר...

— ווער?! — איז שושנה אויפגעשפרונגען אין בלויזן העמד — ווער?!

— ס'האָט זיך מיר נאָר געדוכט...

— געדוכט? נו, נו...

אין אַ קורצער ווייל אַרום איז שושנה ווידער געלעגן אין בעט, און אירע ביידע הענט האָבן זיך אָנגעקלאַמערט אָן צמחס האַלז, וואָס האָט זיך געבויגן איבער איר...

— שושנה, איך זאָג, אַז נישט דאָס איז דער עיקר... נישט דאָס... נאָר נישט דאָס... מוזט פאַרשטייען...

שושנה אָבער גליט:

— וואָסזשע דען? איך וויל ווייַן שטאַרקן, רויען ווייַן? איך וויל נאָר... מוזט זיין ביי מיר די נאַכט... מוזט זיין, איך וויל...

— אָבער, וואָסזשע וועט זיין נאָכדעם? וועסט דאָך אַנטלויפן?

— נישט דיין עסק!

דער ווינט האָט די לאָדנס געריסן. דאָס דעכל ממש אונטערגעהויבן... שושנה האָט זיך מיט אירע שאַרפע נעגל איינגעגראָבן אין צמחס האַלז און פאַרחלשט געשעפטשעט:

— ווייַן! ווייַן! רויען, שטאַרקן....

— איך זאָג דיר, שושנה, הע... ה... ה...

אָבער צמחס בלויע אויגן ציען זיך איבער, פאַרמאַכן זיך, און דער געלאָקטער קאָפּ זיינער פאַלט מיט זיין גאַנצער שווערקייט אויף שושנהס ברוסט. זיינע ווייסע ציינער בייסן זיך אין איר איין און ווי אַ האַלב דערשטיקטער העשעט ער:

— זאָל זיין... זאָל זיין... ווייַן! ווייַן! זאָל זיין...

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און אין דרויסן, אויפן גאָס-רעגן, האָט עמעצער די פויסטן געביילט...

— — — — — — — — —

אין דער נאַכט האָט זיך דער רעגן ביסלעכווייז איינגעשטילט

און קעגן פֿאַרטאָג־צו האָבן צווישן די געשפּאָלטענע, צעריסענע כּמאַ־רעס שוין אַרויסגעבלויעט גאַנצע שטיקער לויטערן הימל. און נאָך שפּעטער איז דער טאָג געשטאַנען אַ ליכטיקער און אַ וואַרעמער אָט אַזוינע טרעפֿן זיך דאָ טעג אין די היגע ווינטער חדשים.

האָט דער שומר צו דער צייט אויף „פּרימאָרגן״ געקלונגען, און בחורים און בחורות זענען, לוסטיקע, אַרויס פֿון זייערע געצעלטן צו די שטאַלן און שפּייכלערס, צו דער קיך און וואַרשטאַטן. אפילו נחמוני הויקערל איז אַרויסגעקראָכן פֿון זיין פֿאַרדיכטעוועטן געצעלטל.

— חברים, אַ מחיה־נפשותדיקער טאָג הייַנט, איר גלייבט נישט? זעט, ווי דער הימל לויטערט זיך אויס! הוציא הקדוש־ברוך־הוא את החמה מנרתיקה. האַ, האַ! — האָט ער זיך געשיבערט אין הויקערל, דאָס חולהוואַטע לערערל.

נאָר איינער האָט נישט דערזען, אַז די הימלען לויטערן זיך אויס, הגם ס׳איז נישט זיין טבע אָן די פּרימאָרגנס צו פֿאַרגעסן: צמח. אויף זיין קופּע היי איז ער געלעגן און אַן איינגעהויקערטער אין דרייען גאָר נאָכגעקלערט, וועגן עפּעס אַ נאַכט... וועגן אַ ווילדער נאַכט, וואָס איז מיטאַמאָל איבער אים געקומען... נאָר זי איז שוין לאַנג אַריבער, די דאָזיקע נאַכט... און קלערנדיק — וועגן אַ ווילדער נאַכט — האָט ער אַ קלאַנג אויפֿן האַרצן געפּילט. ס׳האָט אים געהעמערט אין די שלייפֿן, און אַ כּעס האָט געהאָנגען אויף זיינע ליפּן: „איך, איך אַליין בין שולדיק... זיך נאָכגעגעבן... ווי אַ שוואַך עוף געפֿאַלן אונטערן חלף פֿון שוחט. וועט מען עס פּליקן... אַלע פּעדערן פּליקן... פֿון דעם עופֿעלע... צמח! האָסט זיך נאָכגעגעבן!... ביזט געגליכן צו אַ נזיר, וואָס האָט זיין נדר פֿאַרשוועכט... צו אַ נזיר, וואָס האָט זיך נישט אויסגעניכטערט פֿון שכּרות און וואַלגערט זיך, אַן אויסגעלאַכטער אין די מיסטן״... האָט אַ כּעס צו זיך אַליין אויף זיינע ליפּן געהאָנגען. האָט ער נישט געזען, אַז אַ טאָג, אַ וואַרעמער, האָט זיך געשטעלט, און נישט געהערט דעם באַנייטן געפּילדער, וואָס אַרום אין דרויסן.

מיטאָגצייט ערשט האָט ער דעם צודעק אויפגעהויבן, אַרויס אויפֿן הויף. נאָר די טריט זיינע זענען ווי פֿון אַ שווינדזוכטיקן גע־וועזן קוים וואָס ר׳האָט אונטער די פֿיס געפּילט די ערד. און זיינע

אויגן זענען געווען אַרויסגעזעצטע, ווי ער וואָלט זיך קרעקן. ר'האָט געקוקט פֿאַר זיך, געזוכֿט... אָט, אַזוי זוכֿט מען אַן אָרעם אויף אָנלייענען זיך, ווען דאָס אַליין-גיין ווערט שווער; ווען מען וואַקלט זיך און מ'האָט מורא פֿאַר אומפֿאַלן... ווען מ'איז, אַן איבערגעלאָזענער, אָנגעוויזן אויף די אייגענע אָפּגעצערטע כּוחות...

נאָר די מיטאָגצייט איז געווען אַ באַנייטע. האָט זיך צמח געפּרוווט דערכאַפּן: „איז וואָסזשע? דו, צמח, נאַר! מילא... האָגסטו? האָסט זיך באַרעכֿנט, אַז אַלץ אַרום איז עפּעס געווען אַ נאַרישקייט... איז וואָסזשע ווילסטו? האָסט דאָך געוואָלט זיין אַן אָפּגעזונדערטער... האָסט דאָך געוואָלט זיין אַ נזיר... האָסט זיך געוואָלט צו דער ערד באַהעפטן — איז וואָסזשע? און אַז שאָף זענען נישטאָ!... אַז, אַז ס'פייפל גיט קיין קולות נישט אַרויס... און אַז פֿון אייגענער פעל קריכֿט מען טאַקע נישט אַרויס און אַן אַנדערע קאָנסטו, צמח, אויף זיך בשום אופן נישט אַרויפֿציען; אַז ערגעץ האָסטו נאָך אַ פֿונק בענקעניש אין זיך... הע, צמח!.. מילא... זאָגסט: מי, א?.. און ס'געפֿעלט דיר נישט?" ר'האָט זיך געפּרוווט דערכאַפּן, צמח. נאָר די טריט זענען אַ'ך נישט געוואָרן פֿעסטער. ר'האָט אויסגעמיטן אַ צריף... „צמח, וואָס איז עפּעס, אין דער לעצטער נאַכֿט, אין אָט דעם צריף געווען? אין דער נאַכֿט טאַקע?..."

ר'האָט זיך צוגערוקט צו אַ געצעלט, ווו אַ קראַנקע חברטע, ברוריה פֿון דזשינדזשאַר, ליגט. די קראַנקע חברטע — וואָס וויל נישט שטאַרבן מיט אַ „קאַרבאָלירטן" שפּיטאָל טויט — האָט אים אַמאָל געזאָגט, צמחן, „אַז... אַז נישט כּדאי... אַז נישט אַזוי איז עס, ווי מען מאָלט זיך... אַז ס'איז גאָר נישט נויטיק זיך אָנצוטון אַ הייליק שערצל... אַז סוף כּל סוף וועט מען אונטערגיין, נאָך איידער מ'איז צו עפּעס דערגאַנגען... אַז אייגנטלעך איז אַלץ נאַרישקייטן..." צמח האָט געוווסט, אַז אירע טעג זענען געציילטע, אַז דעם נייעם פֿרילינג וועט זי נישט אַקעגנגיין; נאָר, אַז זי, ברוריה, וועט שוין ביז צום היינטיקן זונאונטערגאַנג נישט דערציען, האָט ער ערשט דערזען, ווען ער איז אַריין אין געצעלט:

אַרומגערינגלט פֿון חברים און חברטעס, איז ברוריה געלעגן אויף איר בעטל. די אויגן פֿאַרגלאָצט צו דער אויבערשטער לייוונט און די נאַקעטע, אויסגעדאַרטע, פֿאַרגעלטע הענט אויף דער דעק. אָן

באַוועגונג. בלויז פון צייט צו צייט האָבן אירעביינערדיקע, לאַנגע פינגער זיך נאָך אַ ריר געטון און לייכט געקראַצט איבער דער דעק. אַרום איז געשטאַנען חברה און געקוקט; געציילט די מינוטן פון גסיסה... רבקה, „דער פלאַם", איז געזעסן אויפן בעטל, צוגעלעגט ס'אויער און זיך איינגעביסן אין די אייגענע ליפן. דאַן האָט זי עפּעס אַרויסגעמורמלט, רבקה, און די איבעריקע חברה האָט איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. „ס'שטילט זיך איין איר אָטעם"....

צמח האָט זיך צוגערוקט צום הינטערשטן טייל פון בעטל און אויסגעקומען פונקט אַקעגן דער גוססדיקער. ר'האָט געלאָזט האַפטן זיין בליק אויפן פאַרמעט-פנים.... רבקה „דער פלאַם" האָט מיט די ציין געקריצט:

— ווי ער האָט זיך דאָס אַוועקגעשטעלט, דער פאַסטוך!...

אין הויף האָט מען באַלד אַלץ אַוועקגעלעגט. „די ,עצטע רגעס פון אַ שטאַרבנדיקער חברטע"... די, וואָס האָבן נישט געקאָנט מער אַריין אין געצעלט זענען געבליבן אין דרויסן און אָנגעשטעלט די אויערן. מ'האָט געוואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

צו די וואַרטנדיקע אין דרויסן האָבן זיך אויך צוגערוקט ר' זיינוועלע און זיין פלוניתטעביילע יענטל. ר' זיינוועלע האָט מאַנסבי-ליש-קרעכצנדיק גענומען אַן איבריקן שמעק-טאַביק, אויסער „ראַציע", און מיט אַן איינגעבויגענעם, פאַרלעדיקטן פינגער, אַזוי מיושבדיק, צו-נישט געמאַכט דעם גאַנצן „עסק" פון לעבן:

— האַ-האַ! וועלט-שמעלט! אַי-אַי... רבונו דעלמא!...

ביילע יענטל האָט זיך פריער אויסגעוויינט און דאַן אַריינגע-רוקט אין געצעלט, טרוקענענדיק די אויגן מיטן פאַרטוך. „מען דאַרף די קינדערלעך נישט מצער-זיין"... מ'האָט איר געמאַכט פלאַץ און צוגעלאָזט צום בעט. אָבער דאָ האָט זי נישט געקאָנט זיך מער באַוועלטיקן און אַרויס מיטן ווייבערישן קלאָג-נגונדל, פּאַטשענדיק מיט די איינגעשרומ-פּענע הענטלעך:

— אַז וויי איז צו מיר! אַזאַ יונגער בוים! אַזאַ יונג צוויי-געלע!...

אַ טייל פון דער חברה האָבן אפשר חשק געהאַט אַ לאַך טון, הערנדיק ביילע יענטלס באַגראַבער-לידל, נאָר פּלוצלינג האָט די גוסס-

דיקע אַ באַוועג געטון מיטן קאָפּ, און אירע אויגנלעפּלעך האָבן זיך צעשפּאַרעט. אַ פּאָר שטאַרע אויגן האָבן געגלאָצט פאַר זיך, און צום סוף איז זייער גלייז געבליבן קלעבן אויף צמחן, וואָס איז געשטאַנען פונקט אַקעגנאיבער. רבקה „דער פלאַם" האָט אַרויסגעברומט:

— ווי ער האָט דאָס זיך אויסגעצויגן דער לאַנגער.

אָבער צמח האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הויך, האָבן זיינע בליקן זיך געשפּיגלט אינם שטאַרן גלייז פון דער שטאַרבנדיקער.

נאָר מיטאַמאָל האָבן זיינע קני זיך איינגעבויגן: אויף ברוריהס פאַרגעלטן פּנים האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן. „זי שמייכלט... ברוריה שמייכלט..." — אָבער אָט ווערט דער שמייכל אירער פאַרגליווערט...— די אַרומשטייענדיקע האָבן די אָטעמס פאַרהאַלטן: ווי אַ נאַכטוואַנדלער האָט צמח צוגעשפּאַנט צום קאָפּ-שטיק פון בעט, זיך אַריבערגעבויגן און צוגעפּרעסט זיינע ליפּן צו ברוריהס שטערן:

— טראָג מיט דיין שמייכל צו אייביקער רו....

דאַן האָט ער זי איבערגעדעקט אינגאַנצן מיט דער דעק, זיך לייכט אויפגעהויבן און אויף די שפּיצפינגער זיך אַרויסגעשאַרט פון געצעלט. די אַרומשטייענדיקע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ...

*

ביים אָפּהאַנג פון אַ נאַקעטן, פעלזיקן באַרג, וואָס דערהויבט זיך צווישן יוספיה און צוריה, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. שווייגנדיק, ווי נישט מפסיק צו זיין אַ בלחשדיקע טויטן-תפלה, האָט מען די מטה אַראָפּגענומען פון די אַקסלען. פיר פון די אונטערגעקומענע צוריה'ער חברים האָבן איבערגענומען די מטה. האַלטנדיק זי אויף די הענט, האָבן זיי לייכט אַרויפגעקלעטערט. נאָך זיי האָבן זיך נאָכגערוקט די מלוים. ר' זיינוועלע האָט זיך פאַרסאַפּעט:

— אַי... האַ... אַי... האַ... מילא... הלוית-המת...

נאָר ר' זיינוועלע האָט זיך באַלד נאָך מער מצער-געווען: דער קבר איז נאָך נישט פאַרטיק געווען, מ'האָט געמוזט וואַרטן מיטן מת. צוריה'ער חברים האָבן טאַקע באַצייטנס גענומען גראָבן און פאָרט נישט באַוויזן צו מאַכן די איילן. האָט מען דערווייל אַראָפּגעשטעלט

די מטה אויף דער ערד. ר׳ זיינוועלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און סאַפּענדיק געציילט די ווערטער:

אָי־אָי...

יושב בסתר עליון

בצל שדי יתלונן...

אָי,אָי...

דער פּיאָש אין די הענט פון די היימישע חברים־קברנים האָט אָפּגעקלונגען מיט אַן אייזערנעם געקלאַנג האַקנדיק אָן די שטיינער:

האַק—דין! האַק—דין! האַק—דין!

עמעצער האָט זיך שטיל אָפּגערופן:

— נאָך אַ צען מינוט זיכערע צו וואַרטן...

האָבן אַ טייל חברים זיך צעשאָטן איבערן יונגן בית־הקברות, וואָס באַהאַלט אין זיין פעלזיקן שויס אַ אַנדערטאַלבן מנינים מידע און וואָס באַקומט איצט צוואָקס פון איינער... מ׳האָט באַטאַפּט די קליינע מצבהלעך מיט זייערע דריבנע אויפשריפטן... אָהאָ! יעדעס שטומע מצבהלע וואָלט געקאָנט דערציילן אַ־וואָס אַ חוץ נאָמען און צייט, ווען ס׳וואָלט זיך נאָר לוינען צו דערציילן!... אָהאָ! געשיכטע־ ־עך אַזוינע לאַנגע, לאַנגע, וואָס ענדיקן זיך מיט אַזאַ נאַרישן וואַסערדיקן סוף!... צמח פּאַסטוך, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט גלייך מיט אַנדערע חברים פאַר איין מצבה, האָט זיך פאַרחדושט:

— וואָס זשע? בלויז דער איינער נאָר האָט נישט געוואָלט אומ־ קומען? בלויז דער זקן? און יענע? די איבעריקע דאָרט? די יונגע... אַליין, מיט אייגענעם... ווילן...

— אַליין! אַליין מיט גוטן ווילן זיך געגאַנגען אָפּרוען — האָט בערעלע האָז אויפגעכאַפּט... אָט אַזוי, לאַנגער, אַ׳יין... פון ערשטן ביז צום לעצטן... זעסט, יענער, ביים עק, האָט זיך אַ ביסל די אָדערן אויפגעשניטן... צו שטייף זענען זיי ביי אים געווען אָנגעצויגן... דער אָט אָדאָ! דו זעסט — ער האָט זיך אַראָפּגעקוילערט פון פעלז... אַן אַקראָבאַט געווען... און אין־דער־מיט, די מוטער מיטן קינד, — זיי זע־ נען דורשטיק געווען... האָבן זיי צוביסעלעך געטרונקען... אַ ווילדע משקה. יאָדינע, האַ, לאַנגער? זעסט, אָט די מצבה, אברהמלס, ר׳האָט

צופיל געגליט און זיך דערפּאַר אָפּגעטובלט... אָט, זעסט... און דו ווען? ווען דו? האַ, לאַנגער?

צמחס אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט... — — — דערווייל ווערט טונקל. אַ ווינט נעמט ווייען, זיך דרייען און שטאַרקן. ברוריה ליגט שוין אין איר שטיינערנעם געלעגער. ר׳ זיינוועלע זאָגט ציטערדיק אַ „רחמנות-קדיש" און דער פרישער ווינט צעטראָגט איינציקע אָפּגעריסענע פּסוקים...

מ׳איילט זיך מיטן צודעקן דעם קבר...

די טונקלקייט וואַקסט. דער ווינט ווערבלט. כמאַרעס יאָגן און ווערן געדיכטער. זיי קומען מיט דער נאַכט געשטויגן די כמאַרעס. חברה איילט זיך. נאָך אַ לאָפּאַטע, נאָך איינע. — שוין! כאַלאַס; כ — — ס! צוגעדעקט דעם גרוב... מ׳וואַרפט צו אַ לעצטן קוק אויף די ווייסע שטיינער און מ׳דרייט זיך אויס. אַראָפּ-באַרג. אַקעגן דעם חשכות, וואָס אונטן, צו דער שמאָלער סטעזשקע, צו די געצעלטן אין יוספּיה. אָבער שווייגעדיק. עמעצער — רבקה „דער פלאַם" — האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט:

— און איר קינד, דאָרט אין דזשינדזשאַרער קינדערשטוב, וועט עס דען געדענקען אַן אַ מוטער, וואָס מ׳האָט דאָ צו קבורה געבראַכט?...

ר׳ זיינוועלע האָט געציטערט פאַר קעלט. אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט:

— אַי—אַי... ס׳וועט באַלד ווידער אַ גאָס טון אַ רעגן... און כ׳האָב נאָך קיין מעריב נישט געדאַווענט...

דער לעצטער איז געגאַנגען צמח. דער ווינט האָט אים די לאָקן צעשויבערט און צעווייעט דאָס לאַנגע העמד. אין זיינע שמאַטע-פּאַנטאָפל האָט ער געשטאַמפּט איבערן פעלזיקן וועג. און אין האַנט געטראָגן דעם לאַנגן פאַסטוך-שטעקן. דער לעצטער פון די צוריקגייענדיקע מלוים איז ער געווען. ר׳האָט זיך נישט געאיילט, ווי די איבעריקע. „כ׳וועל שוין אָנקומען... די נאַכט איז גרויס... גרויס... און דער רעגן וועט נישט צעווייקן... כלל נישט... כ׳וועל שוין אָנקומען..."

איז ער הינטערשטעליק געבליבן. פאַרלוירן די שפור פון די אַנטלויפנדיקע... איז פלוצלינג נולד געוואָרן אַ סברה: „אַז ס׳איז גאָר

כּדאַי זיך גלאַט אַוועקצוזעצן... אַ ביסל אַזוי... אַריינקוקן אינם חושך, וואָס ווערט יעדעס מאָל געדיכטער, אַזש מיט די הענט אָנצוטאַפּן... אַזוי זיך איינשניידן אין איר, אין דער פינסטערניש... מפקיר־זיין דעם ווינט די פּאָלעס און די קרויזן... אין אַזאַ פינסטערניש קאָן גאָר עפּעס בתגלה־ווערן... אַלץ וואַקסט דאָך אַרויס פונם חושך, פונם תוהו... און אַלץ וואַקסט דאָך אַריין... הם... אַלץ וואַקסט דאָך אַריין אין דעמזעלבן חושך און אין דעמזעלבן תוהו״...

די פּאָרויס אַנטלאָפענע האָבן זיך, ווי אַרום, אַרומגעזען, אַז אַ מענטש פעלט זיי און האָבן די פינסטערניש אויפגערודערט:

— הע־הע! האָ־הע! צמח! צמח. ווו ביסטו?!

צמח האָט דערהערט דאָס טויבע ווידערקול און סתם אָפּגעענ־טפערט:

— דאָ בין איך...

די אַנטלויפנדיקע האָבן נאָכאַמאָל גערופן:

— הע־הע! צמח! אייל זיך צו! צמח... צ־מ־ח!

צמח האָט זיין סברה פאַרגעסן...

— — — — — — — — — — —

אין יוספיה שפּאַצירט דער אומעט. רעגן ק׳אַפּט שוין ווידער אָן די לייוונטן פון די געצעלטן און אין די ברעטער פון די בייד־לעך. איין געצעלט איז שוין אַן אָפּגעשיילטס, אַרויסגעריסן פון די פלעקער, איבערגעקערט. בלויז דער אָפּגעטעסעטער דראָנג, שטייט נאָך אַ סטערטשענדיקער, ווי אַ זכר לחורבן. אָבער חברה רירט זיך נישט צו דערצו: דעם מענטשן פון דעם געצעלט האָט מען נעכטן איבער־געלאָזן אויפן באַרג — מעג ליגן דאָס געצעלט אַן איבערגעקערטס... „זאָל אַזוי זיין...״ נאָר הערן, הערט מען, ווי עס פּיפּסט פון אונטער די לייוונטן אָפּער: טרויער פּיפּסט אָפּער...

איז נאָכגעלאָזן אַזוי די אַרבעט. רעגנדיק און שלעפּעדיק... אַזוי איז אויך ביי די מאָלצייטן אַרום די לאַנגע טישן. שלעפּערדיק און קאַלט. אפילו בערעלע האָז טענהט נישט — ווי זיין שטייגער איז — מיט ר׳ זיינוועל׳ען פון דעם און פון יענעם, כּדי אַ ביסל לאַכעדיק צו מאַכן דעם עולם.

נאָר ר׳ זיינוועלע פילנדיק, אַז ס׳איז נישט „ווי עס דאַרף צו

זיין״, פרוווט מונטערן די קינדער:

— איז וואָסזשע איז די מעשה? האַ? דער מענטש, ער לעבט נישט אייביק. דער מענטש, ער איז בבחינת מאַשין. ווערט אין אים אַ שרייפעלע נאָר עפּעס וואָס קאַליע — איז אויס!... נאָר, קינדערלעך, כּל זמן עס אַרבעט נאָך אָבער די מאַשין, און יעדעס ריידעלע און יעדעס גווינטעלע איז אויף זיין אָרט, מוז מען איילן, גיסן אייל און רייניקן, אַז זיי זאָלן גלאַנצן ממש די גווינטעלעך און ריידעלעך... איז קינדערלעך, ווי זאָגט ער עס: שישו בני מעי...

און ביילע יענטל פון דער צווייטער זייט, שאָקלט מיטן קאָפּ און ווייסט, ווי אמת נעבעך ס׳זענען „אירענס״ דבורים... שמייכלען חברה טאַקע אונטער, הערנדיק ר׳ זיינוועלעס רייד:

— אָ, אַי, איך זאָג דאָך אייך — זאָל ער זיך גיין, דער רענן, זיין וועג און איר אייערן! — שטעלט אים זיבעצן פייגן אַרויס...

נאָר דאָ פרוווט ער נאָך אַ ווערטל, אַ ווייטערס, זאָגן:

— פאַרקערט! אַז אומעטיק ווערט אויפן האַרצן, — איז אַ זמרל, אַ נגונדל... פראָסט און פשוט צום אַלטן נאָטנביכעלע: צום תהילימל... צום תהילימל, קינדערלעך...

ער האָט פאַרשטאַנען, ר׳ זיינוועלע, אַז זיין ווערטל וועט האָבן אַ פעולה...

— אַ יאָ איר שמייכלט? איר קומט צו זיך — האַ?

מ׳האָט זיך אויף אַן אמת, צעריבט און לייכט צעשמועסט. עמעץ האָט דערמאָנט נחמהן, און יעדער האָט אַ וואָרט צוגעוואָרפן. איינער:

— זי האָט אַ פּיש דערטאַפּט... זאָל איר ווויל באַקומען...

אַ צווייטער האָט דווקא אויף איר מלמד זכות געווען:

— קאָן זיין, אַז ס׳איז איר באמת אַ-וואָס געשען און נישט סתם זיך אויפגעהויבן און אַוועק...

און אַ דריטער האָט געטרייסט:

— זי וועט נאָך צוריקקומען, איר וועט זען...

אָבער בענקשאַפט האָט זיך געפילט אין יעדנס רייד. בענקעניש נאָך אַ חברטע, וואָס האָט עטלעכע יאָר געטראָגן אין האַרצן די בשותפותדיקע ליידן און פריידן... „זאָל זי נאָר צוריקקומען... זאָל זי טאַקע צוריקקומען״... נאָר אַז מ׳האָט זיך פון די ערטער אויפגעהויבן

איז טאַקע זיך יעדערער ווידעראַמאָל געגאַנגען זײַן וועג. ווער אַן אַרבעט פאַרענדיקן און ווער אַן אַרבעט אָנפאַנגען. ווער זיך וואַלגערן אויף זײַן געלעגער און ווער הויערן אין זײַן ווינקל, מיט זײַנע טרי-בע טראַכטונגען. יעדער האָט, אויף זײַן שטייגער, געזוכט זיך אַהינצו-טון, זיך נישט הערן צו מאַכן צו דעם, וואָס דראַפּעט אינעווייניק. פישל, דער מאַהילעווער שמיד, למשל, האָט זיך דערמאַנט, אַז בײַ אים אין קעסטל ליגט פאַרשפּאַרט אַ כּלי, און שוין חדשים-לאַנג אַז ר׳האָט זי נישט געריהרט. איז אים, פישלען, אײַנגעפאַלן, אַז פּונקט הײַנט איז שוין די צײַט, זי אַרויסצונעמען. „די דרעטעלעך זענען שוין אוודאי פאַרזשאַווערט... פאַראָסטעט״... נאָר אַז ער האָט זי אַרויסגעצויגן, האָט אַ מין תּענוג-שמייכל דורכגעשניטן זײַנע גראָבע ליפּן:

— אוי, גיטאַראָטשקאַ מאָיאַ!

די סטרונעס האָבן זיך געבלאַנקט, דאָס האָלץ, ווי פריש פּאַלי-טורט און די רויטע לענטע אויפן לאַגגן האַלז איז געווען אויסגעבונדן אין אַ שלייף.

— אוי גיטאַראָטשקאַ מאָיאַ!

זײַנע אויגן ווערן אָנגעגאָסן, פּייכטע און דאָס באַוואַקסענע, שפּאַקאָוואַטע-בערדיקע פּנים פאַרענדערט זיך. זינגט זיך שוין דאַן צום קלאַנג פון די סטרונעס אַזוי געצויגן:

„וואָיעט אַ ווינט, וואָ-אָ-יעט
אין אַן אָסיענדיקער נאַכט...
אַ-אַ-אַ...
וואָיעט אַ ווינט״...

ביז טרערן שלענגלען זיך איבערן פּנים, ווערן פאַרפאַלן אין דער געדיכטער באָרד, און די ליפּן פאַרשליסן זיך... און לאַנג געדויערט ביז ער באַמערקט, אַז אין צווייטן ווינקל זיצט עמעץ, ס׳פּנים מיט די הענט פאַרדעקט און האָרכט זיך נאָך איין... ווערט ער צעמישט, פישל דער גיטאַרטשיק, און פרעגט זיך מאָדנע פונאַנדער:

— וויזשע קומסטו אַהער? דו זיצסט שוין לאַנג דאָ, צמח?

— די גאַנצע צײַט...

— האָסט געהערט?

צמח האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן, צוגעשאַרט צו פישלען און

אים אָנגעגומען פאַר די הענט:

— לעג נישט אַוועק, פישל... שפיל ווייטער... אפשר אַ טאַנצנדיקס, ס׳זאָל די כּמאַרעס צעטרייבן!... אפשר אַזאַ טאַנצנדיקס, פישל!

— האַ? טאַקע?

פישל האָט זיך פאַרקלערט... דאַן האָט ער אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער דער שפּאַקאָוואַטער באָרד, איינגעצויגן דעם פּאַס אַרום דעם שוואַרצן, סאַטינענעם העמדל, און מיט אַמאָל האָט זיין באַסאָווער קול אַרויסגעזעצט, ווי פון אַ קעסל:

לא אמות כּי אחיה
האָפּ! דונאַי דונאַי!
ואספר מעשי יה
האָפּ דונאַי דונאַי!

אני לדודי, דודי ל׳י!
האָפּ! דונאַי דונאַי!
פעיטע ווינאָ אי דאַיטע מעני
האָפּ! דונאַי דונאַי

נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין זאַלץ
האָפּ! דונאַי דונאַי!
מיר גייען נאַקעט ביזן האַלז
האָפּ! דונאַי דונאַי!

און ס׳שיט זיך איינס נאָכן אַנדערן. אָן סדר: אַ שומרים-טענצל, אַ „הורה", אַ חסידישער נגון, אַ קאַמאַרינסקי מוזשיק. אויסגעמישט פאַרפלאָכטן. ער קלאַפּט מיט זיינע קאָוואַלסקי פינגער איבער די סטרונעס, און זיין ברוסט באַוועגט זיך, ווי דער בלוזאַק אין דער שמידע.

צימבעלע, בימבעלע, באָם באָם!
צימבעלע, בימבעלע באָם!

אין געצעלט ווערט וואָס אַמאָל ענגער. חברה שפּאַרן זיך אַריין און פּאַקן זיך אָן, ווי די הערינג אין אַ צעשפּאָלטענעם פעסל. פישל שטייט שוין אַן איינגעפּרעסטער, קוים וואָס ר׳האָט פ׳אַן מיט אַ האַנט

צו רירן. אָבער ער זעצט אַלץ איבער די סטרונעס:

כּאָדים האָלי, כּאָדים באָס!

האָפּ! דונאַי דונאַי!

ביז טיף, טיף אין בין-השמשות אַריין... — — —

— — — — — — — — — — —

און דעם אַנדערן פאַרנאַכט: צוויי אויסגעוויקטע אורחים טרעטן אַריבער דעם האַלבפאַרמאַכטן טויער. איינער הינטערן אַנדערן. אַ שפּאַן פון ערשטן, ברייטע און פעסטע, זענען ווי פון אַ „היימישן". גאָר דער אַנדערער, אַן איינגעוויקלטער, באַיאָרטער, מיט אַ נאָסער, גראָער באָרד, גייט אומזיכער און קוקט זיך יעדעס מאָל אום, באַטראַכטנדיק די סלידעס פון זיינע שטיוול. גלייך צו דער גרויסער עסשטוב גייט דער ערשטער, און דער באַיאָרטער אורח פון הינטן בלייבט אַ ווייל הינטערשטעלינג.

— הע! ר' קרוב! פעטער, קומט! אַהער, אַהער! — נעמט רופן דער ערשטער.

און דער פעטער, דער ר' קרוב, קווענקלט זיך:

— דאָרטן? טאַקע? אויב אַזוי, איז מהיכא תיתא...

ביי דער שוועל פון גרויסן צריף קלאַפּט דער אַלטער אורח אָפּ זיינע קויטיקע שטיוול, פונם אונטערגעניי ביז צו די אויערן פון די כּאָלעוועס, ווייל און בניחותא, און שאָקלט דערביי מיטן קאָפּ אויפן „וואַזשנעם בנין"...

— ס'דאַרף דאָך אַ „געוואַלט" אָפּקאָסטן, אַזאַ שאַלאַש... צעצעצע!..

און דער ערשטער, דער ברייט-פּלייציקער, פאַלט אַריין מיט אַ מידן געבריל:

— האָ-האָ! ווו זענט איר עס ערגעץ, פּעפּערס! האָ האָ! ווו זענט איר עס ערגעץ, חברה!

דאַן קומט אַריין דער אַלטער אורח מיט אָפּגעטרייסלטע שטיוול, ווישט די הענט אָן דער צעקנייטשטער קאַפּאָטע און קאָן נישט מפסיק זיין:

— נו, הי...אָ... הם... א-אָ?

— זיצט, ר' קרוב, זיצט, מיר וועלן וואַרטן, — רעדט צו דער ערשטער, דער ברייטפּלייציקער און קאָפּעט דערווייל מיט אַ קלעצל

אָנם האַרטן אַספאַלט-דיל פאַר כּעס... — זיצט, פּעטערקע, מען וועט שוין קומען... — רעדט ער צו, דער ערשטער, דער ברייטפּלייציקער.

מען איז טאַקע געקומען. עמעץ האָט דורך אַ לאָדן די אורחים דערזען. אָבער דערשראָקענע זענען זיי געבליבן, די חברה: „מאירל איז דאָ... דער גזלן״...

און קיינער פון זיי האָט נישט געפרעגט, און קיינער פון זיי האָט נישט געענטפערט.

און דער אַלטער, דער גראָער אורח, קוקט זיך דערווייל אַרום, זוכט דעם מזרח און טרעפט, אַז קיין מזוזות זענען גאָר נישטאָ... רייסט ער איבער אינמיטן די קטורת און שווייגט שוין דערווייל... פאַרקוועטשט די ברעמען, הויבט די אַקסלען און צעשאָקלט זיך פאַר גרויס יסורים... און ער פרעגט נישט מער... אים פרעגט דאָך קיינער אויך גאָרנישט... נישט „פון וואַנען ס׳קומט אַ ייד״ און נישט „וואָס איז אַ יידנס באַגערן?״... גאָרנישט... כּלל גאָרנישט...

נאָר דאָס לערערל, נחמוני, כאַפּט אַ באַטעמטן שיבער איבערן הויקערל, דערמאָנט זיך, אַז ס׳האָט אים אַמאָל דער טאַטע זיינער אָנגעזאָגט — ווען ר׳איז נאָך אַ קליינינקער געווען — אַז מען דאַרף אַ יידן „שלום געבן״, און טראָגט אונטער ס׳ביינערדיקע הענטעלע זיינס:

— שלום עליכם, ר׳ יהודי! מאיין ולשם-מה?

— עליכם שלום — ענטפערט אים דער אורח — פון ירושלים אַזש געקומען, אין אַן אמת-יידישער שליחות... דערמאָנט זיך נחמוני ווייטער, אַז דער טאַטע זיינער האָט אים אָנגעזאָגט, — אַלץ ווען ר׳איז נאָך אַ קליינינקער געווען — אַז אַ יידן דאַרף מען אויך אויסהערן, אויב ער קומט מיט עפּעס, זעצט ער זיך אַוועק און איז מוכן אויסצוהאָרכן:

— אַזוי... כּן... מירושלים... מירושלם הקדושה... כּכה..

נאָר איין בערעלע האָז קאָן זיך נישט צערייסן. לויפט אָנזאָגן ר׳ זיינוועלען די גוטע בשורה, אַז אַ ייד מיט אַ באָרד און פאות זיצט אין גרויסן צריף, און לויפט צוריק, כּדי צו זען וואָס ס׳וועט זיין מיט מאירלען... מיט דעם גזלן...

און מאירל ווייסט שוין, אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפן... ער ווייסט דאָס... ז׳איז דאָך אים נישט אַקעגנגעקומען... ציט ער אַרויס,

אַ צערײַצטער, די ליולקע און קלאַפּט זי אויס בײַם האָרן פֿון טיש... און שפּעטער מעסט ער מיט די שטיוול די לענג פֿון עססטוב און ברומט:

— אַזוי... זי איז אַוועק, נחמה... ז'איז נישטאָ... בין איך הײַסט עס אויסגענאַרט... האַ?"

און אַלע קוקן אויף אים און זעען, אַז דער פּרצוף זײַנער קנײַטשט זיך, קוקט זיך צו, ווי ער ציט דעם רויך און שפּײַט, ווי ער גריזעט אַ ליפּ; און אַלע קוקן אויף אים און עפּעס טוט זיי ווײ'... נאָר אײנער פֿון זיי האָט אַ שטיל כיכע געטון:

— בוה! ווי ער בײַסט עס אַ ביסל אין זיך אַרײַן! ווי אָפּגע-טרומייטערט ער איז, דער גזלן... בוה!..

בערעלע האָז... ער האָט אַ כיכע געטון. און אַלע האָבן דאָס געהערט און ס'האָט זיי פֿאַרדראָסן...

און אַז ר'איז אַרויס אין הויף אַרויס, מאירל, נישט וואַרטנדיק אויפֿן אָוונטברויט, האָבן אַלע גוט געוווּסט וווּהין ער לויפֿט דאָס: — זיכער צו צמחן אין געצעלט אַרײַן...

נאָר צמח, שטאָט אים עפּעס אַנדערש צו זאָגן, מאירלען, פֿאַר-וואַרפֿט ער אַ לאָק, שטעלט אָן צוויי אויגן, ווי די זומערדיקע הימלען און צעלאַכט זיך:

— הער! הער, מאירל! זאָטל אָן דײַן פֿערד און אַנטרין. יאָג אַוועק אין דער נאַכט אַרײַן! זאָטל אָן דײַן פֿערד! כאַ-כאַ!

און אַז מאירלס אויגן פֿאַרציען זיך מיט אַ וואָלקן און ווערן בלײַערן-אויסגעלאָשן, פֿאַלט מאירל מיטן פּנים צו דער ערד, גראָבט אײַן זײַנע נעגל אין הויפֿן היי און צערעוועט זיך ווי אַ צעבלוטיקטע ווונדיקע חיה:

— מײַן אײנציק פֿערד איז דאָך אויך אַוועקגעפֿאַלן! אין מיטן וועג זיך איבערגעקערט! מען האָט אים אַוועקגעסמט! מײַן אײנציקן אָדלער! טאָ ווי אַזוי זשע זאָל איך איצט יאָגן! מײַן אײנציק פֿערד... אויס!... און דאָ — זי אויך נישטאָ... אַוועק! נחמה!... בײַסט מיט גאָר-נישט צוריקגעקומען, גזלן, און קײנעם און גאָרנישט געטראָפֿן... גזלן!... הלמאי!... הלמאי...

ווי אַ וווּנדיקע צעבלוטיקטע חיה האָט ער זיך געטליקעט אויפֿן היי און גערעוועט...

*

דעמזעלבן אויפֿדערנאַכט, העט-שפּעט, זענען זיי זאַלבעדריט גע-זעסן אינעם ענגן צריפֿל: ר׳ זיינוועלע, דער ירושלימער אורח, ר׳ שלום שעפּסל, און אין שלאָפֿווינקל — ביילע יענטל. צוערשט האָט גערעדט ר׳ שלום שעפּסל הירושלמי מכּח הימלזאַכן און גאולה; מכּח לעתיד לבוא און מלכות שמים; וועגן צדקה און שיבת-ציון. און דער חתוך-הדבור זיינער איז געווען אַ שאַרפֿער און יעדעס וואָרט, ווי אַ געדיכטער האָניג, וואָס היילט די ברוסט און דאָס האַרץ. נאָר שפּעטער האָט ער פֿאַרשניטן, איז אַרויף אויף מוסר און שווערע שטראָפֿרייד. געסטראַשעט מיטן גיהנם, מיט אַלע שבעה מדורים און אפילו מיט חבוט הקבר. און ר׳האָט זיך גאָר צעוואַרעמט, און יעדעס וואָרט איז שוין אַ פֿלאַם געווען, וואָס בריעט און לאָזט נישט רוען. און דערנאָך— עט-עט, צום סאַמע סוף! — האָט ער ערשט אויסגערעכנט ס׳פּעקל תּרופֿות, וואָס ער פֿירט מיט זיך מיט. אַ שטייגער: אָפּהיטן שבת און לעגן תּפֿלין, טבילה און זאַלצן פֿ׳ייש, צוקלאָפּן מזוזות... און דער עיקר:

— מען לעבט דאָך פֿריי! איז ער מרעיש, ר׳ שלום שעפּסל — מען לעבט אָן חופּה וקדושין און אַט, דאָס וויל איך טאַקע מתקן זיין! אַזוי האָב איך זיך אָפּגעפּאַסט ובזכות זו וועט זיך השם יתברך מרחם זיין און ובא לציון גואל...

נאָר ר׳ זיינוועלע טרייסט אים, אַז דאָ, אין יוספּיה זענען חס וחלילה אַזוינע הפקר-שטיק׳עך נישט פֿאַראַן, לכל הפּחות זעען עס נישט די אויגן... אפשר טראָגט זיך ווער אַרום אין האַרץ מיט אַן אומ-ערלעכער גלוסטונג, נאָר...

— חלילה! כ׳גלויב נישט... דאָס נישט!

נאָר אויף איין זאַך פּאָטאַקעוועט ער, ר׳ זיינוועלע און ביילע יענטל שאָקלט צו מיט איר אַלטן קאָפּ, אַז טאַקע אמת, פֿון תּפֿלין, פֿון דאַווענען וויל מען נישט הערן; אָן קדושת-שבת פֿאַרגעסט מען; אויף כּשרות למהדרין מן המהדרין קוקט מען נישט... אַי, ווער ס׳ווי׳ עסן כּשרס

עסט כשרס... מען ווערט נישט... למשל זיי אַליין האָבן אַן עקסטרע ווינקעלע אין דער קעך, נאָר...

— זעט איר, ר׳ שלום שעפסל — פאַרענדיקט ר׳ זייגוועלע, ווייל ביילע יענטל זיצט שוין אָנגעלאָדן מיט אַ פּאַרטיקער מימרא — אהבת ישראל! אהבת ציון! אוי, אוי, ר׳ שלום שעפסל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אויף דער פּאָן טראָגן זיי עס! אויף דער פּאָן! און אַ .שון קודש משופרא דשופרא! זעט איר, ר׳ שלום שעפסל, אַ ביסל היימיש יידיש האָבן זיי דאָך ליב, ווי דאָס לעבן, נאָר פּאַר יענעם, לפנים, איז עס אסור, ממש חזיר! מילא... דערפאַר, ר׳ שלום שעפסל, איז ביי זיי הכנסת-אורחים צו טרעפן, גמילות חסדים און נאָך און נאָך אַנדערע מדות טובות... אַי די סדרי-החיים זענען נישט אַזוי ווי איך און איר און אונזערע אבות אבותינו האָבן געזען... אָבער אָרום און אַרום,— ווילע, ווילע קינדער... און אַ באַלעבאַטישקייט, קיין עין הרע!... אַ ביסל בצמצום אין הוצאות קטנות, אָבער אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען...

ביילע יענטל האָט זיך אויך אַ ביסל אָפּגערעדט פונם האַרץ און אויסדערציילט, פּונקט ווי מען לייענט פון דער צאינה-וראינה אַרויס, וואָס זי האָט אַלץ נישט אויסגעקוקט אין ירושלים, בעת איר זיין דאָרט אויף די הייליקע טעג:

— אַי די כותל מערבי געזען, אַ קרוגעלע פונם טייערן, הייליקן בית המקדש, און אַזש צו דער מוטער רחלס קבר זיך דערשלעפּט און טאַקע מיט אָט דעם חיות, ר׳ שלום שעפסל, לעב איך נאָך...

עט, עט זענען זיי זיך פאַרזעסן, זאַלבעדריט. נאָר איסגעלאָזט האָט זיך, אַז ר׳ זייגוועלע האָט צוגעזאָגט, גוט חוקר ודורש צו זיין מכח דעם האַרבן ענין „אָן חופה וקדושין״, און ר׳ שלום שעפסל, מהצד שכנגד, האָט זיך אונטערגענומען, אַזוי ווי ער וועט נאָר מיט השם יתברכס הילף זיך אומקערן פון זיין נסיעה, אַ טראַכט צו געבן וועגן אַ צוויי פרייע בעטלעך אין ירושלימער מושב זקנים......

— איר וועט זיין, איר וועט זיין, ר׳ זייגוועלע, מיט גאָט ברוך הוא׳ס הילף, אין ירושלימער מושב זקנים....

אויף דעם אַרויף האָט ר׳ זייגוועלע זיך געטיילט מיט אַן אויסגעפּאַסעוועטן שמעק טאַביקע, אויסגערעכנט דעם שלשלת היוחסין, און

ר׳ שלום און ר׳ זיינוועלע ס׳הייסט, בײדע, אַז איז, אויסגעקומען
שפּפּל הירושלמי זענען זיך גאָר קיין פרעמדע נישט. באשר ער ר׳
זיינוועלע איז דעם תּבואתשורס אַן אייניקל און ר׳ שלמה שפּסל
הירושלמי דעם תולדותס ז״ל.

האָט ר׳ שלום שפּסל אַרויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע אַ פּלע־
שעלע, ביילע יענטל האָט אַריינגעבראַכט בלויז אַ ציבעלקעלע פון דער
כשרער קיך, און ביידע יידן, ר׳ זיינוועלע און ר׳ שלום שפּסל,
האָבן זיך זייער אַ סך געווונשן...

ביילע יענטל איז שוין געלעגן האַלב־אָנגעלענט אויפן בעטל פון
דער האַרט־שלאָפנדיקער טאָכטער מרים און זיך געווישט די אויגן
מיטן פאַרטוך:

— אַמאָל האָב איך שוין געקאָנט שטעלן כבוד צום טיש און
היינט? נאָר איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, דאַפאַר... אַבי איך בין
אין דיין לאַנד, וווּ דו ביסט... דיין שכינה...

ר׳ זיינוועלע האָט בלויז יעדע ווייל באַנעצט דעם גומען, אַ
בליק געטון צום בעטל, וווּ זייער טאָכטער מרים איז געלעגן, און
געדריקט ר׳ שלום שפּסלס האַנט:

— ווינש מיר, ר׳ שלום שפּסל, ווינש!...

און עפּעס אַזאַ האַרציקס איז געווען זיין פאַרלאַנגען, אַזאַ
יידישלעכס...

— ווינשט מיר, ר׳ שלמה שפּסל, ווינש!...

— זאָל אייך דער אויבערשטער העלפן, ר׳ זיינוועלע... אייך
און כל ישראל... אונז אַלע... ישועות ונחמות... מיר זאָלן זיין —
יידן זאָלן מיר זיין, ר׳ זיינוועלע...

— יידן, יידן, ר׳ שלום שפּסל!... אַי־אַי... יידן... יידן!...

עס־עס זענען זיי זיך פאַרזעסן די ביידע, ביז... ביז זיי האָבן
זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— מיר וועלן אָפּריכטן חצות — האָבן זיי ביידע, ווי פון איין
מויל אַרויסגערעדט...

און אין צריפל אויפן יוספיהער הויף, האָבן ס׳ערשטע מאָל זיך
צוויי בערדיקע יידן אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. אָנגעשמאָלצן נעבן
זיך אַ טריפנדיק ליכטל און געלאָזן הענגען די קעפּ:

זכר הד׳ מה היה לנו...

אין דרויסן האָט אַ ווינט געוואָיעט און זיך געבייזערט, גע-פייפט און געוועקט... דער נאַכט-שומר האָט צוגעדרימלט אונטער אַ דעכל, און זיין קאָפּ האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערער שוואָם.

אין דעם האָבן זיך צוויי אַנדערע וואַכעדיקע לייט צוגעשאַרט צום שוואַך-באַלויכטענעם צריפל און געבליבן שטיין, ווי פאַרבלאָנד-זעטע קעמלען. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און שטאַרק-שטאַרק געהאַלטן.

— הערסט, צמח?

— איך הער, מאירל...

— וואָס זאָגן זיי ביידע?..

און אינעווייניק אויף דער פייכטער ערד האָבן זיך די יידן צע-כליפּעט:

קול ברמה נשמע בלילה...

קול נהי מציון המהוללה...

VII

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט געלאַשטשעט נחמהן און זי האָט זיך געהאַלטן נעבן אים רויק און נאָכגיביק. בלויז אַ דינער קנייטש איז אָנזעעוודיק געווען אויף איר פּנים.

— כאַמע...—האָט ער אין איר אַריינגערעדט — כאַמע, וואָסזשע טראַכסטו אַזויפיל, האַ? צוואָסזשע טויג דיר אינגאַנצן דאָס טראַכטן?...

ער האָט געגלעט איר האַנט, דעם אָרעם ביז צום אַקסל און פאַרענדיקט מיט אַ קוש דורך דער זיידענער בלוזקע.

— ביסט אפשר מיד, כאַמע?

זי האָט אַ לייכטן שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— אַביסל טאַקע יאָ.

— יאָ, כאַמע?

— מיד...

אָבער אַ גאַנץ גלייכגילטיקער האָט אויסגעוויזן צו זיין איר ענטפער. מיסטער שטימפּעלמאַן האָט אַרויסגעצויגן זיין זילבערנעם זייגער, אַ קוק געטון אויפן ציפערבלאַט און זיך אויפגעהויבן:

— עלף, טאַקע צייט שוין זאָלסט זיך אויסרוען. ביסט דאָך מיד פונם וועג

ר׳האָט צוריק אַריינגעלייגט דעם זייגער אין דער וועסטלקעשע־נע און אַ קוש געטון נחמהן אויפן שטערן. אָפּגעווונשן „אַ זיסן שלאָף", האָט ער מיט אַ ליבהאַרציקן „שלום" הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר.

— שלום... שלום..

זי האָט געענטפערט, נחמה, נישט אויסדרייענדיק איר קאָפּ צו דער טיר. זי האָט נישט נאָכגעקוקט. ווי פריער האָט אויף איר פּנים

אָנגעהאַלטן דער קנייטש. — זי איז געבֿליבן זיצן אויף דעמזעלבן אָרט, אויפֿן עק פֿון דער ווייכֿער פֿליושענער סאָפֿקע. נאָר די טריט פֿון דעם אַוועקגייענדיקן האָט זי אויפֿגעכאַפּט. — זיי האָבן זיך אָפּ־געשלאָגן, די טריט זיינע, אָן די ווענט פֿונם שמאָלן, גרינגעמאָלטן שטילן פּענסיאָן־קאָרידאָר. דאַן האָט זי געהערט, ווי ער עפֿנט אויף די טיר פֿון זיין צימער און שליסט זי צו אויפֿן שליסל. „ער ל י י ג ט זיך דאָרט״, האָט זי אַ טראַכט געטון.

גאר נישט מער...

זי איז נאָך אַזוי געזעסן אַפּאָר מינוט און דאַן זיך דערמאָנט, גלאַט, אַז מען דאַרף זיך אויך לייגן.

אַ ווייס געפֿאַרבט שטאָלערן בעט, מיטן צוקאָפּנס צום פֿענסטער איז שוין פֿון לאַנג געשטאַנען צוגעריכט. דאָס בעטגעוואַנט האָט דער־פֿון אַראָפּגעפֿעכלט. אויפֿגעהויבן זיך פֿון דער סאָפֿקע, האָט זי, ווי נישט־אומישנע, זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַרן גרויסן שפּיגל, וואָס איבערן מאַרמאָ־רענעם קאַמאָד. פֿון גלילאָמפּ איז געפֿאַלן אַ גרינלעכער שיין אויפֿן געשליפֿענעם שפּיגלגלאָז. נחמה האָט ברייטער די אויגן געעפֿנט. מיט אַ האַנט האָט זי אַ פֿיר געטון איבערן שטערן, גלייך זי וואָלט עפּעס אויף אים האָבן דערזען, „זיי זענען נאָך דאָ, די זונפֿלעקן... די גע־לע פֿלעקן״... ז׳האָט באַטראַכט דעם אויסגעבלויזטן האַלדז, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער אויסגעשניטענער, זיידענער בלוזקע און אים באַטאַפּט מיט די שפּיצנפֿינגער. נאָר דערפֿון האָט איר שוין הנאה געטון:״ דערפֿאַר איז אָבער דער האַלז טאַקע שוין נישט אַזוי שוואַרץ... ער ווערט צעביסלעך ווייסער... אַ שיינער האַלז וועט דאָס זיין״!... ז׳האָט זיך נענטער צוגעשאַרט צום שפּיגל, אַזש דער הויך פֿון איר אָטעם האָט זיך אויף אים אָנגעקלעפּט און ז׳האָט תיכּף זיך צוריקגע־רוקט אויף אייניקע שפּאַן. אַזוי עטלעכע מאָל. פֿאָרגערוקט און צוריק, צוריק און פֿאָר. נאָר מאָדנע: דערזעלבער דינער קנייטש איז געבֿליבן אויף איר פּנים. ז׳האָט צוגעריגלט די טיר און געפּרוווט די פֿענסטער־לאָדנס. ז׳האָט זיך גענומען אויסטון, אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס זיידענע קאָפּטל און דאַמיט געדרייט, באַקוקט פֿון אַלע זייטן און עס אַריינ־געהאָנגען אין שאַפֿענערל. אַזוי מיטן קלייד און די שיך. ז׳האָט נישט פֿאַרדרייט די עלעקטריע. ס׳איז איר עפּעס גוט געווען צו ליגן

אין פעכלדיקן בעט און מיט האַלב־אָפענע אויגן קוקן אין גרינלעכער שיין. ס'איז עפּעס גוט געווען, אַזוי, נאָך נישט קיין איינגעדרימלטע, זיך לאָזן ציען פון נישט אויסגעפורעמטע, מטושטשע טראַכטונגען: וועגן זיך... און נאָך בעסער: — אַזוי אָט, מיט אויסגעשטרעקטע גלידער, אויפן ווייכן מאַטראַץ, דערפילן ווי דער שלאָף קומט און זעצט זיך אויף די אויגנלעפּלעך. — — —

ברענט שוין די עלעקטריע, ווי עמעצער וואָלט נאָך דאַרפן זיך אַריינשלייכן, צוגיין צום בעט כדי אין דער ליכטיק צו באַטראַכטן די שלאָפנדיקע, אויפהאָרכן יעדן אָטעמצוג און באַרירן די שלייפן... נאָכציילן יעדן קלאַפּ: איינס... צוויי... צען... פופציק...

און אַרום איז שטיל. מיט נאַכט איז שוין אַריבערגעלאָפן און די שעהען גייען צו זייער פאַרטאָגיקן חשבון... — — — — — —

אַז נחמה עפנט די אויגן איז שוין ווייסער טאָג אין צימער, נאָר ערשט שפּעטער באַמערקט זי, אַז דער לאָמפּ איז אַ ברענענדיקער און איר גלוסט זיך דווקא נישט אַראָפּגיין פון בעט; זי שמייכלט, זעענדיק, ווי נישטיק און שוואַך דער עלעקטריעפלאַם איז ביים שיין פון מאָרגן. ליגט זי מיט ביידע הענט אונטערן נאַקן און איר איז אָנגענעם נאָך אַ רויקן שלאָף. נאָר זי וווּנדערט זיך, וואָס זי האָט קיין חלום נישט געהאַט און אויף־דערויף טוט איר באַנג אַ נאַכט אָן אַ חלום. אָבער אַ רגע שפּעטער ווערט איר אַביסל שווערלעך אויפן געמיט: זי דערמאָנט זיך, אַז באַלד וועט עמעצער אָנקלאַפּן ביי איר אין טיר, איר „גוט מאָרגן" זאָגן, אַקעגנטראַגן אַ שמייכעלע, און זי... זי גאָרנישט... און איר ווערט נאָך שווערער, ווייל זי ווייסט, אַז סוף־כל־סוף וועט זי דאָך מוזן ענטפערן...

— „אָבער וואָס? וויאַזוי?"

דערווייל ווערט לעבעדיקעד אין קאָרידאָר. מען שליסט אויף טירן, און ס'דערהערן זיך פאַרשידענע שטימען. גלעקלעך קליגגען, געאיילטע שפּען פון דינער און באַפעלן פון פּאָרטיער. פאַרן הויפּט טויער שטעלן זיך אָפּ אויטאָמאָבילן מיט אַ געטרומייטעריי, און דער טעלעפאָן, וואָס אין פאָרהייזל, נעמט זשומען. פאַרגעסט זי נחמה, אָן דער פריערדיקער אומהיימלעכקייט, און אַ צעפרידנקייט ציט, זיך אין איר אַריין, אַז אויב זי וועט זיך באַלד אויסמישן און פאַרפלאָנטערן אין דערדאָזיקער אַלגעמיינער באַוועגונג, וואָס אין גרויסן פּענ־

סיאָן; אז אויך פאַר איר וועט מען באַלד באַשטעלן אַן עלעגאַנטן אויטאָ און תּיכּף נאָך פרישטיק, וועט זי זיך דורכפאָרן איבער די גאַסן פון תּל אביב...

און אַז זי שפרינגט האַסטיק אַראָפּ פון בעט, דרייט אויס דאָס ליכט, עפנט אַ שטיק לאָדן און זעט, אַז אַ טאָג איז אַ שיינער, נעמט זי זוכן אין איר וואַליזע דאָס פאַסיקסטע קלייד פאַרן היינטיקן ערשטן שפּאַציר אין דער לעבעדיקער שטאָט. און קליידער האָט זי דאָך נישט ווייניק! די שענסטע, וואָס דער חיפהער פראַנצויזישער מאַגאַזין האָט פאַרמאָגט, האָט מען דאָך פאַר אירעטוועגן איינגעפּאַקט! גרייט זי צו טואַלעט, און איינגעוויקלט אינם לויזן שלאָפראָק, שוועבט זי אַרום איבערן צימער. אַהאָ! זי ווייסט שוין, וויאַזוי זיך צו פירן! זי האָט דאָך אַ פיר וואָכן געלעבט אין שענסטן האָטעל וואָס אין חיפה. זיך געזעלט מיט גרויסאַרטיקע דאַמען, וואָס קומען פון עקן וועלט; געמאַכט מיט זיי אינאיינעם אַ טור קיין טבריה, קיין צפת און זי האָט זיך אויסגעלערנט פירן. הגם ס'איז איר נאָך געווען שווער אַזוי אַט ווי זיי... און זי גרייט פאַר זיך צו שמעקעדיקע זאַלבן, פאַרפו־מען און פיינע וואַסערלעך..

„עפּעס איז גוט, זיך אַזוי צו זאַלבן, באַגיסן... ס'ווערט ווויל...״

און אָט ביז די צורגייטונגען פאַרגעסט זי אָן אַלעמען. זי קלערט נישט מער, וויאַזוי דאָס אַלץ נעמט זיך צו איר. וואָס זי טוט דאָ און ווער ס'איז אָט דער מענטש, וואָס האָט זי אַהערגעבראַכט און צוליב וואָס ער דרייט זיך נעבן איר? וואָס דאַרף זי, אין תּוך גענו־מען, נאָך דעם אַלעם פרעגן? אַ דאַגה!... איז גוט, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט. אַן אומגעריכטע איבערקערעניש. „און דער ריח פון די פערפומען איז אַזאַ פיינער... אַזאַ שטאַרקער אַראָמאַט... און דער פודער מאַכט ווייס... קלאָר דעם ברוינעם האַלז און דאָס פּנים...—און די פינגער ווערן ווייכע... די נעגל אויסגעריינֿיקט און גלאַנציק. אַזויווי די שפּיגעלעך! ראָזע שפּיגעלעך, בלישקענדיקע״... אַך! גוט וואָס ס'איז אַזוי און מער באַדאַרף מען נישט!... מיטאַמאָל,—אַ לייכ־טער קלאַפּ אין טיר, זי שפּרינגט אָפּ פון טישל, דרייט אויף דעם שליסל און שטעקט אַרויס דעם האַלבצעובורעטן קאָפּ. אַן אויסגע־סטאַרצעוועטער פאָרטיער איז זי מכבד מיט אַ נכנעשן „גוט מאָרגן״ און גיט

איר איבער בלומען:

— פון מיסטער שטימפעלמאַן, גברת.

— פון מיסטער שטימפעלמאַן...

— כן, גברת... פון אים אַליין... אַזוי איז... איר וווּנדערט אייך?

בינו לבינו נעמט ער פאַרשיטן מיט פראַגעס, דער אויסגעשטאַר־צעוועטער פאַרטיער, און מיט אומגעבעטענע אינפאָרמאַציעס.

— שיך פוצן? אַ האַנטוך? אפשר ס׳פרישטיק אין צימער? אַ מאַ־דיסטקע? אפשר פּאָסט? צום טעלעפאָן? אַ קאַווע? אַ מילך? אַלץ אין דער רגע, גברת... וואָס איר וועט באַפעלן... תיכף גברת... דער וועטער אַ שיינער, גאָר פיין... ס׳וועט נאָך זיין זון.

און איר איז עפּעס ווויל, וואָס פאַר איר, נחמהן, נויגט זיך דער תל־אביבער אויסגעפראַנטעוועטער בחורעץ און איז גרייט אויס־צופאַלגן אירע פאַרלאַנגען.

— גרייט מיר צו אַ וואַרעמען, שמעקעדיקן באָד — כאַפּט זי זיך אַרויס...

— אַ וואַרעמען באָד? וויפל גראַד, גברת? אַ הייסן, אַ לויעלכן?.. אין דער רגע:—יעס? זאָפאָרט! תיכף!

און ער שיט אויף העברעאיש, אויף פראַנצויזיש, אויף ענגליש אויף אַלע לשונות... און אַז ער פאַרנויגט זיך שוין לסוף און שפּאַנט אַוועק ביזן האַלבן קאָרידאָר, רופט אים נחמה נאָך:

— אַ גלאָז וואַרעמע מילך!..

— בבקשה, גברת! אַ גלאָז וואַרעמע מילך! תיכף! אפשר עפּעס צובייסן?

— קאָן זיין...

ער וואָלט אפשר געווען פאַרסניי זיך אויסגעדרייט און אויס־געשיט אַ גאַנצן ים מיט שאלות און ווערטער. ווען נישט דאָס, וואָס פון אויבערשטן שטאָק האָט זיך דערהערט אַ געקלינגעריי. — האָט ער זיך שוין אַ צווייטן נויג געטון, אַ שערווע מיטן גלאַנציקן שפּיץ־שוך און זיך אַוועקגעלאָזט צו די טרעפּ.

נחמה האָט אים אַ ווייל נאָכגעקוקט און דאַן באַהאַלטן דעם קאָפּ. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שאָקלשטול און גענומען די בלו־

מען צו דער נאָז: „פּאַרט גוט, וואָס ס'איז דאָ עמעץ, ווער ס'שיקט דיר דאָ בלומען אין־דער־פרי... פּאַרט גוט, וואָס עמעצער געדענקט... פיינע בלומען... לעבעדיקע... ווייסע און רויזע... די רויזע זענען שיין און די ווייסע נאָך שענער"... נאָר זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל איבערחזורנדיק: „תיכף, גברת, דער וועטער איז אַ פיינער".

*

אַן עלעגאַנטער ברוינלאַקירטער אויטאָ טראָגט זיך איבער גאַסן. גאַס־איין, גאַס־אויס, לינקס און רעכטס. אין אויטאָ זיצן: נחמה און מיסטער שטימפּעלמאַן. נחמה רעדט מיט פאַרווונדערונג:

— ווי דאָ האָט זיך אַלץ געענדערט! ווי נישט צום דערקענען! אין זעקס יאָר אַ שטאָט אַ נייע... אַן אַנדערע, אַ גראַנדיעזע!... ווי דאָס האָט זיך פאַרענדערט! הייזער! גאַסן! אומבאַקאַנטע... און...

און מיסטער שטימפּעלמאַן שווייגט, אַ צופרידענער, און שאָקלט מיטן קאָפּ.

און ווייל די באַוועגונג איז אין פולן טעמפּאָ: מענטשן ווימלען אויף די טראָטואַרן אין גאַנצע געוועמלען, אויטאָמאָבילן און וועגענער קרייצן און מיידן זיך אויף די נישט־פאַרענדיקטע, ברוקירטע גאַסן, קוקט נחמה אויף דעם אַלעם און חידושט זיך:

— וועררשע זענען זיי, אָט די מענטשן? פון וואַנען האָבן זיי זיך אַהערגענומען? אַ שטאָט!

אפילו אויפן „שוטר", דעם פּאָליס, וואָס דירעקטירט די וועגע־נער און אויטאָס פאַלט איר בליק:

— ס'אַ! ס'אַ! „קאָיס!" זינט־ווענזשע איז דאָס אַלץ אַזוי?

און נחמהן כאַפּט אַרום אַ חשק איינצוהאַלטן דעם אויטאָ.

— ווייסט? — זאָגט זי — ס'איז גאָר כדאי צו־פוס צו גיין! צו־וואָס דאָס אַרומיאָגן אויף דער מאַשין? עס שווינדלט דאָך פאַר די אויגן! אַלץ פליט אַדורך און דאָס אויג כאַפּט נישט.

און מיסטער שטימפּעלמאַנען גייט דאָס איין:

— אָלרייט! מיר וועלן גיין, אָבער נישט איצט. ערשט נאָך דינער.

און די מאַשין פליט ווייטער. נאָר ווייטער... אויס... די לענ־גסטע גאַס זיך געענדיקט...

— אַללענבי-ראָאַד — זאָגט מיסטער שטימפעלמאַן—און „פיניש".

דהיס !.. ים...

— דער ים — חורט נחמה איבער — דער ים...

זיי בעטן דעם שאָפער אַ ווײַלע שטיין. נחמה גייט אַרויס פון אויטאָ און נאָך איר מיסטער שטימפעלמאַן. זיי גייען צום ברעג. אי־בער פייכטע, טיפע זאַמדן שפאַנען זיי, ביז זיי קומען צו האַרט אַהין, וווּ די צעשוימטע כוואַליעס שלאָגן זיך אָן.

— ווי לאַנג כ'האָב שוין דעם ים נישט געזען! ווי לאַנג...

אָבער מער רעדט זי נישט, נחמה. אירע בליקן רעדן.

און דער ים אַ ברויזנדיקער, ווי תמיד אַזוי אין די האַרבסטי־קע חדשים; ס'מינען זיך זיינע וואַסערן, גראָ און שוואַרץ. און די כוואַליעס זענען מעכטיקע, שפריצן מיט שוים און פאַרגיסן זיך איינע די אַנדערע; שלאָגן־אָן אָן די זאַמדיקע געלעגערן און שפייען אויס מילי־מילאַסן שיילעכער און פוילע־רוילעס...

זיי פאַלן צו מיט אַ רעש, די רגזנדיקע וועלן, און ציען זיך צוריק, ווי מיט מער כוח און אימפעט פאַר ס'נײַ צוצופראַלן... די ברויזנדיקע כוואַליעס. קוקט זי נחמה און שווייגט. נאָר אין האַרץ ביי איר רייסט זיך שוין עפעס אָפּ, ווען זי דערזעט, ווי־ווייט, אַן אָפּפאָרנדיקע שיף, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער קלעמבעס רויך, וואָס שלאַנגלען זיך איבער דער הויך פון די וואַסערן און צעגייען, נישט קאָנענדיק די הויכן דערגרייכן... ווי זיי באַומרויקן, די אָפּגייענדיקע שיפן... און אַז די שיף איז נישט מער אָנזעעוודיק, דער הויכער מאַשט נישט מער, ווי אַ שוואַרצער פינטל איבער דעם צעבושעוועטן וואַסער פלאַך, פאַרבייסט נחמה אַ ליפּ און דערמאָנט זיך:

— מיר וועלן צוריקפאָרן...

— אָלרייט — שטימט איין מיסטער שטימפעלמאַן און העלפט איר אַרויפגיין אויפן שאָסיי. מיט פאַרזאַמדיקטע שיך שטייגן זיי צו־ריק איין אין אויטאָ.

— אין פענסיאָן! — באַפעלט מיסטער שטימפעלמאַן.

דאַן שווייגן זיי ביידע. דער אויטאָ פליט צוריק, פאַרקערעוועט זיך און, אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז ער אויפן פּלאַץ.

— „הרצליה״ — זינגט שטיל דער שאָפער און עפנט פאַר זיינע פּאַסאַזשירן דאָס טירל. — —

אין קאָרידאָר האָט זיי אויפגענומען דער אויסגעסטאַרצעוועטער פּאָרטיער און, מיט אַ חניפהלע, געוואַרט אויף זייערע בקשות. נחמה האָט געבעטן דעם שליסל פון איר צימער און עפּעס קאַלטס צום טרינקען.

— „צווײמאָל״ קאַלטס, גברת... — פאַרבעסערט דער פּאָרטיער מיט אַ שמייכעלע... — צווײמאָל...

אין צימער האָט נחמה אָראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס לעדערנע שפּאַציר-היטל און זיך אַוועקגעזעצט אין דער קושעטקע. מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דערנעבנשטייענדיקן שאָקל-שטול און געוואַרט... אַ קעלנער האָט געבראַכט דעם קאַלטן געטראַנק און זיי האָבן געטרונקען.

נאָר דערנאָך האָט זיך נחמהן געדוכט, אַז ס׳איז נישט מער איבעריק געבליבן, ווי זיך צו שפּילן מיט די פראַנזן פון דער געשטיק-טער דעק, וואָס איבער דער קושעטקע, אָדער צו קלאַפּן אַ לעפעלע איבער אַ ליידיקן גלאָז.

האָט עס מיסטער שטימפּעלמאַן אָנגענומען פאַר ליב און, שאָקלנדיק זיך, אַ ווייל איינגעקוקט אין וואַסער-קאָלירענעם איידל-שטיין, וואָס איז איינגעפאַסט אין זיין גרויסן גאָלדענעם רינג. — —

איז, קוקנדיק אויף דעם שטיקל צירונג, ווערט אים אַזוי גוט און אַזוי חיותדיק, דערפאַר וואָס עס באַרייפט זיין פינגער און ס׳איז אַ סימן פון זיין ווילשטאַנד. און קוקנדיק דערויף ווערט אים אויך אַזוי בענקנדיק: אָט דער רינג דערמאָנט אים גאָר פּלוצלינג אין יע-נער צייט, ווען ער, אַ פּראָסטער אַרבעטער, האָט זיך אַרויסגעשלאָגן, געוואָרן אַ מענטש פאַר זיך און דערזען די ערשטע שיין פון גליק— דאָרט אין דער ווייטער מדינה...

נעמט אים אויך אַרום אַזאַ פאַרלאַנג אַרויסצוזאָגן דאָס אַלץ און נאָך מוסיף צו זיין עפּעס וואָס:

— כאָמע...

נחמה הערט.

— כאָמע, ווייסט, איך וואָלט איצט וועלן עפּעס זאָגן... ווייסט, כאָמע, איך האָב זיך דערמאָנט... זעסט דעם רינג?..

און ער פּרוּווט רעדן, דערציילן קליינינקייטן פון זיין לעבן דאָרטן; רעדן וועגן זיינע פּלענער, וועגן זיין מוטער און... נחמה רייסט אים איבער:

— איך האָב געזען די אָפּגייענדיקע שיף... מיר וואָלט זיך וועלן וויסן, וווהין זי גייט איצט... מיר אַליין וואָלט זיך איצט וועלן זיין אין האַרץ פון צעשטורעמטן ים...

— אז דו, כאָמע...

אַך, ווי עס האָט זיך אים איצט געוואָלט אַ זאָג טון: „זאָל איך נאָר הערן יענעם „יאָ"!" ר'האָט אַזש דערפילט פּייכטס הינטער זיינע גרויסע גלעזער. מער האָט ער נישט געקאָנט זאָגן, מיסטער שטימפּעלמאַן, הגם צו דעם, וואָס ר'האָט געוואָלט, איז ער לחלוטין נישט צוגעקומען — ווי נעכטן, ווי ערנעכטן האָט ער עס אָפּגעלייגט. אַזוי שוין די גאַנצע צוויי חדשים, זינט נחמה איז מיט אים און זינט ביי אים איז געבוירן געוואָרן די זיכערקייט: „אַז זי איז אָט־די, אויף וועמען ער וואַרט און וואָס קאָן פאַרטאָפּלען זיין גליק"...

נאָר חידושלעך: נחמה שפּילט זיך אַלץ מיט די פראַנזן פון דער קאָלירטער דעק און איר קליין געדאַנקענוועלטל איז אַזוי ווייט פון איר שכנס, אַזוי פרעמד, גלייך איר וואָלט גאָרנישט געקאָנט איינ־פאַלן, אַז דער מענטש אין שאָקלשטול פרוּווט בויען אַ בריקל צו איר...

העגנט איבער זיי ביידן אַ געפל און מען פרוּווט אים נישט צערייסן, כדי דורכצוזען און וויסן — איינמאָל פאַר אַלעמאָל...

נאָר מיסטער שטימפּעלמאַן פאַלט איין, צי איז נישט „עפּעס" נחמהן און פרעגט פאַרזיכטיק:

— ווי־זשע געפעלט דיר דער שפּאַציר? מיר וועלן נאָך זען דאָ זאַכן! דאָ מוזן גריילעך זיין קאָנצערטן און טעאַטער... איך וועל דיר געבן אַ „גוט טיים"... דאָ, אין תל־אביב, איז נישט, ווי דאָרט אין דאָרף... אין יוספיה...

נאָר אָנשטאָט אַ תשובה, רוקט זיך נחמה צו אים צו, ווי וועלנ־דיק איינרוימען אַ סוד, נישט אַלע אויערן זאָלן הערן:

— זאָג, דו ווייסט ווער איך בין? צי ווייסטו, וואָס מיר איז?

בלייבט מיסטער שטימפּעלמאַן מיט אַ נישט־אָנגעצונדענעם ציגאַר אין האַנט, אָבער פאַר גרויס געפלעפּטקייט ענטפערט ער, מיט אַ מאָדנעם געלעכטערל:

— כע־כע! וואָס דו יו סעי? וואָס רעדסטו? — וואָס הייסט, איך ווייס נישט?

— דו ווייסט נישט... מיר איז שווער צו זאָגן... ס'ווייסט זיך אַליין נישט... ס'האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט משונהדיקע געדאַנ־קען... איך ווייס אַליין נישט...

— וואָס? וואָס פאַר אַ געדאַנקען? איך... אַי... אין...

— נו, וואָס איך טו דאָ פלוצלינג! וואָס איך טו דאָ פלוצלינג! וואָס איך טו דאָ פלוצלינג!

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט שוין מער נישט געקאָנט צעעפענען די ליפּן. זיצנדיק אין שאָקלשטול האָט ער אומבאַהאָלפן געביסן דעם פּטום פון נישט־אָנגעברענטן ציגאַר. נחמה האָט געציפּט די פראַנזן און, ווי אַ געווין וואָלט אין איר דערשטיקט געוואָרן, זיך גע־פרעגט:

— וואָס טו איך דאָ! - וואָס? וואָס איז מיט מיר?.

אין דער מינוט הויבט אין קאָרידאָר אָן קלינגען דאָס גלעקל, אַ סימן אַז די טישן זענען געגרייטע צום מיטאָג. מיסטער שטימפּעל־מאַן — קענטיק, אַז אַ חוץ אַלעם האָט אים אויך געהונגערט — האָט אַרויסגעצויגן זיין גילדענעם זייגער, אָנגעקוקט, און, ווי פאַר זיך, אָפּגעזאָגט:

— צוויי אַ זייגער... — —

אַז ס'זענען אַוועק אַ מינוטן צען האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר, און דער אויסגעסטאַרצעוועטער פּאָרטיער האָט אַריינ־געשטעקט דעם גלאַנציקן, פריזירטן קאָפּ און זיך ליבלעך פאַרנויגט:

— די טישן זענען געגרייט... צי אפשר דעקן דאָ, באַזונדער אין צימער?

— מיר וועלן אַריינקומען — האָט נחמה פלוצלינג אויסגעדרייט

דעם קאָפּ, פריינטלעך געענטפערט און זיך אויפגעהויבן פון דער קו־שעטקע.

ווידער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און דער פּאַרטיער האָט הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

נחמה האָט אַראָפּגענומען פון נאַכטקעסטל אַ שאַכטל פּודער און זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגל:

— זאָל איך איינפּודערן דעם האַלז, האַ?

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך צושמייכלט:

— פיין, פיין... יעס...

דאַן האָט ער זי גענומען פאַרן אָרעם און אַרויסגעפירט פון צימער. — —

*

וואונדערלעך! ווי נחמהן איז לכתחילה געווען אויפגעלעגט! זי האָט געהייסן פאַר זיך אָנפילן אַ גלאָז וויערן, שטאַרקן ווײַן און זיך צוגעהערט צו מיסטער שטימפּעלמאַנס טענות; אויפגעכאַפּט אָפּגעריסע־נע ווערטער פון די „לײדיס און דזשענטלמען", וואָס אַרום איר, און געפּרוווט אפילו נאָכמאַכן דעם האַרטן, נעזלדיקן, ענגלישן געהאָלדער, זיך באַקענט מיט אַ טייל פון די אַמעריקאַנער טוריסטן און, אַ צו־פרידענע, אויסגעהערט זייערע קאָמפּלימענטן. נאָר מיסטער שטימפּעל־מאַן האָט זיך באַמיט נישט אַרויסצווייזן, ווי ער שמעלצט זיך אינע־ווייניק פאַר גרויס צופרידנקייט און נחת.

רעדנדיק צו זיין ניויאָרקער באַקאַנטן, וואָס איז געזעסן פונקט אַנטקעגן, האָט ער נאָר יעדע ווייל געוואָרפן אַ בליק אויף נחמהן און אָנגעקוואָלן פון יעדן ביס און קיי, וואָס זי טוט. נאָר אַז דער ניויאָרקער פריינט האָט גענומען אויספרעגן מיסטער שטימפּעלמאַן, אויף ענגליש, ווער אָט די „לייד" איז מיט וועלכער ער „פירט דאָ אַ ליבע", האָט נחמה זיך אויסגעדרייט, און ווי ז׳וואָלט האָבן אַלץ פאַרשטאַנען, האָט אַ רויטקייט באַגאָסן איר פּנים. זי האָט דערפילט אַ בראַנד...

— אַ ביסל וויערן ווײַן — האָט זי מאָדנע הויך אַ זאָג געטון און טאַקע אַליין אָנגעפולט אַ פול גלאָז... ווי צו קילן אַ העלישע,

אינעווייניקסטע ווונד, האָט זי מיט איין צי אויסגעצויגן דעם ווייץ און זיך צעפינטלט מיט די אויגן.

דער ניויאָרקער פריינט, מיטן האַלבן פּליך און דער גרויסער בלאָער נאָז, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די פּעטע, באַרינגלטע פינגער ביים בויך און אויסגעפּאָרסקעט אויף זיין לשון:

— פיין! נייס! דעטס רייט, מיס! אַזוי!

ער האָט ערשט געגומען האָלדערן, אָבער דאָס אַלץ האָט שוין נחמה נישט באַנעמען. פון איבריקן ביסל ווייץ האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען אין מוח, די אויגן צו גלאַנצן און נאָר איין געלעכטער איז איר אָנגעגאַנגען. מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך אַפּנים דערויף נישט דערכאַפּט, וואָרום ער האָט ערשט צעשפּיליעט זיין ראָק און פאַרפירט אַ נישקשהדיקן שמועס: וועגן אויסזיכטן אויף „ביזנעס" דאָ אין פּאַלעסטיין, וועגן זיינע זויערע-אוגערקעס-קעלערן אין ניויאָרק און געגומען אויסרעכענען וויפל געלט דער שפּאַציר אין „הייליקן לאַנד" קאָסט אים אַלץ אָפּ, און, בעיקר — צייט.

— טיים איז מאָני... צייט איז געלט! — טענהט ער, מיסטער שטימפּעלמאַן.

דער ניויאָרקער פריינט מיט דער בלאָער נאָז — נישקשה! ער ווערט אויך נישט מבויש!.. ערשט ער פאַרמאָגט דאָך אַ היבשן צעטל מעשיות! נאָר אויף ארץ ישראל גופא, אויף די היגע „ביזנעס" איז ער גאָר להרוג ולהשמיד. שפּייט און שילט, שיט מיט זלזולים און איז גרייט אונטערצוציינדן.

— וואָס פאַר אַ ביזנעס?! וואָס פאַר אַ לאַנד?! אָפּגעקאָסט אַזוי פיל טאָלערס און... אַי גאָט דעם!.. סאַן אָף ע... מאָנקיס! מאָנקיס!... מאַלפּעס — אָטוואָס! ווער שמועסט די „כאַלאָצים" וואָלט ער גאָר איינגעשלונגען!

— ליסן — טענהט ער — איך פאַרפאָר מיט דער מאַשין, שטעל זיך אָפּ, דאָרט ביי זיי אין „קאָנטרי", אין דאָרף, פרעג זיי ווי ס'גייט זיי, צי זענען געזונט, צי זענען גליקלעך און זיי — אַז זיי שיסן דיר אַרויס אַ געלעכטער: „מיר זענען געזונט, מיר זענען צופרידן, גליקלעך! גאָר גליקלעך" אַנטלויפן און לאָזן מיך איבער... נו, ווי געפעלט

דיר? אַזוינע „כּאַלאַצים״! הער! הער! פאַר מיינע דאָלאַרן! פאַר מיין... אָי גאָט דעדי!...

אַ מערכה, וואָס קיין איינער פון די פויגל איז דאָ נישטאָ... וואָלט, חלילה, עמעצער פון כשרע „כאַלאַצים״ אָדער ארץ־ישראל־משולחים דאָ געווען, איין גאָט אין הימל ווייסט, וואָס ס'וואָלט זיך דאָ אַצינד אָפּגעטון... ער זיצט דאָך נאָך אַלץ און שיט פעך און שוועבל און שווערט זיך ביי זיין אַמעריקאַנעם רייגעם „האָנאָר, אַז באַם דאָרט, אין אַמעריקא, ס'וועט נאָך ווער וואַגן אים צו מאָנען אַ „פעני״ פאַר פאַלעסטיין, אַזוי... ער שליידערט אים פשוט פון די טרעפ אַראָפּ!...״

— זאָל זיך נאָר ווער דערוועגן! זאָל איך אים נאָר טרעפן דעם פּראָפעסאָר היימי און ס'דאָקטאָרל שמעריל וועלינאָווסקי — הם! אַל בעטשיו! אָי קיל דעם, ביי האָנאָר! איך מאַך פוןביידן אַש און שטויב!

נאָר דאָס בייזע בלוט באַרויקט ער זיך ערשט, דער ניויאָרקער פריינט, מיט אַ ביסל גוטן כּרמל־מזרחי און מיט דער האָפענונג, אַז שוין איבערמאָרגן אַנטלויפט ער פון דאַנען צוריק, אין זיינע געבענטשטע „סטייטס״! אין קאָלומבוסעס מדינה אַריין.

— ליסן, שטימפּעלמאַן, איך פאַר באַשטימט איבערמאָרגן, גרייט צו עפּעס פאַר דער היים... און כי־כי־כע־כע... טאַקע שוין דערציילן די גוטע בשורה און ווינשן... האַ? און אפשר גאָר פאָרסטו טאַקע מיט? נעם די „ליידי״ און סעטל די ביזנעס!... — און וואָס זאָגט איר דערויף, ביוואַקאַטשאַ?

... און וואָסזשע האָט נחמה אים געזאָלט ענטפערן, ווען איר האָט זיך גאָר פאַרגלוסט, פשוט און פראָסט אים אַ שטויס צו טון מיט אַ פלאַש אין זיין בלויער נאָניע, אַז שטיקער גלאָז זאָלן זיך אַזש צעפליען?...

דער גלאַנץ פון אירע אויגן, דאָס ציטערן פון אירע ליפּן און דאָס קרעמפּעווען די פויסטן זענען אָבער שוין נישט אַנטגאַנגען מיסטער שטימפּעלמאַנס בליקן, און ער האָט זי צאַרטלעך אָנגענומען פאַר איר האַנט:

— כאָמע, וועסט גיין אין צימער צוריק, אָ! דו וועסט זיך אויסרוען אַ ביסל און דאַן...

— יאָ, איך וויל אָבער אַליין דאָרט בלייבן, הערסט? אַליין...

— שור! אַוודאי! וועסטו איצט אַליין בלייבן. איך וועל דאַווייל אייניקע לעטערס שרייבן, בריוו, און קלענערע ביזנעס סעטלען... פאַרזאָרגן...

נחמה האָט שוין נישט געוואַרט ביז ער וועט זי נעמען אונטערן אָרעם, זי איז געגאַנגען פאָרויס, כאָטש זי האָט זיך גאָר שווערלעך אויף די פיס געהאַלטן. און זי האָט זיך שוין אפילו נישט צוגעהערט צו דעם, וואָס ער רעדט איר הינטער די פלייצעס:

— געוויס! פאַרנאַכט וועלן מיר נעמען אַ שפּאַציר, און ס'וועט זיין אָלרייט, הערסט, כאָמע?

זי איז אַריין אין צימער און זיך צעשטרעקט אויפן בעט. און דווקא האָט איר נישט געאַרט, וואָס מיסטער שטימפּעלמאַן קושט איר אין פּנים און שמייכלט:

— שלאָף, שלאָף! דו וועסט זען. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגנס איך וועל דיר אָנטון...

נאָר אַז ער האָט אָפּגעטרעטן פון איר און איז אַרויס אין קאָרידאָר, האָט זי מיט אַ ווילדן אימפּעט אַראָפּגעטאַנצט פון בעט, צוגעהאַקט די טיר אויפן שלאָס און געבליבן שטיין מיטן שליסל אין האַנט:

— אַזוי! וועסט שוין אַהער נישט קומען! נאַר! נאַר! דו קענסט מיך נישט!... וועסט שוין נישט קומען! פאַרשלאָסן!... אָט...

— — — — — — — — — — —

דער טאָג איז אַוועק און דער אויפדערנאַכט איז געקומען. אָבער דער אויפדערנאַכט האָט מיט זיך גאָרנישט געבראַכט. נחמה איז געשטאַנען ביים פענסטער פון איר צימער, אַן אויסגעניכטערטע, און נישט געקלערט וועגן גאָרנישט. איר איז געפעלן געוואָרן דער שיין פון אַ ברענענדיקן גאַסנלאָמפּ און ז'האָט געהייסן שטימפּעלמאַנען דערויף קוקן:

— ווי ער ברענט, דער לאָמפּ...

האָט מיסטער שטימפּעלמאַן זיך אויפגעהויבן, אויסגעווישט די גרויסע גלעזער און אַרויסגעקוקט:

ער ברענט... נייס... ברענט...

דאַן האָט נחמה זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן אים אויף איר בעט און מיט אַ באַזונדערן חשק פון סניי דערציילט, וויאַזוי זי איז היינט אַריין אין צימער, פאַרשפאַרט די טיר, און וואָס איר האָט זיך אַלץ נישט געפלאָנטערט אין מוח, זייענדיק אין שכורן צושטאַנד. האָט מיסטער שטימפעלמאַן אויסגעהערט, געווען אין האַרצן צופרידן, וואָס דער סוף איז אַ גוטער און בלויז צוגעגעבן:

— ווייַן איז אַ גוטע זאַך, מען דאַרף זיך נאָר דאַצו געוויינען... יעס... דאַן מאַכט שוין דער וויין גאָר אַנדערש.

— אַ ווײַלע טרייסט — האָט נחמה געענפערט און אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ. — — —

אין דעם אָוונט זענען זיי אין ערגעץ נישט געגאַנגען, נחמהן האָט נישט געצויגן, און מיסטער שטימפעלמאַן האָט געהאַלטן, אַז זי איז אומרויק גענוג. איז מען נאָך אַביסל געזעסן און דאַן זיך צע־שיידט, אויף צומאָרגנס און איבערמאָרגן איז אויך קיין שנוי נישט געקומען. אַחוץ וואָס נחמה האָט געהאַלטן אין איין שרייבן, קלעקן און רייסן.

מיסטער שטימפעלמאַן האָט זיך געדרייט אַרום איר, געבראַכט פעקעלעך נאַשוואַרג, בייטלען מאַראַנצן און פאַר איר אַוועקגעשטעלט. זי האָט געגעסן, געקלערט און ווידער זיך גענומען צום געשריפטס. די פען האָט געקריצט, געטריפט מיט דער וואַסערדיקער־פענסיאָן־טינט און געמאַכט קלעקסן, ווי צעקוועטשטע פליגן

און דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן אין שווייגעניש. נחמהס בליקן האָבן געקלעפּט אויף די שורות, און איר איז דאַן ווייניק אָנגעגאַנ־גען, וואָס אַרום טוט זיך. האָט זי נישט געקאָנט זען, אַז מיסטער שטימפעלמאַן פאַרפאָלגט, מיט זיין גלעזערנעם, פאַרגרעסערטן קוק, יעדן ריר פון דער פעדער, יעדן צוג אויף איר פנים און קרומעניש פון די ליפּן — גלייך אים וואָלט געלונגען צו דעראָטן אַ־וואָס...: נאָר אַז זי הויבט מיטאַמאָל אויף דעם קאָפּ, דרייט אַהין און אַהער מיט די באַשרייבענע בלעטער און נעמט זיי פלוצלינג רייסן אויף שטיקלעך, אויף פיץ־פיצלעך, פלאַפלט ער, מיסטער שטימפעלמאַן, שטיל, ווי נישט וואַגנדיק צו פרעגן:

— נעוועער מיינד... מאַכט נישט אויס... אַז עס גייט נישט...

נאָר דערנאָך הויבט ער דעם טאָן און קושט איר איבערן קאָפּ:

—ברענגען דיר עפּעס, נחמה?— —

אַזוי אויף צומאָרגנס און אַזוי איבערמאָרגן. אויך די ווייטער־דיקע טעג זענען מאָדנע געווען. דערצו האָט זיך דער רעגן פונסניי געלאָזט, מיט דונערן און בליצן, מיט שטורם און בורעס, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג... האָט מען אָפּגעשוויגן לאַנגע שעהן, טעג און אָוונטן. נאָר אין איין מיטוואָך אויפדערנאַכט איז עס געווען, ווען מיסטער שטימפּלמאַן איז אַריין צו נחמהן אין צימער:

—כאַמע...

—וואָס איז?

—אפשר שוין צייט, מיר זאָלן אַרויס אַ ביסל אין גאַס? דער רעגן שטילט זיך... כאַמע, איך וועל הייסן באַשטעלן אַן אויטאָמאָביל, מיר וועלן זיך דורכשפּאַצירן איבער דער שטאָט, און דאַן... יעס... דאַן וועלן מיר צופאָרן צו דער אָפּערע... יעס, כאַמע? איך האָב דאָך שוין „טיקעטס", ס'הייסט בילעטן...

אַ ווײַלע איז נחמה געשטאַנען די הענט פּאַרלייגט איבער דער ברוסט, ווי זי וואָלט באַקלערן, צי ס'לוינט זיך בכלל. און מיטאַמאָל:

—עס שטערנט זיך אויס? ס'וועט נישט דונערן מער?—גוט!

*

ביזן בויך האָט זיך די מאַשין געטובלט אינם וואַסער, און די גומענע רעדער האָבן געשפּריצט מיט אַ נאַסער קוויטקייט אויף אַלע פּאַרבייגייער. נחמה האָט זיך יעדעס מאָל אויפגעהויבן פון ווייכן זיץ און געלאַכט: „פּאַרטראַסקעט ביזן גאַרטל"...

די גאַסן זענען געווען באַלויכטענע, און די שיין איז געפאַלן אויף די געדיכטע זאַמדיקע קאַלוזשעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אויסגעגאָסענע פעטע סמעטענע אויף שלעכטע, געלעכערטע ברוקן. פון אויבן האָט צו ביסלעך געטרעפּלט, און מענטשן האָבן זיך דווקא נישט געאיילט. אויף אַ טייל ערטער זענען זיי גאָר געשטאַנען אין גאַנצע קופּעס און זיך געלאָזט הערן. סתם זיך געגאַפּערט הינטערן געדיכטן הימל. אויף אַלעמבי־גאַס איז גאָר באַלעבט געווען. דער פּלאַץ פאַר דער „אַרבעטער־קיך" איז געווען באַזייט מיט גאַנצע רעד-

לעך אַרבעטער, און זייערע וכוחים זענען געווען גאָר היציקע... אפילו זלזולים האָבן נישט געפעלט און פייערדיקע פעטש איבער באַקן, ס'האָט אַזש אַריינגעהילכט ביזן אויטאָ, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך גע־טונקען... דאָ און דאָרט זענען אַרומגעלאָפן די באָרוועסע צייטונג־פאַרקויפער און אויף זייער אופן אויסגעשריגן די נייעסן. איינער אויף אַ גאָנערדיקן טענערל:

—„א״ר־ץ! מאמרו של זבוטינסקי מענין!״

און אַ צווייטער אויף אַ באַס:

„—דבר! דבר! עתון פועלי ארץ״.

ביי אַ גרעסערן מאַגאַזין-פענסטער האָט זיך אַ יונגענקער בייגל־טרעגער געהילט אין זיין אויסגעפּייקטן לאַכמאַן און אויסגעפיפסט אויף אַ דיסקאַנטל דאָס פאַרלעגערטע געבעקס:

—ששה בגרוש, ששה! זעקס בייגל פאַר אַ פּיאַסטער, זעקס!

נחמה האָט פּלוצלינג געהייסן אָפּשטעלן דעם אויטאָ.

—כ'דאַרף געלט—האָט זי אַ זאָג געטון און אַראָפּגעשפּרונגען אויפן נאַסן טראָטואַר.

מיסטער שטימפּלמאַן האָט פאַרשטאַנען...

—אָלרייט, וויפיל דאַרפסטו?

נחמה האָט אים אָנגענומען פאַרן אַרבל און צוגעפירט צום קליינעם בייגלטרעגער:

—קויף ביי אים וויפיל ער האָט...

און צום יינגעלע:

—האָסט אַ טאַטן?

שאָקלט דער קליינער מיטן קאָפּ אויף „יאָ״.

—אַ מאַמע אויך? נו, וויפיל בייגל האָסטו?

—צוויי טיק—האָט דער קליינינקער געענטפערט אויף זיין זינגנדיקן שטייגער.

נחמה האָט אים אַריינגעשטופּט אַ גרויסע, זילבערנע מטבע און צוגענומען דאָס שנורל פייכטע בייגל.

—אַנטלויף אַהיים!—האָט זי אָנגעשריגן און זיך געלאָזט צום אויטאָ. דאָס יינגעלע איז אָבער נאָך לאַנג געשטאַנען און געקוקט ווי די מאַשין שפּריצט אַוועק צוריקוועגס; געקוועטשט דאָס גרויסע זיל־

בערשטיק אין אָנגעשוואָלענעם הענטל און אויף זיינע ליפּן האָט געהאָנגען אַ רעטעניש:

—ווער איז אָט די „צעדרייטע״?— — —

דערפּאַר האָט שוין אָבער נחמה געוווסט: „ס׳וועט דאָס יונגעלע כאָטש פריער אַהיימקומען און דערציילן טאַטע־מאַמע וועגן דער מציאה״. און ס׳האָט זי געוואַרעמט אַ צופרידנקייט.

—גוט אַזוי, האַ?—האָט זי געפרעגט שטימפלמאַנען און אים געגלעט איבערן רוקן—גוט אַזוי, האַ?

— אָף קאָרס!—האָט מיסטער שטימפעלמאַן איינגעשטימט—אָף קאָרס... אוודאי...

און דעם שאָפער האָט ער באַפוילן:

—צו דער אָפּערע! פאָרווערטס!

*

ערשטער אַקט. צווייטער. דריטער.

געזאַנג. וויגנדיקער געזאַנג. אויפברויזנדיקער. הייסער טאַנץ. פלאַמיקער. ציגיינעריי, אָפּנאַרעריי. רויטער מאַנטל. שטאָלצער טאָרעאַדאָר. זיג. טויט.

דער פאָרהאַנג פאַלט.

ס׳פאַרהילכן די לעצטע אַקאָרדן. זיי ווערן צעשוווּמען און מישן זיך אויס מיטן הענט-געקלאַטשעריי. דעם דיריגענטס גרויסער, ווייסער הונט באַווייזט זיך אין עק פון דער באַלויכטענער ראַמפּע, כאַפּט אַ גרויסן געגעץ און גיט אָנצוהערן דעם עולם, אַז—אויס! כאַלאַס!

שיט מען זיך אַרויס פונם גרויסן זאַל און מען אָטעמט אָפּ מיט אַ ביסל פייכטער נאַכט־לופט. אַ פּאָר שפּאַן פונם געביי בינדט מען אויף די צונגען, און יעדער אויף זיין שטייגער, אויף זיין לשון, נעמט לויבן די קונסט און די קינסטלער. מען קוועלט אָן, וואָס סוף-כל-סוף וועט מען זיך פאָרט דערשלאָגן צו אַן „אייגן״ ביסל מוזיק... נאָר די רוסישע, מאַדיאַרישע, דייטשע יידעלעך ציען מיט דער נאָז... אַ מין „נישט דאָס איז עס נאָך״... אַ פּאָר אויערן—ס׳איז אַן איידעלע זאַך...

אויך נחמה גייט צווישן עולם, צופוס. ווען אין די אויערן

קלינגט נאָך דער רויש, גייט עס זיך לייכט און גיך. דערפֿאַר וויל זי אויך נישט רעדן. איז—ליבער זיך איינצוהערן צום אייגענעם ריטם. גייט מיסטער שטימפּעלמאַן נעבן איר און פֿאַרגינט זיך נישט אַרויס־צוכאַפּן מיט אַ וואָרט. נאָר ביים אַריבערגיין פֿון איין גאַס צו דער אַנדערער, ווו מען דאַרף אַריבערשפּרייזן אַ נישקשהדיק טייכל, נעמט ער זי ציטערדיק ביי דער האַנט און רוימט איין:

—דאָ איז אַ קאַלוזשע...

אַרויף אויף דער „הערצלגאַס" וואָס איז נאָך האַלבבאַלויכטן אין דער שפּעטער שעה, דערמאָנט זיך מיסטער שטימפּעלמאַן, אַז דאָ גע־פֿינט זיך אַ וויבערער קאַפֿע און ער לייגט פֿאָר נאָך אַריינצוקוקן אַהין. נחמה זאָגט זיך נישט אָפּ און דערפֿאַר מאַכט שטימפּעלמאַן זי נאָך נייגיריגער:

—מען זאָגט, אַז „שאַראָן" איז אַ פֿיינער לאָקאַל. מיר וועלן זען.

פֿאַרן אַרויפֿגאַנג האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל איבעראַשונג: דאָס־זעלביקע קליינע בחורל, ביי וועלכן ז'האָבן אויפֿדערנאַכט אָפּגעקויפֿט אַלע בייגל, האָט זיך געדרייט פֿאַרן טויער, און דערזעענדיק די אָנ־קומענדיקע, איז ער אַרויס אויפֿן שניידנדיקן אויבערקולכל:

—ששה! ששה בגרוש! זעקס בייגל פֿאַר אַ פּיאַסטער! זעקס!

נחמה האָט אויפֿגעציטערט:

— ער איז ווידער דאָ מיט די בייגל!

מיסטער שטימפּעלמאַן האָט זיך אפילו שוין גענומען צו דער קעשענע, אָבער נחמה האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט:

—מען דאַרף נישט! ניין!

איר האָט אַרומגענומען אַן עקל און אַ כעס. צו עמעצן... דווקא נישט צום שרייענדיקן יינגל—סתּם צו עמעצן! און צו זיך אַליין—אַזאַ אויסגעקרומטער שמייכל: „ווי אַ ברייטהאַרציקע פּריצטע, אַ מאַדאַמעני־צע, האָב איך פֿאַרנאַכט זיך אַוועקגעשטעלט און אויסגעקויפֿט דאָס גאַנצע קרעמל"... זי איז אַרויף אויף די טרעפּ. דאָס יינגל איז אפילו נאָכגעקראָכן, פּיפּסנדיק און שרייענדיק. ס'האָט אָבער גאָרנישט גע־האָלפֿן... האָט ער זיך באַדאַי באַנוגנט מיט אַ בלויזער בווזה:

—איך פּייף אויף...

ז'האָבן עס איינגעהערט, סיי נחמה, סיי מיסטער שטימפּעלמאַן.—

אין קאַפּע שפּילט אַ קאַפּעלע, און איינער שלאָגט מיט גבורה אין דזשאַזבאַנד. פאָרלעך טאַנצן, און פון זיי טראָגט זיך אַ ריח פון שאַרפע פּאַרפומען. עלעקטריק־פלאַם און שוויס פון צעפאַרעטע, גע־זאַלבטע לייבער. אויף געדעקטע טישלעך שוימען ווייַנען און אויפ־שריפטן מיט קדוש לבנה-אותיות, אויף דער הייליקער שפּראַך, זאָגן צו כל־ערליי פאַרגעניגנס פון גן-עדן...

אַ קורצע ווײַלע קוקט נאָך נחמה זשעדנע אויף דער שמחה און דאַן זעצט זי זיך אויף אַן אָנגעוויזענעם אָרט. נעבן איר מיסטער שטימפּעלמאַן. דאַן קומט אַ גוט־סערווירטער נאַכטמאָל און זיסע שפּייז צום פאַרדייען.

—און ווייַן ווו איז? איך וויל שטאַרקן וויין!—קאָמאַנדירט נחמה. איז ווייַן;—קיין ברירה איז נישטאָ.

זי שטויסט אין גלעזל:

—אויף אונזער געזונט, שטימפּעלמאַן!

נאָכן צווייטן און דריטן רוימט זי אים שוין איין אַ סוד:

—זאָג, מיינסטו עס ערנסט? האָסט מיך באמת ליב?

צי פון גליק, צי פון שרעק,—ס׳קלאַפּט שוין ס׳האַרץ ביי שטים־פּעלמאַנען, און ער בעט זיך:

—מיר וועלן גיין אַהיים און רעדן...

—וואָס רעדן? ווער רעדן? אָפּגערעדט!

זי שטויסט שוין ס׳פערטע גלעזל, נחמה. זי קוקט פאַר זיך, אַרום זיך און הינטער זיך. פונקט הינטערן רוקן דערזעט זי אַ וויל־געפאַרבטע דאַמע, נעבן וועלכער ס׳ליגט אַ גרויסער בוקעט בלומען, און ס׳וואַלגערן זיך צוויי מענער קאַפּעלושן. און נחמה דערקענט:

—זעסט, ס׳איז די פּרימאַדאָנע! די פּייערדיקע „קאַרמען“!

אַז די מענער פון די קאַפּעלושן קומען צו און זעצן זיך צו־ריק אַוועק, טיילן זיך איין מיט דער פּרימאַדאָנעס הענט—איינער די לינקע און דער אַנדערער די רעכטע, צום גלעטן—פאַרציט די פּרימאַדאָנע די ברייט-געשמינקטע ברעמען און אָטעמט טיף אָפּ:

—סלאַוואַ טיעביע, גאָספּאָדי! די וואָך וועל איך שוין רוען. אַך! ווי שווער און נודנע ס׳איז צו זינגען „נאַ איוורייטיע!“

נחמה האָט עס איינגעהערט און איבערגעחזרט:

—סלאַוואַ טיעביע גאָספאָדי! „טאָלקאָ ניע נאַ איווריטיע”...

נאָר ס'איז שווערלעך געווען צו דערקענען, אויב ס'איז אין חוזק אָדער ערנסט געזאָגט געוואָרן.

און דער דזאַדז קלאַפּט; מ'גרילצט אויף פייפערס, און די משונהדיקע געקוויטשערייען פון אויפגעריסענע העלזער הילכן נאָך איבער. די בויגנס שפּרינגען איבער די סטרונעס, און די פּאָרלעך וויגן זיך אַלץ געדיכטער און נענטער, צום טאַקט פון די שלאָגנדיקע הערצלעך...

נחמהס אויגן גלאַנצן, און די פינגער אירע גליטשן זיך איבער איר געפּודרירטן האַלז.

—שטימפּעלמאַן, קאָנסט טאַנצען?

—נאָ. כ'האָב קיינמאָל נישט „עקזערסייסט” אין טאַנצן. און דו דאַרלינג?

—האָראַ! האָראַ! בּרייט, צעכליגעט, צעכראַסטעט, אַז די זוילן זאָלן צעשפּרינגען ווערן! אָך, ווי איך האָב ערשט נישט לאַנג גע-טאַנצט... האָראַ! שאַ! און ווען איז עס געווען?... שאַ... ווען איז עס געווען... ווען?

ז'האָט זיך נישט געקאָנט דערמאַנען. אָבער אין מוח האָט זיך איר שוין דער „ווען” געבאָמבלט דעם גאַנצן אַהיימוועג. און אין צי-מער ביי דעם אויפגעדרייטן גלי-לאָמפּ, דעם צעמישטן קאָפּ אונטער-געשפּאַרט מיט אַ האַנט, האָט זי זיך אַלץ נישט געקאָנט דערמאַנען דעם „ווען”. האָט זי געפּרוווט, סתם, פון זיך צו שיילן די הויט; געפּרוווט אָפּקראַצן אַן אָנוואַקס אויפן שטערן און זיך דערשלאָגן צום געדעכעניש:

—„ווען”?

דערפאַר האָט דער קעגניבער זיצנדיקער מיסטער שטימפּעלמאַן יאָ געוווסט אַן ענטפער. אויף זיינע ליפּן האָט דאָס וואָרט געהאָנגען. אפילו אויף די גרויסע פאַרהויכטע גלעזער פון די מדינת-הים־דיקע שפּאַקולן. און אפשר האָבן אים טאַקע די גרויסע ברילן דערמאַנט אָן זיין מאַנסביילישקייט, צוגעגעבן כח און אָנגעטריבן, ער זאָל וואַגן:

—כאָמע, הלמאי זאָלסטו דיר ברעכן דעם מח?—מיט סטאַניסלאַ-ווער היימישקייט רעדט ער שוין—הלמאי דיר דאָס אַלץ? לאָמיר אָפּ־

שמועסן און ביידע וועלן מיר וויסן „ווען"... אָט זענען מיר שוין אַ וואָכן זיבן, אַכֿט צוזאַמען. אָט...

ער נעמט איר ציפּן דעם זוימען, נאָר מאַנסביל בלייבט מאַנסביל און דבֿרט ווייטער:

— איך האָב דיך האָלד. ווער מיין ווייב און איך וועל דיך גליקלעך מאַכֿן. כֿ'וויל דיך צירן אין טיולן און אין זיידנס... אין גאָלד און אין דימענטן. כֿ'וועל דיך נעמען אין דער גרויסער וועלט, אין דער שיינער, רייכֿער אַמעריקע. אָוואַ! איז עס אַ מדינה דעם קאָלומבוסעס! מיר וועלן נאָך רייכֿער ווערן... מאַכֿן אַ סך „קעש" און דאַן... יעס, דאַן וועלן מיר צוריקקומען אַהער אין „פּאַלעסטיין"... דאַווייל...

און צופּנדיק איר זוים, לאָזט ער זיך גלעטן איבער זיין פעטן שטערן און איז גרייט הערן אַ תּשובֿה.

— אָבער... קאָנסטו מיך דען? און אַז איך וועל זאָגן „יאָ"?

— אַז דו וועסט זאָגן... דאַרלינג! דאַרלינג!

— אָבער...

איר תּשובֿה ברענגט מיט זיך אַ ביסל פּולווער...

— איך האָב דאָך ערגעץ אַוועקגעוואָרפן אַן אייזערנעם, געזונטן בחור.. אַ גזלן! איך האָב ערגעץ צוריקגעלאָזט אַ מאָדנעם פאַסטוך... און... גאָט! ווי מיינע הענט זענען אויסגעאיידלט געוואָרן אין די פּאָר וואָכן! ווי זיי זענען ווייך געוואָרן, יאָ, יאָ!

האָבן אירע רייד געווירקט אויפן רייכֿן אָנבעטער, ווי אַ קאַלטער בלאָז אויף אַן אָנגעגליטער קויל. האָט ער זיך געדרייט אויפן בענקל, געזוכֿט אַ ווינקל און אַזוי לעקעשעוואַטע אויסגעזען, אַז ר'האָט ממש געקאָנט צו זיך אַ רחמנות דערוועקן. — —

און די נאַכֿט איז באַלד צו ענדע געווען. דער לאַמטערן אינדרויסן, האָט הולטוואַטע אַריינגעשיינט, זיך געבלייכֿט און אַרום איז געווען ענלעך צו אַ משטיינסגעזאָגטער אָפּגעפּאָרנקייט... הו-האַ. הו-האַ.. האַ־ע... ס'האָט אַזש גענומען שמעקן מיט גענעץ.

ערשט ווען ס'האָט געהאַלטן קרוב צו טאָג, האָט זיך נחמה צוגעשאַרט צו מיסטער שטימפּעלמאַנען, וואָס האָט דערווייל געכֿאַפּט

אַן אומבאַקוועמען דרימל און זיך געהוידעט, ווי אין אַנגסטן. זי האָט אים לייכט צעשאָקלט:

— זאָג, ווילסט איך זאָל זיין דיין ווייב?

נאָר אַ בעליק פון אַ געביי איז אַראָפּ אויף זיין גרויסן קאָפּ:

— דאַרלינג! מיין טייערע! איך שיט דיך אָפּ פון קאָפּ ביז פיס!...

ר׳האָט זיך שיר אויסגעלאָזט פאַר זיסקייט... נחמה האָט אים געגעבן איר האַנט און ער האָט זי גענאָגט מיט זיינע פעטע ליפּן:

— דאַרלינג, איך קעבל באַלד אַהיים אַ מזל טוב! מיין טייערע כלה!

— — — — — — — — — — —

אַך גאָט! ס׳זענען די גליקלעכסטע טעג אין מיסטער שטינקפּגל-מאַנס לעבן, אַ גאַנצע מגילה מיט צעבראָכענע אותיות האָט ער אַוועק-געשיקט צו זיין טייערסטער מוטער קיין ניו־יאָרק.

אַך, גאָט! אויף זיין אַלט-סינגלמעניש אַלט-בחורישן האַרץ איז אים מחיה נפשותדיק. אָט דאָס האָט ער דאָך געוואָלט! דרייט ער זיך אַרום איבער זיין צימער און רעכנט איבער, מיט וויפל כוח און מזומן ר׳האָט דאָס איינגעהאַנדלט:

— „מילא. צוויי חדשים צייט און עטלעכע הונדערט דאָלער! נאַרישקייטן!” און ער שפּאַצירט אָפּ-און-אויף, נעמט אַ שמעקעדיקן ציגאַר אין מויל און פּלאַנט:

— וועל איך שטעלן אַ חופּה, זי לאָזן אויף א פּאָר וואָכן דאָ און דאַן איר שיקן די נויטיקע פּאַפּירן און..

דרייט ער זיך אַראָפּ און אַרויף און צעבייזערט זיך פּלוצלינג:

— „וואָס? וואָס רעד איך? זי דאָ לאָזן?!”

און ס׳ווערט ביי אים געבוירן אַ פרישער פּלאַן: „שטעלן אַחופּה, זי מיטנעמען אין פּאַריז און דאָרט לאָזן... און פון דאָרט... יאָ! יאָ!”...

אַך, גאָט! ווי אים ווערט גוט און ווייל אויפן געמיט. און ס׳וואָלט זיך וועלן, אַז נחמה זאָל שוין זיין צוריק, כדי פאַר איר פונאַנדערצוויקלען די אַלע פּלענער און אַראָפּלייגענען פון איר פּנים די צופרידנקייט. \

דרייט ער זיך אַהין און צוריק און פאַרלירט פון רגע צו רגע די געדולד. שוין דריי שעה זינט זי איז אַוועק: „אַ ווייטן קרובֿ", האָט זי געזאָגט, דאַרף זי זען... קלינגט ער אָן צום פּאָרטיער. פרעגט אויף דער „גבֿרת" און שפּרינגט פון הויט אַרויס. און פאַר גרויס אומגעדולדיקייט פאַלט אים איין: זיך מטריח-צו-זיין אין גאַס און איר אַקעגן גיין, און אַז זי וועט אָנקומען, אַ פאַרסאַפּעטע, זי נעמען פאַרן אָרעם, אַריינפירן צום גרעסטן גאָלד-און-בריליאַנטן-הענדלער, וואָס די אַלטע יפו פאַרמאָגט, אים ווייזן איר הענטל און און זאָגן אַזוי: „לוק היר, מיסטער, אָדון! קוקט. אָט דאָס הענטעלע האָט געאַקערט, געזייעט, ערד געהויבט און איצט—ציר אויס די פינ-גערלעך מיטן שענסטן בריליאַנט, איינגעפאַסט אין לויטערסטן, ריינסטן גאָלד!" דערביי מאָלט ער זיך אויס, וויאַזוי ער וועט נאָך פאַר אַלע אין די אויגן, אויסקושן יעדעס פינגערל. און אַז דער גאָלד-און-בריליאַנטן-סוחר וועט זיך האָבן אָפּגעפּאַרטיקט דערמיט, וועט ער צופירן זיינע אויגן צו נחמהס ברוסט און זאָגן אַזוי: „לוק היר! קוק, אָדון! אָט אונטער דער בלוזקע פויקט דאָס שענסטע האַרץ פון בעסטן יידישן מיידל! נעם, הער זיך צו, לייג גוט צו דאָס אויער און, פאַרשטיי, וואָס פאַר אַ צירונג-שטיקל ס'דאַרף אָנגעהאָנגען ווערן אויף דעם הערצל. דאָס שענסטע, איידלסטע שטיקל, וואָס איז פאַראַן! לוק היר! אָט אַזוי פאַלט אים איין, מיסטער שטימפּעלמאַן, און ס'געפעלט אים אַליין מאַכן... און ערגעץ ביים ווייטן קרובֿ... — — —

*

אויף אַ שטיין-באַנק, ביים ברעג פון ים, האָט נחמה זיך אַוועק-געזעצט נעבן אַן אַלטן אָפּגעקומענעם פריינט. זי האָט געקוקט אויף זיין פּנים, וואָס איז ענלעך צו אַן איינגעבאַלזאַמירטער מומיע, געציילט די קוים-מערקבאַרע קנייטשן אויף זיין שטערן, געגלייכט דעם צעלעכערטן קאַפּעליוש, וואָס אויף זיין קאָפּ, און באַרעכנט די חדשים און יאָרן, וואָס זיי ביידע איז זיך נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען. נאָר איר אַלטער פריינט האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן אָן חשבון, ווייל אים קומט אויס, אַז אָדער אַ גאַנץ לעבן איז שוין אַוועק, צייט דעמאָלט, אָדער זיי האָבן זיך גאָר כּלל נישט צעשיידט...

— דו געדענקסט, צבי, ווי מיר האָבן אַמאָל, ביינאַכט, אַ ווייַנ־גאָרטן באַגנבעט... געדענקסט? איך בין נאָך דאַן אַ נייע געווען אין לאַנד. אָט, וווּ דעמאָלט זענען ווייַנגערטנער געווען, זענען הויכע מויערן אויסגעבויט. גרויסע מויערן... ווי די שטאָט איז אויסגעוואַקסן!

נאָר צבי מיט דעם לעכערדיקן קאַפּעליוש קאָן זיך דאָס אַלץ נישט דערמאָנען און קוועטשט מיט די פּלייצעס:

— עפּעס שווערלעך צו טראָגן דאָס אַלץ אין מיין זכרון...

— און איך, צבי, לייען גראָד אַלץ, ווי פון אַן אויפגעמישטן בוך... בלאַט נאָך בלאַט...

און דער ים, זיי צופוסנס, ווערט רגזהדיק און אַ הימל הענגט זיך אויס איבער זייערע קעפּ, ווי צו באַשירמען מיט זיין פיינ־סטערקייט. צבי טוליעט, אונטער זיין פּאַכווע, אַ פאַרפּעצטן ספר און איז צופרידן, וואָס ס'וועט זיין וועמען צו שענקען אַ פּאָר שעה...

— וואָסזשע טוסטו פאַרט, צבי?

וואָסזשע זאָל ער איר זאָגן!

— אַמאָל געפינט זיך אַ טאָג אַרבעט אין שטאָט און אַמאָל כאַפּט מען זיך אַרויס ערגעץ... אין פּתח תקוה אָדער אין אַן אַנדערן שכנישן אָרט...

אַ צוויי צענדליק יאָר געפינט ער זיך שוין אין לאַנד, אָט דער צבי חיות, און ווייטער פון יפו און אירע נאָנטע ערטער האָט ער זיך נאָך נישט אַרויסגעוואַגט...

— און וואָסזשע וועט זיין, צבי?

— בע—בע...

באָמקעט ער, צבי, און שאָקלט מיט זיין מומיע-גאָמבע.

...און אַן איינזאַמער גאַסנמעסטער גנבעט זיך צו די זאַמדן אַדורך און שענקט אפילו קיין בליק נישט; אַ פאַרליבט פּאָרל שוועבט פאַרביי, רעדנדיק פון קומענדיקע, דושנע זומער-אָוונטן, און אַ גראַממאָ־פאָן פון אַ דערבייאיקער פוסטער. טוריסטן-אכסניה כאַרטשעט אַ סקאַר־באָוון סאָלדאַטן-מאַרש.

— אפשר ווילסטו אַ שטיקל דאַרע סוכאַרקע, נחמה? — — —

...און קייענדיק באַדויערט ער, צבי, וואָס ער שלאָפט איינער אַליין אין אַן ענגן קעלערל אויף אַ ווייטער גאַס...

— כ׳האָב נאָר איין בעטל... אַ גוט בעטל, אַ שפּאָגל־נײַס... מאַנטלען האָב איך דווקא אַ סך, וואָלט איך געהאַט מיט וואָס אײַנ־צודעקן. וואָלסט נישט באַדאַרפט זוכן אַ נאַכטלעגער, נחמה... ביכער זענען פאַראַן ביי מיר זייער אַ סך און אַ גאַנצע קאָלעקציע פון שטיינדעלעך און אַנדערע אַנטיקן...

און נאָכמער באַדויערט ער, וואָס ער האָט ערשט היינט אַליין פאַר זיך פאַרלאָטעט זיינע פיינע, ווינער, שוואַרצע הויזן...

— אַ שאָד! געדענקסט, נחמה, מיינע שוואַרצע ווינער הויזן? דאָס נײַנצנטע יאָר ביי מיר—כ׳האָט זיי אַמאָל אָפּגעקויפט ביי אַ טרעדלער—און ערשט היינט האָב איך אויף זיי נייע קניען אַרויפגע־זעצט. ווען איך וואָלט דיך געוועזן פריער באַגעגנט... אָווא!

— צבי...

אַז ער גריזשעט דאַרע סוכאַרעס, כראָמקעט מיט זיינע פאַר־געלטע אויסגעקרומטע ציינער, טוליעט דאָס ספרל אונטערן אָרעם, קאָן ער דען זען, אַז אויף נחמהס האַנט באַמבלט זיך אַ זילבערנער טאַש און אירע פיס זענען באַשיכטע מיט לאַקירענע לאַטשלעך?!

— צבי...

— האַ? נעם... נעם אַ סוכאַרקע... איך טרוקן זיי אַליין... אפשר ביסטו הונגעריק? איך האָב אַ פּאָר פּיאַסטער, וועלן מיר גיין טרונקען טיי...

— צבי...

— האַ?

אירע באַקן זענען נאַס געוואָרן. ז׳האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און שטאָט דעם—אַרויסגעפּאָרן:

— איך וועל דיר קויפן אַ נייעם קאַפּעליוש, דיינער איז אַ לע־כערדיקער...

...אַ צווייט פאַרביישפּרייזנדיק פּאָרל האָט איבערגעלאָזן אַ צו־געדושעטן געלעכטער... צבי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט:

— יאָ! איך געדענק דיך שוין. פלעגסט מיר וואַשן, עקסטרענע, לייבלעך. יאָ... יאָ... פאַר צבין, פלעגסטו זאָגן, וואַש איך, עקסטרע־נע, טאַקע... ווילסט אַ סוכאַרקע? כ׳האָב אַ סך. אַ פולן בייטל אין דער היים...

אַ רעגן האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן טריפן...

*

אין דעמזעלבן אויפדערנאַכט האָט נחמה זיך געוויקלט אין דער שווערער דעק און זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען. אַ דראַש איז איר איבערן לייב אַדורך און קאַלטע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געזעצט אויפן שטערן. אין מויל האָבן איר די ציין געקלונגען, געשלאָגן איינער אָן אַנדערן. האָט זי זיך שטאַרקער געוויקלט אין דער דעק, אַרויפגעלייגט מאַנטלען און קליידער פון אויבן, אָבער דער פראָסט איז שוין נישט אַרויס פון אירע ביינער. נאָר אינמיטן דער נאַכט איז איר גאָר שטאַרק הייס געוואָרן, און די היץ האָט איר אַזש פאַרשפּאַרט ביזן האַלז, דער קאָפּ איז איר געוואָרן שווער, ווי מיט אַ משא באַלאָדן, און די אויגן זענען איבערגעגאַנגען, ווי ס׳וואָלט זיך אין זיי געררויכערט...

ווייט נאָך האַלבער נאַכט האָט זי געקלונגען, מיט גליענדיקע פינגער געקוועטשט אין קנאָפּ פון גלעקל:

— לעשט! ס׳ברענט! גיט מיר וואַסער! ס׳שטיקט!

מיט אויפגעריסענע, רויטע אויגן האָט זיך דאַן מיסטער שטימפּעלמאַן פאַרקליבן אין איר צימער און מיט די לויזע פּאַנטאָפל צוגעשאַרט צו איר בעט. ווי אַ צעשראָקענער פיש, האָט ער באַוויגן מיט די ליפּן, און פון צעטומלטקייט פאַרגעסן צו פאַרקנעפּלען דעם נאַכטכאַלאַט, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ שמאַלציקער בויך מיט אַ האָר־וואַלד...

— כאָמע, וואָס איז דיר?

— ס׳ברענט! גיט וואַסער!...

— כ׳האָב געשיקט נאָכן דאָקטאָר, כאָמע... באַרויק זיך, דאַרלינג...

— ס׳גליט! ס׳ברענט די הויט! ס׳לייב און לעבן, וואַסער...

VIII

אין יוסיפיה ציילט מען די וואָכן און די טעג. מ'וויל צום „מלקוש" שוין דערציען און אַן עק האָט עס גענומען! זענען [illegible] גענוג די פינגער פון ביידע הענט. די וואָכן אויסצורעכענען ביז אַהין: צען וואָכן נאָך ביז פסח.

און אַז דאָס לאַנגע שווייגעניש ווערט דערווייל שווער און ס'רעדן אויך גמאס—האָט יוסיפיה דאָך אַן אויסגעפּרוווט מיטל: „הורה"... טאַנצט מען פאַר די ווארעמעסן, טאַנצט מען אין די אָוונטן און ס'טאַנצן מיט די ברעטערנע ווענטלעך. און די קעפּ זענען צעשויבערטע און די העמדער צעכראַסטעט און די פיס... „ווייטער! ווייטער! פיס מעגן אָנגעשוואָלן ווערן, פיס מעגן בלוטיקן! דען וואָסזשע הייסט: עד להשתגע — ביז סאַמע אמתן שגעון! ביז סאַמע אמתן שגעון?!" אַז אַזוינע נאָר זענען זיי, די יוסיפיהער לייט. „דען וואָסזשע דאַרף מען דאגהנען און טאַפּן יעדעס ווערמדיקע גלידעלע, יעדעס דאַרעביינדעלע, אַז ס'איז פאַראַן אַ שטיק פלייש, וואָס הייסט דאָס שלאָגנדיקע הערצעלע און ס'איז פאַראַן אַזוינס, וואָס רופט זיך: „אומרו" — און — ווייסט אַ שד וויאַזוי נאָך!—און טרייבט דיך פון איין ווינקל ביזן אַנדערן?—איז אויסגעטון פון בלוט און פלייש..." — היילט מען זיך אָט-אַזוי אין יוסיפיה.

נאָר צוויי קוקן אויף זיך גאַנצע טעג: צמח און מאירל. זיי ביידע ווייסן, אַז „ס'איז שוין גאָרנישט כדאי"... אַז — אָט די טעג וועלן סייווי אַוועק און דאַן וועט זון אויך זיין, און הייס וועט זיין און ס'וועט ברענען, און טריפן וועט דער שווייס פון אויפגעפּאַרעטן גוף, אָבער...

— אַ מענטש מוז זיך דאָך פּאָרט אַהינטון, צמח? אַ מענטש,

וואָס האָט זודנדיק בלוט אין די אָדערן, וואָס האָט יאָגנדיקן מאַרך אין די ביינער, וואָס... אַ מענטש מוז זיך פאָרט!... האַ צמח! — אָט־אַזוי רופט זיך מאירל אַמאָל אָפּ.

און צמח קוקט אַלץ פאַר זיך, ווי ס׳וואָלט אין לופטן אַ טאָוול העגנגען, אַן אומגעזעענער פאַר אַ פּאָר פרעמדע אויגן, און ווי ער וואָלט זוכן אַ פאַרווישטע תשובה:

— יאָ, יאָ, מאירל, אַ מענטש מוז זיך אַמאָל אַהינטון...

דער אומגעזעענער טאָוול ווערט אָבער פאַרשוווּנדן, און צמח האַקט איבער... — — — —

— אפשר וואָלסטו, צמח, צו אַלדי גוטע יאָר, אַמאָל אַרויסגעשלעפּט דיין דודע און אויף איר אַ בלאָז געטון, אַז אַלע שדים און רוחות זאָלן זיך איינזאַמלען, אַז אַלע ווינטן זאָלן אָניאָגן מיט אַ ביי גן געוויטער און פאַרטראָגן העט־העט!! האַ?

— ... הם...

— צמח, דו ווילסט נישט ענטפערן? דו ווילסט נישט? איז אפשר וואָלטן מיר גאָר צמח, די קופּע־היי אונטערגעצונדן און זיך פאַרען ביים פלאַם?

און אַז צמח זעט נישט מער דעם „טאָוול”, און זיינע ליפּן בלייבן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, כאַפּט אים מאירל אַרום מיט זיינע צוואַנגען, טרייסלט אים, ווי אַ צווייג מען טרייסלט, און פאַלט אים לסוף אויפן האַלז:

— צמח, מ׳האָט אַן אָדלער די פליגלען אונטערגעשאָסן... צמח!

— הי־הי, מאירל, און אַ שעפּסל האָט מען גיפּט אַריינגעטריפּט...

איז זעלטן אַמאָל אַ שעה, ווען אַ דריטער איז זיך מצטרף צו די ביידע; אי־דאָס, חוץ פישל דעם גיטאַרשטשיק און נחמוני הייקערל, וואָס זענען נאָך אָם נאָענטסטן צו זיי, שוין קיינער נישט. קיינער. סטרעפּט נאָר, אַז ווען ס׳נעמט זיי ביידן, צמחן און מאירלען, פּיקן אַ מרה שחורה, לאָזט מען זיך אַרויס אַהין, וווּ ס׳שוואַרצן זיך די בערג, אַהין פון וואַנען ס׳הערט זיך נישט־אַמאָל דאָס געבילערײ פון „זאַבדאַל”, וואָס לויפט נאָך אויף הינטערפּיסלעך. און דאָרט וואָס עס טוט זיך אָפּ, צווישן יענע בערג, דאָס בלייבט אַן אייביקער סוד...
אָבער אַז זיי קומען צוריק, אַ ביסל אויסגעלייטערטע, זעצן זיי זיך

אויף אַ רגע צווישן אַלע און זינדיקן נאָר מיט אַ זמרל. און ס׳טרעפט... נאָר דער עיקר:

— צמח, מיינע קני זאָגן זיך אונטער...

— ....

— דו ווייסט, די אָרעמס מיינע, פיל איך, זענען וועקסערנע... הערסט? איז געמאָלט דאָס? הערסט, צמח, דער זומער וועט טאַקע באַלד קומען, דו וועסט אַרויס מיט אַ טשערעדע שאָף און איך — וואָס? דו וועסט ווידער ליגן, ווי דיין שטייגער איז, און — איך? וואָסזשע זאָל איך?

— ....

— צמח, דו ביסט גליקלעכער פון מיר...

נאָר וואָסזשע זאָל אים צמח ענטפערן, ווען טיף ביי זיך אין האַרץ האָט ער עפּעס אַנדערש דערפילט?.. ביי אים אין מוח קלערט זיך וועגן עפּעס אַנדערש, גאָר עפּעס אַנדערש... און נישט דער זומער, וואָס וועט קומען, פרייט אים, און נישט די אייגענע שעפּסן־מלוכה וואַרעמט אים, און נישט די ווינטיקע טעג — טרייבן אויף אים מרה שחורה... הם: „אַלץ קאָן זיין אַזוי ווי ס׳איז און אַלץ קאָן זיין אַזוי שיין ווי ס׳איז, ווען ס׳איז אַזוי!.. און אַלץ קאָן זיין מיאוס און מיאוסער נאָך, ווען ס׳דאַרף אַזוי צו זיין...” אָדער: „צי קאָן מען אָפּטרעטן אויף אַ האָר פון דעם? צי קאָן מען דען אויף אַ רגע פאַרגעסן?” און: „אַ מענטש דאַצו, האָט דאָך גלוסטונגען... אַ מענטש דאַצו, האָט דאָך אויגן און אַ מענטש האָט אַ קול אַרויסצוזינגען מיט איינמאָל דעם שענסטן ניגון און זיך אויסליידיקן” דערפאַר: „צו וואָס־זשע פאַמעלעך, צו וואָסזשע גלאַט ציען, אויסטרייבערן אַן אָדערל נאָך אַן אָדער, אויסטרייבערן, ביז ס׳בלייבט גולם, אַ פליישיקער בינטל גולם..?” נאָר פשוט: „ס׳וועט זיך שוין אַזוי ציען, מאָרגן און איבערמאָרגן און אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ביז די לאָקן וועלן במילא אויסקריכן, ביז די ביינער וועלן קוואַר ווערן, ביז....”

— זאָג, מאירל, זאָג דעם אמת, האָסט ליב נחמהן? וואָלסט זי וועלן זען?—אַ פּאָר אויגן, ווי פון אַ רויבטיר, גלאַנצן אויף:

— און דו, צמח האָסט זי ליב געהאַט?

— און געזינדיקט האָב איך, מאירל, מיט אַן אַנדערער... אַן

אַנדערער... און איך זע זי נאָך יעדן טאָג... זי, מיט דער, וואָס כ׳האָב זיך פאַרגעסן... זי דערמאָנט מיך אָן אַלטע צייטן, וואָס זענען ערגעץ אויף יענער זייט ים צו קבורה געבראַכט געוואָרן... זי, מיט וועלכער כ׳האָט גע...זיג...דיקט, האָט עפּעס אָנגעצונדן, מאירל... — זי, די אַנדערע, נישט — נחמה!

—און נחמה, ברודער צמח, יאָ נחמה, האָט מיך הינקענדיק געמאַכט... האָט מיר די ריפּן אונטערגעשלאָגן...

מען שווייגט. קעפּ הענגען אַראָפּ. און פּלוצלונג:

— פאַרוואָסזשע, ברודער צמח, זאָל איך זיך דווקא לאָזן? פאַרוואָסזשע זאָל איך נאָך זיצן? פאַרוואָסזשע זאָל מאירל גזלן זיך אַליין אויסשטרעקן?.. עך! דאָס שענסטע פערד וועל איך נעמען, דעם שטאַרקסטן אָגער וועל איך אָנזאָטלען און ס׳לעצטע מאָל וועל איך אַרויסרייטן. אָבער, ווייסטו, ווי אַזוי איך וועל? ווי אַ ווינט וועל איך אַריין אין יענע מקומות, ווי אַ ווינט! — עך! ציטערן וועל איך זיי מאַכן! און אויף דעם גנב׳ס שלייפן וועל איך מיין שווערע פויסט אַראָפּלאָזן: „נאַ דיר! ווייס, וויסטער רוח, וואָס דאָס הייסט אַ ביימל אין אַ פרעמדן וויינגאָרטן אויסצוברעכן!״ אָט אַזוי וועל איך, ברודער צמח... יאָ, מיין נישט, אַז דו ביסט פּאַרטיק! און יענע, זי— נחמהן — יענע וועל איך אָננעמען פאַרן האַלז, איך וועל איר דעם קאָפּ אויפהויבן און זי פרעגן: „האַ? האַ? האַ? מאירל גזלן מיינסטו איז געקראַכן? האַ? דו געדענקסט דאָך, מאירל האָט געזאָגט, אַז ער קאָן דערשטיקן — קום, טאָ קום!״ — דו לאַכסט? אָט, אַזוי דאָס, ברודער צמח... דו לאַכסט? אָהאָ! איך האָב זיך נאָך נישט אויסגעשטרעקט.

...אַזאַ מין בלאַסער געלעכטער אויף דינע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזויגן — זיי אַליין — זייער אייגענעם, לעצטן טראָפּן בלוט, דורכט. נאָר זיי פרעגן די דינע ליפּן:

— און דאַן? דאַן וועט דיך עפּעס אַ געוואָרגנ׳ס, עפּעס אַ בלאָעס טרייבן, אָדער, — ווי אַ שאָטן וועט עס דיר נאָכגיין, דאָס דערוואָרגענע, און פון דיר חוזקן... ווי אַ שאָטן... אָדער ווי אַ רוח מיט אַ שוואַרצן, לאַנגן עק..

—איך וועל פאָכען מיט ייבדע הענט. כ׳וועל פאָכען אויף לינקס און אויף רעכטס! כ׳וועל טרעטן מיט די פיס, כ׳וועל ברומען. כ׳וועל

בייסן, ווי אַ משוגענער הונט. כ'וועל שטיקער רייסן... ווי אַ דילער... אַזוי וועל איך...

— און דאַן, מאירל?

— דאַן... דאַן וועל איך אַלץ נאָך בייסן!.. נאָר בייסן... נאָר. אוי, אוי, אוי, איך וועל צעמאָלן! אוי, אוי, אוי... — —

...פאַרוואָסזשע פאַלן הענט פּאָרט אָפּהענטיק אַראָפּ?.. — —

*

האָט מען אין הויף אָנגעהויבן ביסלעכווייז דערקענען, אַז מאירל גרייט זיך צו עפּעס, נאָר צו וואָס, אַ שטייגער, און אויף קלאָר, האָט קיינער נישט געוווּסט. אפילו די ווייניקע פון דער חברה, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער גזלן איז שוין אַן „אָפּגעפּאָרענער שמשון", אַז זיינע לאַנגע „סגולה־לאָקן" זענען שוין אָפּגעשוירן, און „דלילה" לאַכט ערגעץ פון אים אין די פויסטן, דערמאָנענדיק באַרי־מעריש אירע מעשים — האָבן אויך נישט געוואַגט נאָענטער צוצוטרעטן און מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס. בלויז מיט אַ חוזקל האָבן זיי זיך באַנוגענט, אָדער מיט אָנצוהערענישן פון דערווייטנס. וואָרום: „ער קאָן נאָך בלינדערהייט אָנכאַפּן די זיילן און די מויערן איבער־קערן". אַ קשיא אויף אַ גזלן. און דער גזלן?—ע. ווען זיי אַלע, דאָ אַרום אים וואָלטן וויסן, וואָס פאַר אַ מין המצאה ס'איז ביי אים נולד געוואָרן אין דער לעצטער נאַכט?.. מאירל פאַרשטייט שוין אָבער, אַז האַלטן דאַרף מען עס צוגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער! ער ווייסט שוין, אַז איידער ס'קינד ווערט נאָך געבוירן, דאַרף מען נישט גרייטן די וויקלשנורן...

גייט ער זיך טאָג איין, טאָג אויס, סיי ביים אויפשטיין, סיי ביים לייגן, צו דער שטאַל און רייבט זיך די הענט... און אויפשטיי־ענדיק און לייגנדיק גייט ער צו צום צוגעשפּאַרטן צריפל, ווו ס'זענען איינגעגראָבן „יענע כלים" און קוקט אַריין דורכן שפּעלטעלע... — ע, ווען זיי וואָלטן וויסן, וואָס ער קוקט דאָס אַריין!.. ר'איז אָבער שוין אַן אָפּגעבריטער און ווייסט, אַז קודם דאַרף מען איינבייסן די ציי־נער אין די ליפּן; אַז קודם דאַרף מען אָננעמען אַ מויל מיט שוויי־געניש... דען ווערושע זאָל אים זיין באַגלייבט און ווען זאָל ער

אָנפּאַרטרויען? „אַליין, אַליין מאירל, אַליין, אין זיך, דאַרפסטו אַריינ־רעדן און זאָלסטו אפילו צעשפּרינגען ווערן״!.. און טאַקע דערפאַר האָט ער אפילו אָפּגעעקט מיט צמחן; אויפגעהערט אַריינקומען, שוין איינמאָל און טאָג אויך, און זיצן אין יענעמס מחיצה.

ס׳טרעפט דאָך אָבער יאָ, אַז ער דרייט זיך, מאירל, ניין-און־ניינציק מאָל אַרום דעם אָפּגעזונדערטן געצעלט און ס׳שלעפּט אים, ווי מיט אייזערנע קייטן, צום אַראָפּגעלאָזטן צודעק, ס׳ציט ווי אַ מאַגנעט, אַז עס בריען אים אַזש די פּיאַטעס, אָבער... „קיינער נישט! קיינער, מאירל! אפילו נישט דער לאַנגער פּאַסטוך מיטן פּימפּסענעם פייפערל! קיינער נישט״! דרייט ער זיך ניין־און-ניינציק מאָל אַרום און טראָגט זיך, לסוף, אָפּ, צוריק אין אייגענער בודע אַריין. מ׳האָט אים דאָך אַן עקסטרע מקום-מנוחה אָפּגעטיילט, אַ קעמערל ביים גרויסן שייער. און אָט, אין דעמדאָזיקן אייגענעם ווינקל, קאָן ער זיך וואַרפן אויף אַלע זייטן, קאָן פון זיך שיילן די הויט, ס׳זאָל קיין פויגל נישט וויסן... און אין דעם אייגענעם, אָפּגעטיילטן קעמערל קאָן צייטיקן אַן איינפאַל; ס׳קאָן זיך צעזשאַרען אין אַ גרויס פייער דער פונק, וואָס טליעט אין אַ טיפן באַהעלטעניש... אַלץ קאָן מען, ווען קיינער רייצט נישט אויף מיט אַן אומגעלומפּערטן שנאָרך, אינמיטן נאַכט, אָדער מעסט נישט אָפּ, מיט לאַכערדיקע אויגעלעך, פון אונטער דער דעק אַפּער... אַלץ קאָן מען... און דערצו מאַכט זיך דאָך, אַז ס׳פּאַקט אַמאָל אַ בענקעניש און מ׳דאַרף שלאָגן קאָפּ אין וואַנט. און אַמאָל נעמט נאָך אַ שטאַרקערע אַרום, און ס׳ווילט זיך גאָר וויינען, ווי אַ פּאַרלאָזן, קליין ייִנגל... וויינען אויף אַ קול, נאָר קיינער זאָל נישט הערן, און זען, ווי פון די גזלנישע אויגן שלענגלען זיך שנו־רעלעך געזאַלצן-וואַסער... „עך. אַליין, מאירל! אַליין!...״

..און טעג פליען אַזוי אַדורך...

— — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז איינמאָל ווייט נאָך האַלבער נאַכט. פינסטערניש. רו. ס׳דרימלען די ביידלעך און ס׳דרימלען אפילו די הינט, איינגעקאָר־טשעטע אין דרייען, מיט דורכגעווייקטע קודלעס. ס׳דרימלט דער פאַרויכערטער, בלעכענער לאַמטערן אויפן סטלאָב און ס׳דרימלט אויך

דער נאַכט-שומר, מיטן שטעקן אין האַנט, אונטערן אַרויסגערוקטן דעכל פון שייער.

רו און פינסטערניש. נאָר פון ווינקל, ערגעץ ביי דער אָגער-שטאַל האָט זיך געלאָזט הערן אַ לייכטער גערודער. עמעצער האָט זיך אַ פּירגעשלייכט פון הינטער דער הינטערשטער וואַנט, אויסגע־לייגט אַ דיקן שאָטן פאַרן צוגעריגלטן טירל און אַ ווייל געבליבן קלערן.

אַ פּאָר דאַרע שטיוול, פאַרזונקען אין דער בלאָטע. אין אַ רגע אַרום האבן די שטיוול ווידער אָנגעהויבן קנעטן, טרעטן: צמיאַך, ציאַך, צמיאַך, ציאַך...

צוויי צווייגן האָבן זיך צעלייגט — הענט אַפּנים — און דאָס טירל פון דער אָגערשטאַל האָט, ווי אויף אַ כּשוף-שפּרוך אויפגע־פּראַלט מיט אַ זשאַווערדיקן, הייזעריקן סקריפּ. אינעווייניק אין שטאַל אַריין. די שטיוול טראַטעווען איבערן אוירדיקן שטרוי און קריכן אַריין אין פאַרעדיקן פערד־קויט.

— אַז אַ נכפה זאָל עס טרעפן! דאָס געזידלעריי קומט אָבער אַרויס טעמפּ צוגעדושעט; האַלב אויפן גאָרגל, האַלב אונטער דער נאָז. —

צמיאַך... צמיאַך... ציאַך... — ס׳קריכן די שטיוול איבערן קויט. און אָט, זענען זיי שוין ביי דער קאָרעטע.

— העי, „נשר", האָסט דיך נישט געריכט. וועסט גיין... אָהאָ! דו וועסט שוין גיין... — נאָר דער גרוס צו „נשרן", דעם גלאַנציקן, שוואַרצן, אַראַבישן אָגער, ווערט אַריינגעזאָגט אין זיך אַריין... אַריינגעברומט. „העי, „נשר׳ל" ווייז הער דיין האַלז, די מאָרדע און נאָזדרעס!" און ס׳הילכט באַלד אָפּ אַזאַ גבורה׳דיקער ריס, מיט אַן אייזערנעם געקלאַנג פון אַ געשווייסטער, שווערער קייט. „העי, „נשרל", שוואַרצער אָדלער. מעגסט שוין הויבן דיינע פיס. מיר פאָרכטן זיך נישט !!"

„נשר" פאָכעט מיטן שווערן עק און פאַרשטייט גאָרנישט. עפּעס לאָזט ער זיך גאָר נישט אַזוי לייכט צוימען און פּרוווט אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס זאָטל, און ס׳געשיר. „העי, אָדלערל, וועסט שוין גיין אין ווייטן וועג. אָדער טויט אָדער לעבן!" נאָרביידן: דיר און דיין

איצטיקן רייטער! העי, אָדלער! פינסטערניש. סדרימלט דער שומר און סדרימלען די הינט. אַ ווינט דערמאָנט זיך, ווייעט אַ־דורך, מיט אַ פייף, און דאַן — חשכותדיקע רו. אַ גרויסער פירפיסיקער שאָטן, מיט צוויי שוואַרצע שפיגלען, שפּאַנט אַרויס איבער דער טיר און גלאַנצט אין דער נאַכט אַריין. „העי, אָדלערל, אַראַבטשיקל, בויג אויס דעם רוקן דיינעם, נידריקער. לאָז מיך דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל, אויף די פליגלען דיינע אין מרחקים פליען. לאָז מיך דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אויף די ווינטן דיינע איבער די בערג ווייען! אָדלערל, לאָז אַ פרעמדן האַר, נאָר אַ קורצע ווייל, איבער דיר געוועלטיקן. בויג אַראָפּ זיך אָדלערל!" און וווּנדערלעך: ווי „נשר" וואָלט איצט דאָס שטומע בעטעניש פאַרשטאַנען, דאָס בע-טעניש פון אַ וואַכעדיקן מענטשן, ביי וועמען ס'יאַטערט אינ'ם האַרצן...

וווּנדערלעך: ווי ס'וואָלט „נשר" גאָר פאַרשטאַנען, אַז פון יענעמס אויגן פאַלן טרערן אויף זיין פעל און — ר'האָט דעם קאָפּ געבויגן. „נשרל, אָדלערל! אַזוי! אַזוי! ווי ס'שניידט איצט די קאַלטע לופט! ווי ס'שנייד איצט דאָס שאַרפע ווינטל! צעשפרייט די נאָז-לעכער דיינע! האָפּ! אַזוי!" קיין שאָך נישט אין הויף. האַרטער שלאָף, ווי לאַנגער הינערפלעט.

און אויפן הויכן, שוואַרצן אָגער האָט דער רייטער זיך שוין באַוואָרנט: ס'שטעקן די שטיוול אין די ברייטע סטרעמענעס, און דער קאַפּעליוש איז טיף אָפּגערוקט איבערן קאָפּ; ער נעמט שוין די ליי-צעס אין די הענט אַריין, ס'רירן זיך די בלאַסקנדיקע שפּאָרן, אַ קיצל צו טון אין פעטן בויך אָון... פלוצלונג:

— פּאָר געזונט און זיי מצליח, מאירל! דער רייטער האָט אַ ציטער געטון, ס'האָט ביי אים אַן אויג פאַרשווינדלט און ער האָט צענומען זיינע ליפּן!

צמח... פּאַסטוך מאָדנער!.. ווי אַזוי ביסטו אַזוי אויסגעוואַקסן?

איך האָב געוואַכט... לאַנג... אָט דאָ הינטער דעם אַלטן, אויסגעהוילטן, דאַרן בוים. איך האָב געוווסט, אַז אין דער נאַכט.. אין דער היינטיקער נאַכט... איך האָב פּאַר דיר אַ סטעזשקע אויס-געטראָטן... זעסט?... אָהין... דער הינטער-וועג איז אָפן, כ'האָב אים

פריי געמאַכט. נאָר ביים רייטער אין האַלז איז פאַרטריקנט. און ווערטער פעלן אים:

— צמח... ברודער...

— רייס אַריבער און פאַרשווינדט! רייט! נישט לאַנג שוין צו מאַרגנגרוי... רייט! גאָרט זיך אָן מיט כּוח!

— צמח... ברודער, זיי געזונט...

קוים וואָס ר'האָט די לייצעס איינגעהאַלטן אין די הענט. עפּעס האָט ער זיך פּלוצלינג צעכליפּעט, ווי אַ קינד.. ווי ער וואָלט האָבן פאַרגעסן דעם וועג אַהיים..

— דו ווייסט, מאירל? ס'טוט דיר עפּעס באַנג? רייט! טראָג זיך אַרויס! די סטעזשקע איז אָפּגערייניקט און ס'האַלט נאָך אָן די פּינ־סטערניש. געב אַכטונג ס'ווערט שפּעט.

און דער רייטער איז מיטאַמאָל צו זיך געקומען. די ברוסט איז ביי אים ברייטער געוואָרן און שטייפער, זיינע ליפּן האָבן אַ צמאָק געטון: טצי! צצי! דער שוואַרצער שפּיגלדיקער אָגער האָט אויפגעהויבן זיינע שווערע פיס.

— זיי געזונט, צמח! דערצייל, אַז איך האָב „נשון" גענומען...

— רייט! פליי! און אַז דו וועסט זי באַגעגענען, זאָג איר: צמח האָט זיין פייפל נאָך נישט צעבראָכן... זאָג איר... רייט, פליי! פרעג זי: איז עפּעס גוט צו לעבן אויף דער רעשיקער וועלט?" זאָג איר: „צמח האָט שוין פאַרגעסן"... זאָג איר...

— טצי!

אַ פירפיסיקער אָדלער האָט אַוועקגעשוועבט און אויף אים אַ שוואַרצער שאָטן. מיט שטאַרצע צווייגן — הענט אַזוינע..

— טצי! — — — —

צמח האָט נאָכגעקוקט... זיך איינגעהערט. זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט יעדן אָפּקלאַנג פון די שווערע, ניש־געשיקטע אָגער־טריט איבער די שטיינער אויפן וועג, און יעדן יעכּצעדיקן „האַ!" און „הע־האָ" פון שאָטנדיקן, ווילדן רייטער. לאַנג, לאַנג האָט ער נאָכגע־קוקט, צמח...

און דער פאַרוויכערטער לאַמטערן, פאָרנט, ביים שייער, האָט זיך שוין אויסגעלאָשן. דער דרימלענדיקער שומר האָט זיך דורכגע־

ריבן די אויגן; דעם שטעקן געזוכט. דער פאַרטאָג האָט זיך פּאַמע־לעך און אַ פּוילער אַרויסגעשיילט און אַ דורשטיק בהמהלע אין קעל־בער־שטעלעכל האָט אים מיט אַ קעלבערן, יונג מרוקל אויפגענומען— מררר! מררר...

צמח האָט זיך אומגעקוקט. ר׳איז אַצינד גאָר ווייט געווען, ווייט פון זיין באַנאַכטיקן באַהעלטעניש. נישט ביים אַלטן, הוילן בוים, וווּ ער האָט געוואַרט, איז ער געשטאַנען, נאָר ערגעץ ווייט, איבערן ראָוו. ר׳האָט זיך דערמאָנט:

„איך האָב אים, אַפּנים נאָכגעפּאָלגט. נאָכגערוקט זיך נאָך „נשרן". כ׳האָב אים דאָך באַגלייט און אַ סך געווונשן... הייַנטזשע, צי וועט ער פּויעלן? און וואָס? וואָס? ר׳האָט זיך אויסגעדרייט:

מ׳דאַרף צוריק. אין הויף. מ׳קלינגט שוין, שוין „פּרימאָרגן." מ׳דאַרף זיך וואַשן און צוגרייטן צום טאָג". ר׳איז צוריקגעגאַנגען. דאָס קלינגען האָט נאָך אָנגעהאַלטן: דין! דלין! דין, דלין, דלין! דזשין!

— — — — — — — — — — —

אַ קאַרגע שעה שפּעטער האָט זיך פון נעפּל־אַרויס דווקא אַ שיינער, ליכטיקער טאָג אַרויסגערוקט. אָט־אַזוי מאַכט זיך עס דאָ גאָר אָפט: אין סאַמע מיטן פון די געדיכט־רעגנדיקע ווינטערוואָכן אַן אמתער זוניקער טאָג, נאָר מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

און אַזוי זוניק, ווי דער טאָג, איז טאַקע זוניק געוואָרן ביי צמחן אין געמיט. ר׳האָט מיט אַ מין טייערן אַפּעטיט געקייעט די זיסע מייערלעך צום איבערבייס, געשאָבן אַ קאַטשן פון אַ קעפּלקרויט און מיט אַ צעפּרידנקייט דאַביי נאָכגעקלערט: „איז גוט, וואָס איינער איז שוין אַוועקגעפלויגן... זאָל ער טאַקע... און ווי גוט, אין עצם, איז דאָס פליען גופא... מען ווייסט, אַז ס׳טרייבט דיך עפּעס... אָבער... גאָר ביים סאַמע שפּיץ פון באַרג, קאָן זיך גאָר דער אָדלער אַראָפּלאָזן אין אַ טיפן תהום... אַראָפּפּאַטשן מיט די שווערע פליגלען און... ס׳איז שוין שווער זיך פון דאָרט צו דערהויבן... — און אַזוי איז דען גרינגער?... ספק... ספק״ — — —

ר׳האָט געגעסן די מייערלעך. ז׳האָבן אים ווויל געשמעקט און ס׳האָט געמאָנט נאָך וואַסער. איז ער אַרויס צום קוואַל, וואָס געפינט

זיך אין דערהויבענעם ווינקל פון הויף, זיך איבערגעבויגן און געלעקט. „ערגעץ האָבן אונזערע אַלטע-אַלטע פאַרעלטער-זיידעס, אין די שופטימס צייטן, אויף דעמזעלבן פּלאַץ, אַזוי געלעקט." ר'האָט זיך אָן זיי דערמאַנט, צמח, און ס'איז אים געווען אויפגעלעגט, וואָס נאָך אַזאַ היבש ביסל יאָרן — פון דער אַלטער-אַלטער פאַר-עלטער-זיידע-צייט — לעקט ער, צמח, דאָס וואַסער פון דעמזעלבן קוואַל, ווי זיי דעמאָלט. און דאַן איז אים נאָך ווילער געוואָרן. אַזוי — דעם גאַנצן טאָג. ר'האָט זיך געפּלאָנטערט איבערן הויף און די חברה, וואָס האָט אין דעם ליכטיקן טאָג געהאַוועט, האָט זיך ווייניק-וואָס אויף אים אומגעקוקט. „דרייט ער זיך! אַ נפקא מינה! יאַללאַ! דער טאָג שטייט נישט! טריקנט קערנער אויף דער זון! טרייסלט אויס די זעק! שמידט די פערד און פירט זיי אַרויס אין הויף." און פּלוצלינג אַ געשריי, אַ ליאַרם, אַ געוואַלד!

— „בשר" איז נישטאָ! מ'האָט בשרן אַרויסגעגנבעט! בשר... בשר! דער שטאַלמייסטער לויפט, ווי אַ משוגענער, די אויגן זעצן אים פון די לעכער אַרויס און די אָפּגעבליאַקעוועטע האָר פלאָשן זיך אויפן שמאָלן קעפּל:

— „בשר" איז נישטאָ, בשר איז — נעלם געוואָרן פון שטאַל.— נאָר באַלד איז קלאָר געוואָרן: „דער גזלן איז נישטאָ. מאירל. זוכט אים אומעטום."

אומזיסט און אומנישט. „ר'איז אויסגעטרוקנט געוואָרן, דער גזלן. און זיין אַרבעט איז עס. ער האָט עס „בשרן" אָפּגעבונדן פון קייט, אַרויסגעפירט פון שטאַל און מיט אים אַוועק. האָט מען זיך געצהט און צעשיקט ידיעות צו פאַרשידענע פונקטן: „האַלט אָפּ דעם גזלן, ר'איז דול געוואָרן, אונזער יוסהשן אָדלער אָפּגעבונדן און אַוועקגעפירט. — — — — — —

צמח אָבער דרייט זיך אַרום, הערט זיך צו און עפּעס פילט ער וואַרעמקייט אינעווייניק און ער קלערט ביי זיך: „ווי גוט, ווען אין דיר וווינט אַ סוד און דיינע ליפּן פאַרציען זיך בלויז צו אַ שמייכל".

ר'האָט זיך דערפילט, ווי מיט אַ סך קעפּ העכער פון אַלעמען, מעכטיקער פון אַלעמען און אומדערבאַרעמדיק. ר'האָט אָבער דאָס

ערשטע מאָל דערפילט דעם כּוח פון אומדערבאַרעמדיקייט, פאַרשלאָסנ־קייט און... זיך אַזוי געפעלן געוואָרן..

...דאַן איז דער פאַרנאַכט אַזאַ פיינער געווען, מיט אַ שאַרפן ווינטל און אַ קלאָרן הימל. די וואָלקנס האָבן זיך ערגעץ אויפגעהאַלטן, גלייך זיי וואָלטן אונטערוועגנס האָבן געפונען אַ מציאהלע און זיך נישט געאיילט צו די יוספיהער הימלען. ז׳וועלן גאָרנישט פאַרזוימען... ז׳וועלן נאָך צייט האָבן גענוג...

האָט צמח זיך נישט איינגעהאַלטן אין זיין געצעלט. ער האָט געזוכט דעם דרויסן. ס׳האָט אים געצויגן. האָט ער אויפגעהויבן דעם פּרעזענטענעם צודעק און אַרויסגעשפּאַנט. גלייך צום יונגן אייקאַליפּטוס־וועלדל. פאַראַן דאָרט אַ שטיינערן בערגל. מ׳קאָן זיך דאָרט זעצן. מ׳קאָן זיך אפילו פאַרזיצן, ווען די לבנה בלייכט אַראָפּ און אין מוח און אין האַרצן שפּינט זיך וואָס... דאָרט, אויף דעם אויפגעשאָטענעם שטיינבערגל. —

אָבער ציענדיק זיך אַהין, צו יענעם אָרט, קאָן קיינער נישט וויסן, אַז הינטערן רוקן ציט זיך אים ווער נאָך; לענגערט זיך און טרעט ממש אויף די קנעכל... און ציענדיק זיך אַהין, קאָן מען שווער פילן, אַז פון די זייטן שטעכן נאָך אַ פּאָר אויגן, צילן נאָך... האָט זיך צמח טאַקע פאַרוואונדערטערהייט צעשטאַמלט:

— דו!? דו? וואָס ווילסטו?

— צו דיר, צמח, בין איך געקומען...

זי, שושנה, די זכרונער יפהפיה האָט אויף אים געלויערט. נאָכגעשנאַפּט זיינע טריט. און אַז זי האָט געזען, ווי ער זונדערט זיך אָפּ צווישן די אייקאַליפּטוס־ביימלעך, איז זי אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן, ווי אַ נישטאָאיק ווען:

— כ׳האָב דיר נאָכגעקוקט, צמח...

- וואָס ווילסטו?

אָבער ער קוקט זי אָן שאַרף מיט זיינע קינדערשע אויגן. זעו! ווי בלויע קינדערשע אויגן וואָלטן גאָר געקאָנט אָנשרעקן, וואָלטן גאָר געקאָנט אָנוואַרפן אַ פּחד אויף עמעצן. האָבן זיי טאַקע דאָס נישט געקאָנט, די קינדערשע אויגן, וואָרעם באַלד טאַקע אַ געלעכ־טערל:

— כאַ־כאַ! צמח, מיינסט, אַז איך זוך דיך גלאַט? כ׳האָב פאַר דיינעטוועגן עפּעס... כ׳האָב דיר עפּעס געבראַכט...

— וואָס, אַ שטייגער?

און צמחס שאלה קלינגט בייז, אַרויספאָדערנדיק. אָבער... ווי אַ קינד וואָלט פלוצלינג געוואָרן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער, מיט אַזאַ שטעל אַוועק:

— לאָמיך הערן!

— וועסט הערן, אָבער וואָס וועסטו דערפאַר געבן? וואָס וועל איך האָבן פאַר דעם?... וועסט מיך דאַן אויסמיידן און זיך מער נישט וועלן אומקוקן אויף מיר... איאָ?

— זאָגסט גלאַט אַן אויסרייד?

— אַן אויסרייד... אַן אויסרייד... כי—כי! לאַנגער פאַסטוך!

נאָר עפּעס האָט זיך אין איר אַריינגעצויגן אַ צאָרן, איר איז געשטיגן דאָס בלוט אין די שלייפן און זי האָט אַרויסגעשאָסן:

— איך האָב אַ בריוו פאַר דיינעטוועגן!... פון דיין שוועסטער! אַ בריוו—און איך וועל אים דיר נישט געבן. כי־כי, אַ בריוו פון דיין שוועסטער... אַז איך וויל, קאָן איך אים צערייסן... זאָל איך? זאָל איך?

צמח ווערט מיטאַמאָל בלאַס. קעגן בלייכן שיין, וואָס רייסט זיך דורך צווישן די ביימלעך, ווערט זיין פנים בלייכער. זיינע אויגן פאַלן פלוצלינג אָפּ און פון די דינע ליפן פאַרשווינדט דער לעצטער טראָפּן בלוט. בלוי ברוין־און־בלוי די ליפן און זיי ציטערן:

— פון מיין שוועסטער? און פון...

— פון דיין שוועסטער! נאַ! אָט האָסטו!

שושנה האָט אים אַ שליידער געטון דעם בריוו אין פנים אַריין און פאַרשוונדן צווישן די ביימלעך. אַ ווייל האָט צמח, אַ צעטומל־טער, געקניינטשט דעם בריוו צווישן די פינגער און אַרום זיך גע־קוקט: „ז׳איז אַנטרונען, שושנה... וואָסזשע אָבער האָט זי פון מיר געוואָלט?... פון דער שוועסטער—האָט זי געזאָגט"... ר׳האָט דערפילט, אַז דאָס האַרץ שלאָגט העפטיקער... „און פון דער"... ר׳האָט נישט דערטראַכט. אין מוח האָט זיך דורכגעשאַרט אַ שאָטנדיק בילדל. אַ פחדימדיקס. ר׳האָט גיך אויפגעריסן דעם בריוו און אָנגעשטעלט, קעגן בלייכן ליכט, זיינע אויגן. די אותיות זענען אָבער שוואַרצע

און געדיכטע, גלייכע שורות, נישט דער מאַמעס געבראָכענע האַנט־שריפט... גראָבן זיך צמחס אויגנאַפּלען איין אין פּאַפּיר און ווילן דערגיין. און ס׳האַרץ קלאַפּט: „זיי דערציילן זיכער פון אַ טרויערי־קער געשיכטע, די גלייכע שורות"...

שווער, שווער, אויפצוכאַפּן דאָס געשריפטס. טונקל, צו טונקל אַצינד. אָבער איין וואָרט האָבן זיי פּאָרט אויפגעכאַפּט, צמחס אויגנ־אַפּלען, „טויט"!

— ט ו י ט... ט ו י ט... — האָבן די דינע, אָנבלוטיקע ליפּן איבערגעחזרט צווייִמאָל.

דאַן האָבן די פינגער ווידער געקנייטשט דעם געדיכט־באַשרי־בענעם בריוו. צום איבעריקן האָט ער זיך שוין סייווי ז׳ערטראַכט. ר׳האָט גרינג פאַרשטאַנען:

— טויט... טויט... מאַמע... מיינע...

די לבנה האָט זיך העכער געררוקט. היינט אַ פולע און נישט קיין פאַרשלייערטע אין אַ וואָלקן. האָט זי געוווּנקען אַראָפּ צום ווערדל פון יונגע אייקאַליפּטוסן ביי די אויסגעטרוקנטע זומפּן. די גרויסע אויערן ביי די זייטן פון לבנהדיקן פּרצוף האָבן זיך אויפגע־שפּיצט, ווי ז׳וואָלטן זיך וועלן איינהערן צו דעם שטאַמלען: „מאַמע... שוין... דו אויך... צו וועמען זשע וועל איך אַמאָל רעדן?... מאַמענ־קע"... די אויגן—דער לבנהס פּעטע אויגן—האָבן איצט לייטישלעך, נישט לאַכנדיק און שטיפעריש אַראָפּגעבליקט, ווי צו וועלן נאָכקוקן און נאָכציילן די טרערן פון צמחס טיפע קוואַלן, די געפאַלענע אויפן בערגל שטיינער... „מאַמע... ווייט, ווייט אַוועק ביסטו אַצינד... און וואָס? ווער וועט אַצינד נאָך מיר בענקען? מאַמע... ווער?" צווישן די יונגע אייקאַליפּטוסן האָט אַ ציטערדיק, מיידלעריש קול אָפּגעענטפערט, אין אַ האַרצעדיקן, באַגערנדיקן געוויין:

— איך... צמח... איך...

...ווי אַ ווידערקול...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳געדענקט זיך נישט דער טאָג. נאָר געווען איז עס אין די ער־שטע וואָכן פון צמחס אבלות, צמח איז געווען אויף דער קופּע היי און אים צופוסנס—שושנה די זכרונער. אין שושנהס אויגן האָט גע־

בליצט אַ געהיים פייערל, און צמחס בליקן האָבן זיך געמינעט: אויפגעלויכטן און זיך געלאָשן. זיי זענען לאַנג אַזוי געזעסן ביידע. צמח און שושנה. קענטיק, אַז ס'איז שוין געווען נאָך אַן אָנהויב... צמחס הויכער שטערן, אייביק ווייסער, ווי די ווייסקייט ווערט פאַרוואָלקנט און אַ טיפער פאַלד אַקערט זיך איין אין דערמיט. ווערט די פאַלד טיפער און טיפער. און שווייגעניש... שטילע דערמאַנונג, אָן ווערטער. קודם אַזוי אין זיך און שפּעטער ערשט קומט זי אויף דער ליכטיק אַרויס, פון די אָנבלוטיקע ליפּן אַראָפּ:

— ...און דאַן בין איך אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען. וווּ דער טרויער וווינט האָט מיין פוס נישט געטרעטן. און זונאויפגאַנג האָבן מיינע אויגן אויך נישט געזען. דאָס ריינע ליכט פון טאָג האָבן זיי נישט געקענט. פייערן! ווילדע ליכטער! בלויע און וויאָלעטע, רויטע און גרינע—אָט, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען. דופּטיקע און ווייכע זענען געווען מיינע געלעגערס. אין דופּטיקע וואַסערן האָט מען,ביים אויפשטאַנד און ביים שלאָפנגיין, מיין לייב געוואַשן. כאַ-כאַ! ס'אַראַ צייט דאָס איז געווען! אַך, ווי שווער ס'קומט אויס צו געדענקען!—מירמעלנע דילן, שפּיגלדיקע, גליטשיקע... ווייסע מירמעלנע ווענט און קרישטאָלענע באַלקנס געשליפענע... ווי שווער ס'קומט אויס צו געדענקען...—און פאַרגעסן ס'אַלטע און נישט געדענקט ס'נייע, דאָס נישט געקומענע נאָך... און איך בין אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען... און יעדער טאָג, יעדער פאַרגייענדיקער טאָג — ביי מיין אויפשטאַנד—האָט אין זיך געטראָגן אַ נייע, אויפוואַכנדיקע פרייד... פאַר מיר, דעם געזאַלבטן, פאַר מיר דעם בן־מלך, וואָס האָט באַדאַרפט, אין די פייער-נעכט, פרישע קנעכט צו זיינע פיס וואַרפן... דער בן-מלך מיט די גאָלדענע לאָקן און הימל־בלויע אויגן.. און יעדער פאַרגייענדיקער טאָג—ביי מיין אויפשטאַנד—האָט געבראַכט נייע בשורות פון גרויסן נצחון, וואָס קומט מיר אַקעגן. אַך! ווי גרויס איז געווען די לוסט, די קנעכט ביי די פיס צו זען! זיי, די שטאָלצע, מיט פערל אויף אויפגעפוצטע קעפ און שטערנס, מיט איידל־שטיינער פונקלענדיקע אויף זייערע הערצער! אויף זייערע שוואַכענקע הערצלעך, הייס־שלאָגנדיקע, תאווה־גלוסטנדיקע און פאַרעטערישע. אַך! ווי גוט איז געווען דער נצחון, זיי ביי די פיס צו

זען, זיי, אין זייד און אין סאַמעט געוויקלטע, וואָס האָבן אַוינע ווייכע אָרעמס, זיך־וואַרפנדיקע ברוסטן און זאָגן ליגן! ליגן! ליגן!

— צמח! וואָס איז דיר?

שושנה כאַפּט זיינע הענט און דריקט זיי שטאַרק צו זיך:

— צמח, דו ווילסט מיך ווערגן?

דער הויכער שטערן צמחס ווערט פינסטערער...

— וואָס איז דיר, צמח?

זי דריקט זיינע הענט, פּרעסט זיי צו צו איר מויל, דאַן צו דער ברוסט...

— בן־מלך! געוועלטיקער! זיי איצט מיין געוועלטיקער

— שווער, שווער די דערמאָנונג—איז צמחס ענטפער.

דאַן פאַרגייט ווידער אַ היפּשע ווייל אין שווייגעניש. שושנה האָט דערווייל צייט זיך צוצוהערן צו זיך, צו דעם אומרו און צום שטורעם... אָבער צמחס פּלוצימער שמייכל שטרענגט זי ווידער אָן.

— הי, הי!... ווי נאַריש אַ חלום איז... כאַ־כאַ? — שמייכלט ער, צמח.

— וואָס פאַר אַ חלום?

— איך האָב דאָך פריער געחלומט און אים אַוודאי אויסדערציילט. נישט אַ וואָרט, נישט אַ זאַך פאַרפעלט, האַ?

— האָסט דערציילט...

— און דו גלויבסט אָן דעם, וואָס כ׳האָב דערציילט, שושנה?

— ....

— גלויב, שושנה, אָן אַלץ. אָן יעדער קליניקייט. אַזוי איז עס געווען... אַזוי ווי כ׳האָב דערציילט.... און שושנה האָט אים איר גלויבן געשענקט:

— אַזוי, און דער בן־מלך איז צמח געווען

— איך..

— און היינט וואָס ביסטו? און היינט וואָס ביסטו?—און זי שפּרינגט אויף, שושנה!

— קום! מלך פון שעפסן! קום, וואַרף צו דיינע פיס איצט מיך! נאַר, ניין! דו, מלך פון שעפסן, שטיי ליבער אויף און לאָמיר

אַריין צו די קרישטאָלענע פּאַלאַצן! צו די פייערן, בלוי און וויאָ־לעט! צו די דילן פון מאַרמאָר און קרישטאָלענע באַלקנס! דאָ איז טויט! דאָ איז פּוסט! שטיי אויף! קום!..

.. און זי איז דאַן געלעגן מיטן פּנים אין היי פאַרגראָבן און געקושט זיינע קנעכל. נאָר צמח האָט געשמייכלט און שמייכלנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— שפּעטלעך... שוין צו שפּעט... יעדנס שטערן צינד זיך נאָר איינמאָל אָן און לייכט אַזוי לאַנג, ביז ער רייסט זיך נישט אַראָפּ... מיינער ליגט שוין לאַנג אין תּהום... אַהין קאָן איך נאָר נאָכגיין... דאָרט, אין אָפּגרונטן, זוכן... ווי ער ליגט אָן גלאַנץ... אויסגעלאָשן... דער שטערן...

ר׳האָט געשמייכלט און שמייכלדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ערשט איצט האָט שושנה רעכט פאַרשטאַנען און זי האָט איבערגעחזרט אין חוזק:

— יעדנס שטערן צינד זיך נאָר איינמאָל אָן. אָבער, ווער שטערן, וואָס שטערן?! דו נאַרישער נזיר! דו, רוקן אָן מאַרך! קריך אַליין אין תּהום! ברררר! נאָר וואַרט... איך וועל זען! דיך איינגאַנצן זען... כ׳מוז באַטראַכטן!... וואַרט...

און אין דער רגע האָבן זיך אירע געפּיילטע נעגל אָנגעטשע־פּעט אָן זיין לאַנגן העמד, געצופּט, געריסן, ביז דער נאַקעטער גוף האָט אַפּירגעקוקט...

— ברררר! ווי די הויט הענגט איבער די קנאָכן. כ׳זע זיי, די ביינער... ווי פון אַ סקעלעט! אַ קבר-ריח טראָגט זיך פון דיר! ברררר! דאַן האָט זי אַ פּיר־געטון מיט די נעגל איבער דער הויט אַראָפּ-און־אַרויף און אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער, דערזעענדיק ס׳וואַרעמע בלוט פון די ווונדן:

— כאַ-כאַ! אנו, שטעל זיך אַקעגן?! אַנו? בן-מלך אַמאַליקער! קעניג פון שאָף! ברררר! מתים־גערוך!.. זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטיק פון דעם צעריסענעם העמד, וואָס איז נאָך געבליבן אין האַנט ביי איר, און ווי אַ ווילדער, שרייענדיקער פויגל, אַרויסגעפלאַטערט אין דרויסן.

— „כאַ-כאַ! מיר גייט אָן די גאַל!" האָט עס נאָך אַריינגעכי-
כעט אין געצעלט אַריין, „כאַ־כאַ-כאַ... אַ...אַ"

— — — — — — — — — — —

און צמח האָט אָן זיין דודע פאַרגעסן..... דער ניגון איז שוין אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען, און דאָס ווידערקול איז אויף די שפּיצן פון די הויכע, נאַקעטע פעלזן הענגען געבליבן. אויף אייביק. און ס'וועט מער זיך נישט קאָלערן אַראָפּ און וועקן, רופן; ס'וועט מער נישט ציטערן מאַכן, די הערצער אָט-דאָס ווידערקול, און נישט אָנטרייבן אַ בענקשאַפט... שוין קיינמאָל מער. — ס'איז הענגען געבליבן אויוון, צמח האָט זיין פייפל צעשפּאָלטן.... „צו וואָס און נאָך ווען דאַרף מען עס? פאַר וועמען?? — פאַר זיך גילט אַ חשבון־הנפש, ברודער!"

האָט ער אים טאַקע ווידער געמאַכט — דאָס צווייטע מאָל אין לעבן — און דער חשבון, צמחס, איז אַרויסגעקומען אַזוי בערך: „יאָרן:־דריי, פיר, פינף... מעשים?.. מעשים — אָ, שמאָלע!... קאַרגע, ברודער צמח, זענען דיינע מעשים!.. תּכלית? תּכלית, ברודער צמח... ווער תּכלית, וואָס תּכלית?! אַז אַ מענטש שלעפּט אָפּ דאָס צינגל און טרעפט נישט אין ציל, איז פּונקט ווי אין זיך אַליין געטראָפן: אָט, תּכלית צמח האָט זיין פייפל פאַרגראָבן אין קופּע היי

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך חברה געסודעט, אַז מיט צמחס געהירן האַלט עס עפּעס נישט־גוט. ס'האָט אָבער קיינער נישט גע-ווּסט, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן, וואָס ס'איז מיט אים..

שושנה די זכרונער, וואָס האָט זיך גאָר אין די לעצטע טעג גענומען מיט אַ סך חשק צו דער אַרבעט — ז'האָט געקליבן און גע-פּרעסט טאַבאַק בלעטער — האָט גלייך מיטן איבריקן עולם געצויגן מיט די פּלייצעס ביים וואָרט „צמח", און פּונקט ווי די אַנדערע חברים און חברטעס זיך נייגיריק נאָכגעפרעגט וועגן אים.....

און וווּנדערלעך, ווי קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז דווקא אין אירע גוטע ריידעלעך, האַרציקע נאָכפרעגעניש איז געמאָלט, ס'זאָל זיך באַהאַלטן און פאַרדעקן אַ האַרבער סוד; ס'זאָל גאָר שטעקן אַ ווילדע הנאה..

אויך נישט בערעלע האָזן, מיט די לויפנדיקע אויגעלעך, איז

צוליב דעם זיך אָפּגעזוכט אַ גוטן בעל־יועץ: אים ר׳ זיינוועלען אַליין... עס איינגעפאַלן. ער, וואָס קאָן שוין איינמאָל אָנשמעקן אַן ענין, אויפדעקן אַן אָנשטעל און אים וווּליוונגעריש אָנכאַפּן ביי די סאַמע דינינקע פּיסעלעך — אָט אפילו דער בערעלע האָז האָט אויך נישט דערקענט גאָרנישט. קאָן זיין דערפאַר, וואָס אים האָט זיך גאָר געגלוסט, — אין דער רעכטער מינוט, — צו כאַפּן אַ וואָלוועלען שמועס מיט שושנהן. ז׳איז דאָך צו אים ווייכער געוואָרן אין דער לעצטער צייט. האָט ער זי אפשר געוואָלט אַרויפפירן אויף אַ וועג און קומען מיט איר אויף אַ שטייגער...

דאַן האָט זיך אים פאַרוואָלט צו וויסן וועגן איר טאַטנס וויינגערטנער אין זכרון וועגן זיינע טרעטקעלערס, און בכלל וועגן זיין גאַנצן עשירות דאָרטן אין פּראַכטיקן שומרן.

און היינט, אים סאַמע זונטיק, האָט ער זיך שוין גאָר צעלאָזט:

— הערסט, שושנה, די קורצע הויזן צו פאַרמשכנען און צו האָבן אַן אייגענעם כרם אין שומרון.

— וואָס, גאָר פלוצלינג?

— עך, ווען איך וואָלט אים האָבן! וואָלסטו שוין אַנדערש געקוקט אויף מיר... אַזוי...

ס׳איז אָבער געוועזן סתם אַן אַריינגעוואָרפן וואָרט. וואָרום ער ווייסט גוט ווויל, בערעלע, אַז נישט קיין וויינגערטנער און נישט קיין מאַראַנצנסעדער זענען די איינציקע זאַכן, וואָס קאָנען געווינען שושנהן. ער קלערט אויך נישט — איבעריגנס — זי צו געווינען פאַר זיך אויף שטענדיק... נאָר... עס צעבליען זיך בלויז גליסטונגען און ס׳פאַרווילט זיך נאָך ליבע, ביז אויסצוגיין...

נאָר פּונקט דעמאָלט רייצט שושנה נאָך מער און לאָזט נישט איינרוען... פּונקט דעמאָלט... אויך איצט, אין סאַמע זונטיק, הערנדיק זיינע טענות, פאַלט זי איבער אים נאָך מער אָן:

— ווי דו ביסט באַריש, האָז! גיי, טראָג זיך אָפּ! יאַללאַ! גיי, קוק בעסער, וואָס ס׳טוט דער פאַסטוך. קריך אַריין אין געצעלט אַריין און קום דערציילן... ס׳האַלט מיט אים שמאָל... נעם פון קיך עפּעס און טראָג אַריין פאַר אים... גיי, האָז, רוק!

פלאַפּלט ער און שטאַמלט: איך גיי, שושנהלע, איך גיי... נאָר

זיינע אויגן לויפן, ווי אויף אייל; זיי צינדן זיך כיטרע און זוכן עפעס...

— הערסט, שושנה...

ערשט, אַז אַ גאַנצער בינטל פייכטע טאַבאַק־בלעטער גיט אים אַ ברי איבערן פנים, טראָגט ער זיך אָפּ און קומט בלויז אָפּ מיט אַ וואָרט:

— לילית! לילית! דו פייניקסט און לאָקסט.

און כאָטש ער גייט אַוועק מיט אַן אָפּגעשמיסענעם פנים, איילט ער זיך דאָך אין שושנהס שליחות. נאָר אומזיסט איז זיין גאַנג: דאָס געצעלט צמחס איז ליידיק, פוסט, ווי איבערגעקערט, צעוואָרפן דאָס בינטל-היי, איבער אַלע עקן און דאַרויף צעזייעט אָנגעריסענע שטיקער פּאַפּיר. שפּענער צעבראָכענע, אַ צעשפּאָלטענער טאָוול, צעפליקטע בגדים, — אַלץ אויף אַ הויפן, אויסגעמישט מיט גרינצייג, קרויט און רויע אַרבעסלעך... בלייבט בערל האָז שטיין, די הענט אויף דער אָפּגעבריטער, אויסגעפּאַטשטער באַק, און צעפּינטלט זיך פּאַר גרויס חדוש מיט די אויגן:

— אַי! ר׳איז דאָך דול געוואָרן, דער פּאַסטוך! און וווּזשע איז ער אַליין?! אַי! ר׳איז דאָך באמת דול.

נו, לויפט ער צוריק צו שושנהן, איר צו דערציילן וועגן אַלץ. און חזרט זיך:

— סאַראַ חושך ר׳האָט אָנגעאַרבעטן איבערקערט אַלץ. ר׳איז משוגע געוואָרן. זיי אַ בעל-עסקן...

*

אָבער וואָס גייט דאָס אַלץ צמחן אָן?... אים אַרט שוין טאָקע נישט, ווער און וואָס מען רעדט אַרום. אים גייט דאָס מער נישט אָן, וואָרום:

— „צמח, האָסט דאָך דיר שוין אויסגעצירט אַן אייגן וועלטל. האָסט עס דיר שוין אויסגעבויעט — אין זיך... וואַרטסט דאָך נאָר אויף דער ווילער, מזלדיקער מינוט, זיך אַהין אַריינצוציען...״

נאָר אויפן אַרומיקן „עולם״ האָט ער נאָך אַ קליין ענינדל: ער דאַרף אַ באַלוינונג איבערלאָזן; אי דאָס אין גוטע הענט אַריין... און מכוח דעם דאַרף מען זיך דאָס אַ קליין ביסל נאָך מיישב־זיין. האָט ער

ער, ר׳ זיינוועלע, פאַרשטייט שוין, וואָס מען דאַרף... — — —

ווישע איז אָבער דער דין, אַז ר׳ זיינוועלע דערקענט שוין איינמאָל זיינע מענטשן?... אַז ר׳ זיינוועלע דערקענט שוין זיינע חולאים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דער אמתער שלאַפקייט, לא עלינו?...

— ברוך הבא! אַ גאַסט, צמח אַליין! טייער אָנגעלייגט! אָ-וואַ אָ-וואַ! אַזאַ כבוד, אַזאַ אומגעריכטער כבוד!

און ביילע יענטל אַליין ווישט אָפּ אַ קעסטל מיט אַ שערצל און פאַרבעט צמחן זיצן:

— זיץ, זיץ אַזאַ זעלטענער גאַסט. כ׳לעבן מיר וועלן שוין אויפגעריכט ווערן! נאַ, כ׳בין טאַקע צופרידן!

ר׳ זיינוועלע פאָרט שוין אָבער, הינטענאַרומעט, מיט דער פאַר-ביקער היימישער פאַטשיילע.

— זיץ, זיץ, אַ זעלטענער גאַסט — חזרט ביילע יענטל איבער און, אומבאַמערקטערהייט, איז זי באַלד אויס די צייט...

נעמט ר׳ זיינוועלע, בנעימות, אַ שפּאָרעוודיקן שמעק-טאַבאַק, אַ סגולה צו הרחבת הדעת, מאַכט צורעכט די יאַרמולקע אויפן קאָפּ און גלעט דעם שטערן:

— אַ קעגן דעם... מעגסטו הערן, צמח, כ׳האָב עס טאַקע היינט געקלערט ביי זיך: דער מענטש קאָן קיינמאָל נישט וויסן, אַ רגע פריער, וואָס אין דער צווייטער רגע וועט אים אָקעגנקומען. אַ קעגן וואָס בזאָג עס? — כ׳האָב געקלערט — אַ מענטש קלערט דאָך! — אַ זאַך וועגן דיר גראָד, און בשום אופן, האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין: ס׳טייטש, דו ביסט זיך מתרחק, קומסט נישט אַריין איןביידל, האָב איך געקלערט... און „מיינע" אויך דאָס אייגענע... האָב איך געקלערט... יאָ! וואָסזשע האָב איך מיר געוואָלט אויסברענגען? יאָ, אַז אומגע-ריכט איז ממולא געוואָרן מיין ווונטש און טראַכטעניש. און דאָ זאָגט ער: עוד זה מדבר וזה בא... און אָט טאַקע ביסטו געקומען.. אָ-וואַ! אָ-וואַ! אַקעגן-דעם!,, ווי אַזויזשע פילסטו זיך? דו בטלנסט דאָך איצט האַ-האַ! נישטאָ די שעפּסעלעך דיינע... אַבי מען זאָגט כצאן בלא רועה. טפשים! זאָל מען זען דעם היפך: דעם פּאַסטוך אָן די שעפּעלעך... דעם פּאַסטוך אָן די... די... וואָלט דער, וואָס איז „גבורה" אַליין אַ

קוק געטון, וואָס פאַר אַ פּנים מ'האָט אָן די לעמעלעך... אָן די „נקודים וברודים"... איאָ ס'פאַרבענקט זיך? און בענקעניש, זאָגט ער, איז משום תענוג מתוך צער... אַ-אַ צמח... אָבער אַן אָנגעלייגטער גאַסט! אַקעגן דעם, אַקעגן דעם...

דאַן קומט אַ צווייטער שמעק־טאַביק, שוין איבערן חשבון און „ראַציע".

— וויזשע מיינסטו, צמח, ס'וועט טאַקע זומערדיק ווערן? אי־אי, נאָך אַ ביסקעלע, נאָך אַ קליין ביסקעלע און באַלד איז פּורים... וועט זומערדיק ווערן... וועט זומערדיק ווערן... טע דעם דעם דעם... טים בים באָם... באָם.

אַ ווייל ניגונדל קאַטשעט זיך ביי ר' זיינוועלען אונטער דער נאָז און וואָנסן און...

— טעם בעם באָם באָם... דאַי דאַי... בים.

ר' זיינוועלע האָט זיך נישט, נעבעך, אָן וואָס אָנצוכאַפּן. צמחס אויגן גליען שוין אין אַ גרויסן פייער. זייער בלויקייט ווערט טונקל און זייער גלייז גלאַנציקער. צמחס פינגער קראַצן אין לאַנגן אויבערשטן העמד, ביז ס'דערוועקט זיך ס'וואָרט:

— אַז, ר' זיינוול, אַ מענטש באַגראָבט אַ קאַרג האַלב לעבן, האָט הינטער זיך אַ פּאָר גאָר מוראדיקע יאָר, אַז אַ מענטש איז גאָר לע יתום—הויל יתום בין איך! — און אַז אַ מענטש, ר' זיינוועלע ווערט טמא—גאָלע טומאה! אַז... אַז...

— אַי, אַי! רעד נישט! וואָס רעדסטו, רחמנא לצלן! אי־אי! טיטס! טיטס! אי—טס...

— ר' זיינוועלע, וויזשע מיינט איר, ס'וועט נאָך מיר עמעצער בענקען? ס'וועט ווער נאָך מיר אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ? ר' זיינוועלע, כ'האָב געהאַט אַ מאַמען... געהאַט...

— ווייל, ווייל, צמח! ווייל ווי די וועלט! מ'דאַרף טרויערן, טרויערן נאָך אַ מוטער, אי-אי... אַז נישט קדיש, איז כאָטש טרויער! כאָטש דאָס... טרערן מאַכן לייכטער. ערגעץ איז בפירוש אָנגעשריבן.. שאַ־נאָר—ווי אַזוי שטייט דאָרט?... מדמעות עיני... מדמעות... מילא, ס'פאַרגעסט זיך... אָבער—וויין זיך אָפּ, רעד זיך אָפּ... דאגה בלבב איש, ישיחנה.

דאַן האָט זיך עס ערשט רעכט פאַרנומען אויף אַ ווייטן, ברייטן שמועס. ווערטער און טרייסט־ווערטער; רייד און שטראָף-רייד. ס׳גלעט ר׳ זיינוועלע דעם שטערן, שמעקט טאַביק ווייט-ווייט איבער דער „ראַציע״ און קיין ברעג איז נישט צו זען. קיין תרופה נישט געפו-נען נאָך.

און דאָ זיצט אַ מענטש, וואָס האָט זיך, רחמנה לצלן, אויסגע־גליטשט; וואָס האָט—אויף אַלע פוסטע ווערטער- צופיל אַריינגעטראַכט ווענן... אי, אַז דאָס איבער דער מאָס!

— איז וואָס, ר׳ זיינוועלע, איז נאָך דאָ צו טון? וועלט—היינ־טער זיך. לאַנגע פיין—הינטער זיך; שווייגעניש, בטול, חוזק — אַלץ, אַלץ פאַר און פאַר... און דער עיקר: אַז קיינער איז נישטאָ... אַז קיינער, ר׳ זיינוועלע, איז נישטאָ... איך בין מודה, ר׳ זיינוועלע: כ׳האָב געטון... אַזויפיל געטון! אַזויפיל! און ליב, ר׳ זיינוועלע, קיינעם נישט... קיינעם האָב איך נישט ליב...

— אַי, שוטה! פאַרגעסט? און, כ׳בעט דיך זייער — ואהבת? ווּוּשע איז ערגעץ טאַקע דער „ואהבת״? האַ? טפש! חוזק, בלק מלמד!

נאָר ס׳איז גאָרנישט גלאַט, דאָס אַמפּערניש איז גרויס.

— יאָ, ר׳ זיינוועלע, כ׳האָב יאָ ליב געהאַט. אַזויפיל ליב גע־האַט, איבער דער מאָס, איבערן ברעג, ביז עס איז איבערגעגאַנגען איבער די ראַנדן.

— איז דאָך ווידער גוט! אַז מ׳קאָן איינמאָל, קאָן מען דאָך אַ צווייט מאָל. מ׳דאַרף באַנייען, התחדשות... אַי התחדשות... דו דאַרפסט, האַרציקער מיינער, הערן... ווי זאָגט מען עס: כשנפסקה האהבה...

און די שעהן ציען זיך. לאַנג. ווערטער און טרייסט-ווערטער, רייד און שטראָף-רייד. דאָ אין צריפל נעמט טונקל ווערן און ר׳ זיינוועלע דערמאָנט זיך:

— אַי, ברודערקע, מנחה! מנחה... איך וועל אַריינרופן די קינדער, איך וועל רעדן צו זיי און זיי וועלן מיך הערן. זיי וועלן קומען. כ׳וועל מאַכן אַ מנין און דו וועסט זאָגן קדיש... קדושה וועסטו הערן, ברכו הערן און קדיש זאָגן... איך וועל אַרויסגיין צו זיי...

נאָר געגאַנגען זענען זיי ביידע. ביילע־יענטל, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטערן טירל פון צריפל און אָנגעשטעלט אַן אויער, האָט זיך פּאַמעלעך נאָכגעשאַרט פון הינטן, מיט אַ פולן האַרץ, אַ פרומען, פולן האַרצן. און טרערן האָבן איר געהאָנגען אויף די בייטעלעך, וואָס אונטער אירע אַלטע, שוואַכע אויגן! און חברה זענען גראָד געזעסן ביים פוס פון אויסגעהאַקטן גראַניט־פעלז. זיי האָבן גערעדט וועגן האָבער און נייעם ווייץ, וואָס וועט בליען, וועגן די יונגע מאַנדל-בוימער און וועגן די ראַסאָווע קי, וואָס זיי דאַרפן באַקומען און וועגן נאָענטן פרילינג פון לויטער גאָלדענע טעג. האָבן זיי גערעדט און איבער זיי האָט זיך אַזוי שטילענקע אַראָפּגעלאָזט דער פאַרנאַכט. און מיטאַמאָל—„אָבער זעט נאָר, ווער ס׳גייט אַהער! די אַלטע לייט, ר׳ זיינוועלע און ביילע יענטל. טאַקע אַהער”! און עפּעס ווערט קשה און וווּנדערלעך:

— „גאָר פלוצלינג”?

אָבער קוק! אָט זענען זיי דאָך שוין דאָ. און ווי זיי זעען דאָס אויס! אויף ר׳ זיינוולס ליפּן הענגט אַ געבעט. ביילע יענטלס אַלטע אויגן זענען אָנגעלאָפן. און חברה בלייבן זיצן מיט אָפענע מיילער. מען הערט און ס׳לאָזט זיך נישט אָפּענטפערן. פון ר׳ זיינ-וועלעס ליפּן טריפן אַראָפּ ווערטער, וואָס שווימען גלייך אין האַרצן. עפּעס מאַכן זיי ציטערן, צפּעס דריקן זיי, וואַרפן אָן אַ טרויער, אַזש נישט אויסצוהאַלטן... און ביילע יענטל, ווי זי בעט, ווי זי בעט אַזוי שטאַרק! מאַמע-האַרציק, כשר־פרום. אַזאַ בעטן האָט מען דאָך נישט געהערט:

— קינדערלעך, דערמאָנט אייך: מ׳דאַרף דאָך אַ מאַמעס נשמה אין גן־עדן אַריין, אין ליכטיקן שיקן... קינדערלעך!

אַזש קריכן מוראַשקעס אונטער דער הויט. ס׳ווערט ענג און אומהיימלעך. דער ערשטער שמייכל ווערט אויף די מוילווינקלען פאַר-גליווערט און אַלע אויגן קוקן זיך איבער:

— „וואָסזשע ווילן זיי, די אַלטע לייט? וואָס פאַר אַ גן־עדן?

— קדיש, קדיש!...

ר׳ זיינוועלעס קול איז אַ תחנונימדיקס... אָבער מיטאַמאָל ווערט אָט דאָס ווייכע קול ווי איבערגעביטן, פעסטער און מיטרייסנדיקער:

— און איר האָט נישט קיין רעכט צו רויבן ביי אַ זון די מעגלעכקייט, דער מאַמעס נשמה מתקן-צו-זיין!.. ניין! איר האָט נישט קיין רעכט ביים זון צוצונעמען זיין איינציקע טרייסט נאָך אַ מוטערס טויט!.. איר וועט מיר נישט איינשמועסן, איר וועט מיר נישט ענט-פערן מיט קיין אויסריידן! אַ מאַמע וועט נישט איינרוען אין קבר און אויף אייך וועט פאַלן..

אַזויפיל איבערצייגנדיקס קוועלט אַרויס פון זיינע רייד, אַז נישט אַפּבערצוטראָגן! און זע! די בחורים רירן זיך, און אין אַ רגע, הויבן זיי זיך אויף, אַלע ווי איין מאַן, פון זייערע ערטער, ציען אָן די קאַפּעליושן און בלייבן שטיין, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי שטומע זינדיקע, צו געהערכן דעם באַפעל.

— טוט אָן די היטלען! צו מיר אין צריפל אַריין! צמח וואַרט דאָרט; צמח דאַרף קדיש זאָגן — קלינגט נאָך ר׳ זיינוועלעס קול.——

און די נאַכט האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט טיף און פונאַנדער־געשפרייט אירע שווערע באַשיצער־פליגלען. אויפן טונקעלען הימל האָבן זיך קליינע שטערן געצונדן, אָפּגעריסן און פאַרפאַלן געוואָרן אין תהום׳ן. ערגעץ האָבן זיך אויך שאַקאַלן דערמאָנט... ביי ר׳ זיינ-וועלען אין קליינעם צריפל האָבן דעמאָלט חברה שטיל און מיט הכנעה, געבויגן די קעפּ:

— „ברכו!..״

שפּעטער האָט ר׳ זיינוועלע אַ ווינק געטון:

— צמח, זאָג: יתגדל... זאָג: ויתקדש... זאָג, צמח...

צמח האָט באַוויגן מיט די ליפּן און ר׳ זיינוועלע האָט נאָכ-געזאָגט:

— אמן.

*

דער פאַרטאָג איז אַ קילער. אויף דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס פירט אַוועק צו דער געגנט פון די הרי נפתלי שלעפּט זיך אַ מענטש. אין דער האַנט אַ לאַנגן שטעקן און אויף די אַקסלען אַ קליין פּעקל. פון הינטער די הויכע בערג שטעקט אַ יונגע זון אַ ברענענדיק קעפּל אַפיר... דער מענטש באַגריסט די זון און שפּאַנט פאַר זיך.

רייט דורך אַן אַראַבער אויף אַן אייזל און באַגריסט: מיט אַ פּאַרטאָגיקער ניכטערקייט, דעם איינזאַמען וואַנדערער:

— סיידאַ, כאַוועדזשא.

— סיידאַ, סיידאַ, — ענטפערט דער פוסגייער

—קיף כאַלאַך, וואָס מאַכט דיין געזונט? — פרעגט דער אַראַבער.

— און דיינס? און דיין אייזלס? קיף איל חמאַר?

און זיי צעשיידן זיך; און ס'העגגען נאָך ברכות אויף זייערע ביידנס. ליפּן.

איינער צו דרום און איינער צו צפון. דער מענטש אינם ווייסן צעלאָזטן העמד, מיטן שטעקן אין האַנט, האָט ווידער זיין קאָפּ פאַרריסן צו דער יונגער זון:

— צוויי טעג וועט נאָך געדויערן מיין וועג... — — —

IX

תל-שמם הייסט וויסטער טאָל. דערפֿאַר איז ער דער טויער צו די פֿעלדער פֿון יזרעאל פֿון זײַן רעכטן אָרעם, און פֿון דעם לינקן — דער אַרויפֿפֿיר צו די הויכע כּרמל-בערג און צו די ברוינע פֿעלזן, וואָס צו שומרון צו — די פֿעלזן, רייכע אין גראַניטן און אין מירמלען כּלערליי...

תל-שמם הייסט וויסטער טאָל. נאָר ס׳זענען גראָזן הויכע דאָרט פֿאַראַן, ווו ס׳ווידמענען זיך עקדישן און שלענגלען גלאַנציק-אויגנקע, גרינהויטיקע. דאָרט איז גערעטעניש און ברכה אויף זומפּן מיט טשע-רעט און שטעכינקעס באַוואַקסענע, און ס׳ראָיעט זיך פֿון פֿליגעלעך, וואָס ברענגען בלייכקייט און קדחת צו טראָגן אין די שנעבעלעך.

תל-שמם הייסט וויסטער טאָל. נאָר ס׳הערט זיך פּאָרט אַמאָל דאָס בילן פֿון אַ דולן הונט און ס׳ריטשן פֿון אַן אייזעלע אין סאַ-מע העלן טאָג. און אינמיטן פֿון דעם בייזן סטעפּ שטייט אַ הילצערנע בודע און ס׳לעבן אין איר צוויי יונגען, טייערע, ווי די וועלט אַליין! צוויי חברה-לייט, וואָס קיין מענטש געדענקט אָן זיי נישט, און זיי אַליין האָבן שוין אויך אָן עפּעס-וואָס פֿון לאַנג פֿאַרגעסן...

צוויי שומרים זענען זיי, צוויי הדושלעכע יונגען, וואָס ליגן אין דער הילצערנער בודע אינאיינעם מיט צוויי קאַרע פֿערד און מיט די כּלבטע „וועגעראַ”. צוויי היטער, וואָס נודען אָפּ די טעג מיט האַלבע רייד און שפּילעכצער! וואָס וואָגלען אָפּ די נעכט אויף זייע-

רע פערד, מיט שטעקנס אין די הענט, היטנדיק די אָפּגעלייגטע פעל־דער פון דזשינדזשאַר און דזשדראַ.

טייערע יונגען צווײ, וואָס קענען זיך נישט מער אויס אויף דער באַשטימטער צאָל פון טעג און יאָר און ס'פּלאָנטערן זיך אין זייערע קעפּ די נעמען פון חדשים, דוכט...

אַז מ'קאָן דאָך אַזוי אויך ליגן אין דער בודע, קוקן, ווי די ווערים פּויזן אויף די בייכלעך און איינהערן זיך, ווי ס'זשומען די פליגן אין גאַנצע כמאַרעס; אָדער קווען, שטייענדיק פאַר דער טיר, ווען ס'יאָגט מיט ווילדן אימפּעט דורך דער אייזערנער, סאָפּנדיקער שד און שטעלט זיך אָפּ אַ רגע, ווי אָפּצוגעבן שלום און ווידער זיך אַוועקצויאָגן.

אַז מ'קאָן דאָך אַזוי אויך... — — —

— הערסט, טעוול, איז אפשר קאָכן גאָר אַביסל גריץ?

דער קאָכער איז שושני. דער נידעריקער און שוואַרצער מיט לעבעדיקע אויגן. און שפּייז איז אין דער בודע פאַראַן צו דער האַנט: טוכלע גרויפּן, אַלטער בומאייל, שוואַרצע ברויטן און פיל גוטע זאַכן. און אַז שושני נעמט זיך קאָכן, ווערט לוסטיק פון דעם פייער און דער קנאַקעדיקער בלעך. דאַן עסט מען וויל־מחיהדיק, אַ שיסעלע, אַ שיסעלע און אַ דריטס. מען פאַרגעסט אויך נישט אָן דער געפּלעקטער כלבטע „וועגעראַ". מ'בינדט זי אָפּ פון דער קייט און „וועגעראַ" מוז עסן אויסטראַלישן גריץ.

— ווייסט, טעוול, וועגעראַן האָב איך שוין אַ יאָר־דריי.— שושני איז עלטער אין דער געגנט פון טעוולען — איך לערן זי און לערן, און זי האָט נאָך ליב אָן „אבר מן החי". אפשר קענסטו זי מאַכן פאַר אַ וועגעטאַריאַנערין, זי זאָל נישט גלוסטן צו קיין פולקע?

— עס, וועגעראַ, פרעס, לעק דעם גריץ.

וועגעראַ לעקט, געגעצט, ווייזט אַ גרויסן שפּיציקן לעקער און פאָכעט מיט די אויערלאַפּן און מיטן קודלעוואַטן ווידל. ס'בייסן זי די פליגן... — —

און אַז מ'ענדיקט דעם מאָלצייט, פאַרבענקט מען זיך נאָך אַביסל מוזיק:

— הערסט, טוביה, מען דאַרף זיך מאַכן אַביסל פריילעך, נאָכן

עסן. איך וועל אָנציען דראָטן אויף אַ ברעטל און ס׳וועט זיין אַ כּלי. באמנות.

און ס׳ווערט טאַקע אַ כּלי. שושני איז אַן אַלטער שניצער; נאָך מיט יאָרן צוריק פלעגט ער מגן־דודס שניצן אין ראָדעמער בית־המדרש; אויך אַן אַלטער מנגן—ער געדענקט די ניגונים פון די היי־מישע, הסידישע שלוש־סעודותן און מלוה־מלכּהס...

שפּילט מען אָפּ אַ האַלבן טאָג אויף דרעטלעך און זשאַווערדיקע בלעכן. און אַז ס׳ווערט אַביסל נודנע, נעמט שושני פאַרציילן אַ מעשה:

— הערסט, טעוול, ס׳איז גוט, וואָס מיר זענען אַזוי!... ס׳איז גוט, וואָס „ווענעראַ״ איז מיט אונז... און ס׳איז גוט און ס׳איז ווייל און ס׳איז גוט...

דאַן צעלייגט מען זיך אויפן ברייטן פּריטש און מען באַקלערט גאָטס וועלט. און קלערנדיק דערטראַכט מען זיך, אַז... ס׳איז גאָר־נישט איבעריק שלעכט אויף גאָטס גרויסער, ווונדערלעכער וועלט. מענטשן דאַרפן נאָר, אייגנטלעך, קאָנען אָפּגעפונען זייער פּלאַץ; מענטשן דאַרפן נאָר קאָנען אַוועקשטעלן אַ נעסטל.

— הערסט, טעוול, ווען מענטשן וואָלטן געקאָנט, ווי די פייגל צענויפטראָגן שטרוי אין זייערע שנעבעלעך... הערסט, טעוול... נאָר מענטשן זענען על־פּי־רוב רשעים — איז גוט, וואָס ס׳קומט אַמאָל אַ מלחמה, צו פאַרלענדן. אַביסל פון דער שלעכטער זרע... ווייסט, טעוול, די „רויטע״ זענען קלוגע יונגען, זיי האָבן אויסגעוואָרצלט אַביסל רשעות... צוגעפירט צום ווענטל... און טראַך!... כּן יאבדו... ובערת את הרע מקרבך... זאָג, טעוול, וואָלסט געוואָלט זיין ביי די „רוי־טע״? פייערדיקע חברה מוזן זיי דאָס זיין... אַן עק! ס׳איז אָבער פאָרט גוט, וואָס מיר ליגן דאָ און האָבן „ווענעראַ״ ביי דער זייט...

און טעוול דער היכער בחור, מיטן אויסגעקראָכענעם, בלאָנדן קאָפּ ציט די מוסקולעזע אָרעמס, און ס׳שפּילט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן:—די בענקעניש זיינע נאָך אַלע מיידלעך, אַמאָליקע אויף גרויס־שטאָטישע אַלעען. דערמאָנט ער זיך.

— זאָגסט, שושני, ס׳איז גוט?

— אוודאי איז גוט!... — — —

קוים הויבט אָן אויסגיין דער טאָג, נעמט מען זיך ריכטן אין וועג זריין, פאָרען אַרום די פערד. און ביינאַכט, אין אַ ווייפער פאַר־

פרילינגנאַכט, צעלייגט זיך איבער סטעפּ אַזאַ נאָגעדיקער געזאַנג, וואָס רייסט דאָס האַרץ אַרויס פון זיין פאַרמאַכונג. ס׳נעמט שטעכן איבער דער הויט און קילן די ביינער. אַזאַ געזאַנג איבערן סטעפּ, אַזאַ בענקענדיקער, געצויגענער, אַז אפילו די שאַקאַלן שטעלן אָפּ זייער יללה אַ ווייל.

אָ־ע, לאַ־לי־לאַ. אַי־האַ אַי־האַ לאַ־לי־לא אַי־האַ אָ־ע לי־לאַ... לאַ... אַי־אַ. דאָס ציען דעם ניגון, די יונגען פון תּל־שממער בודע. די צוויי אינם סטעפּ...

*

אין איין פאַרטאָג, צוריקקריייטנדיק פון די פעלדער צו זייער בודע, האָבן די צוויי יונגען פּלוצלינג דערזען אַ פרעמדן גרויסן אָגער, צוגעבונדן צום סלופּ פאַר זייער טיר. דער אָגער האָט געריסן זיין גרויסן קאָפּ פון סטאָלב אַוועק און געדריגעט מיט די הינטערשטע, שווערע, אָנגעוואַקסענע פיס.

די אָנרייטנדיקע יונגען האָבן זיך איבערגעקוקט. שושני האָט זיך פאַרחידושט:

— וואָס זאָל דאָס זיין, טעוול? גאָר פּלוצלינג עמעץ געקומען, האַ? ווער, מיינסטו, קאָן דאָס זיין?

— מיר וועלן תּיכּף זען — האָט דער בלאָנדער טעוול קורץ אָפּגעענטפערט און אַ קיצל געטון זיין קליאַטשע אין דער לידקע. אין אַ רגע זענען די יונגען געווען אויפן אָרט. זיי זענען אַראָפּ פון די זאָטלען און געבליבן שטיין מיט די הענט אויף די פעדערשטע גריוועס.

— פיר דו אַריין די פערד אין דער אַנדערער זייט בודע און איך וועל דערווייל מקבל פּנים זיין דעם אומגעריכטן אורח — האָט טעוול לייכט אָפּגעזאָגט, אָנציענדיק דעם שטריק אויף זיין פולן בויך.

— גוט...

אַריין אין טיר, האָט טעוול דערהערט אַ נישקשהדיק שנאָרכצן און אַ סאָפּען, ווי פון אַ פאַרע־מאַשין.

— העי! ווער שנאָרכט עס, דאָרט, אַ מענטש אַן אונזעריקער אָדער גאָר אַ פרעמדער?

אַ נעבעכדיקער טאָג! מ׳זאָל זיך עס גאָר אַ ריר טון... עמעץ איז געלעגן בהרחבֿהדיק אויפֿן פּריטש, ווי ביי זיין טאַטן אין ווייִנהויז, איינגעהילט איבערן קאָפּ מיט אַלע דעקן, וואָס זענען נאָר געווען אין דער בודע, און געהערט אַלעמען ווי דעם קאָטער... טעוול האָט איבערגעלייגט: וואָס טוט מען? צוגיין און אָנכאַפּן דעם אומגעבעטענעם אורח פּשוט פֿאַר די פֿיס אַראָפּשלעפּן פֿון פּריטש און אָנפּנימען? ווערזשע ווייסט, ווער דאָרט ליגט?"

— טציק! טציק! הער, ר׳ אורח, ווער ביסטו?

ר׳האָט נאָכאַמאָל געררופֿן, טעוול, אָבער — אין קול ואין עונה, ווי אויף צו-להכעיס. כאָטש ווער צעזעצט! דערווייל איז שושני אויך אַריינגעקומען אין בודע אַריין, נאָכן באַשטאַטן די פֿערד.

— טעוול, מיר געפֿעלט, אַז דאָס מוז זיין אַן אייגענער יאַט, וואָרעם...

— כ׳מיין אויך אַזוי, שושני, וואָרעם עמעץ אַנדערש וועט זיך דאָך נישט אַזוי צעגאַסטעווען אין דער לענג, ווי אָט דער פֿאַרשוין.

— ס׳איז אַן אונזעריקער, טעוול. נאָר גיי, אַז ער ליגט עס דעם קאָפּ איינגעדרייט אין פֿערצן דעקן. ווייסטו וואָס, טעוול?...

— האַ?

— כ׳האָב עס.

און שושנין איז איינגעפֿאַלן, אַז מ׳דאַרף גאָר גוט באַטראַכטן דעם צוגעבונדענעם אָגער. איז ער אַרויס אינדרויסן, נאָר איידער ס׳האָט זיך איבערגעבערענט אַ רגע, איז ער צוריק אַראָפּ געקומען, קנייטשנדיק ס׳פּנים און צוהאַלטנדיק אַ זייט...

— אַז געהרגעט זאָל ער ווערן! ר׳האָט מיר שוין דערלאַנגט אַ גלעט מיטן פּיסל אין דער ריפּ... כ׳זאָג דיר טעוול, אַ נישקשהדיק כבֿודל...

ר׳האָט זיך געקנייטשט, שושני, און אַזש איינגעביסן די ציין אין דער ליפּ.

— קלויז-לאָשאַק, בלייבט קלויז-לאָשאַק! קאָנסט בעסער אַ ווערטל זאָגן, איידער באַטראַכטן אַן אָגער — האָט טעוול בנעימותדיק אָפּגע-רעדט און פֿאַרסביי זיך צוגעשאַרט צום פּריטש:

— העי! מיר דאַרפֿן אייך שלאָפֿן!

און דאָ איז ער געבליבן, ווי געפּלעפט:

דער פרעמדער אורח האָט פלוצלינג אַ פירגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער די דעקן און אויסשפּיינעדיק אַרויסגעבורטשעט:

— סאַראַ טייוולנים איר זענט! מ'קאָן זיך נישט אויסרוען נעמט איין אַביסל שטומעניש!

— מאירל. מאירל גזלן!! — האָבן ביידע, שושני און טעוול, אויס־געשריגן — ס'איז מאירל! זע נאָר, זע!

נאָר דער אורח האָט זיך איבערגעדרייט, און צוריק פאַרמאַכנ־דיק די אויגן, צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— לאָזט איינליגן, טייוולנים! יאָגט בעסער די פליגן און די ווערים! ס'אַראַ חיות ביי אייך!...

דאַן האָט ער זיך פריש איבערגעדעקט מיט אַלע דעקן און זיך גרייט געמאַכט ווייטער צו שלאָפן. דאָ האָט אָבער נישט איבערגע־ברענט קיין רגע, און ער האָט זיך שוין אינגאַנצן אויפגעזעצט:

— ווייסט אַ שד! דוכט, אַ שעה וועל איך שוין נישט אַפּשלאָפן!

— ס'טויג דיר שלאָפן! מיר וועלן זיך שוין אויך נישט צולייגן!

—האָבן ביידע אוגטערגעכאַפּט. נאָר שושני האָט פאַרענדיקט.

— הויב זיך אויף און מיר וועלן כאַפּן אַ דיבור.

— כאַפּ אַ ביילן! — האָט מאירל אָפּגעהוזקט. — —

און די ביידע יונגען, שושני און טעוול, האָבן דערקענט, אַז... עפּעס נישט פויגלדיק... ז'האָבן זיך איבערגעוווּנקען מיט די אויגן און דאָס האָט באַטייט: „ס'איז נישט דאָסיק מיט אונזער חברהמאַן"...

מאירל האָט זיך געטשוכרעט אין פאַזוכע, געפאָרן מיט די פינגער איבער די עטלעכע בייזע האָר אויפן קאָפּ, געקראַצט מיט די נעגל די אָנגעביסענע פיס און, צום סוף, געפרעגט:

— דער אָדלער דעכעט נאָך אינדרויסן?

— ר'איז דאָ! איז דאָ דיין אָדלער. — האָט שושני גאָר לע־בעדיק איבערגעחזרט.

— מיין אָדלער? איר וועט אייך שוין שלאָגן מיט אים קאָפּ אָן וואַנט!...

— ס'הייסט? — האָט טעוול געפרעגט.

— וואַרט! איילט אייך אָקאָרשט נישט. כ'וועל אייך שוין זאָגן.

די ביידע יונגען, טעוול און שושני, האָבן זיך איבערגעקוקט און איצט שוין גאָר פֿאַרשטאַנען: „מילא, ר'איז אַ פֿאַרטיקער, דער גזלן"... דאַן ציען זיך די שעהען נודנע ביז אומקומען און מדבריש פוילע. אַ יונגע פֿאַרפרילינג-זון האָט דווקא אַריינגעקוקט דורך דער אָפענער טיר פון בודע; די ווערים האָבן זיך כמעשה־נישט געווידמענעט איבער די צעפוילטע בעלקעס און ברעטער; פליגן פֿאַרשידן־קאָלירטע האָבן געזשומעט און אַ שנעלזידער האָט געטשאַדעט אונ־טער אַ פֿאַרויכערטן טעפּל מיט אַ פריש-צוגעשטעלטן געריכטס, לכּבודן גאַסט. שושני האָט זיך געפּאָרעט ביים געקעכץ און דערוויל פֿאַר־פירט אַ שמועסל.

— הערסטו, מאירל, ווערסטו היינט אַריינזופן אַביסל גריץ, אַז דו וועסט דיר אַזש מחיה זיין דיינע גזלנישע אברים! נאָר דעם אָד־לער דיינעם, זאָלסטו מיר מוחל זיין, וועסטו אַליין צופירן צום זשלויב. ער איז גאָר קיין פריינטלעכער נישט. גאָרנישט טאָלעראַנט... ער, פֿאַרשטייסטו מיך, קען זיך גאָר ווייניק אויס אויפן באָן-טאָן. מיט איין וואָרט, ר'איז נישט דערצויגן. דער אָדלער דיינער.

— ווידער: „דיין אָדלער!" כ'האָב דאָך געזאָגט, אַז איר וועט אייך מיט אים שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט!

— מילאָ... דערווייל, חבר מאירל, שטייט דאָ אַ פלעשל מיט אַ ביסל משקה, טאָ נעם און גיס דיר אָן אַ טעפּל. מיר טרינקען „באופן פּרינציפּיוני" פון פונסטערע כּלים. נו, מאַך אַ לחיים.

— האַק אַריין אַ כּוסע! — האָט דער געלער, שווייגנדיקער טעוול אונטערגעהאָלפן, פאָרענדיק זיך ביי עטלעכע ברעטער, מיט אַ האַמער און צוואַנג — האַק אַ כּוסע... האַק!...

מאירל האָט זיך לאַנג איבערגעוווּנקען מיט דער פלאַש, מיט דער משקה, נאָר קיין שלוק האָט ער נישט געמאַכט... האָבן די יונ־גען ווידער געקוקט, ווידער געמאַכט צו זיך מינעס און, לסוף, אַראָפּ־געלאָזט די ברעמען—„ס'איז עפּעס מיטן חברהמאַן"...

מאירל איז אַרויס איבער דער טיר. די כּלבטע „ווענערא" האָט דווקא חשק געהאַט צו פֿאַרזוכן פון גזלנס לידקע, נאָר שושני האָט איר צו-דער־צייט פֿאַרוואָרפן די ברייטע רציעה איבערן האַלז; ר'האָט זי צוגעפירט צו איר באַשטימטן ווינקל, צוגעקניפּט צו אַ שטאַבע און

גענומען מיט איר איינטענהן און דערקלערן דעם אסור פון „אבר מן החי״:

— כלבטע, זולל וסובאניצע, בעל־תאוהניצע: מ׳טאָרנישט, מ׳טאָר־נישט און כאַלאָס! — — —

מאירל גזלן האָט דערווייל געשפּאַנט איבערן ברייטן סטעפּ־שטח, וואָס האָט זיך באַוויזן שוין אנצוטון מיט פרישע באַדיאַ־קעס, כלערליי הויכע גיפטיקע גראָזן און ברענענדיקע ווילדע קווייטן. ר׳האָט ווייט געקוקט מיטן אויג. זיינע בליקן האָבן געצילט וויט־אַרויף צום באַרג־קייטל, וואָס דערהויבט זיך אין צפונזייט, פונוואַנען ס׳קוקן אַראָפּ רויטע, טשערעפּענע דעכער פון „ניהיליליה״: דאָס גע־קרוינטע, יונגע דאָרף, וואָס איז אויסגעבויעט אין אַ ראָד, רינגל־אַיין רינגל־אויס. ניהיליליה, וואָס איז די נעסט פון פּועל־הצעירישן, ליב־לעכן סאָציאַליזם און פּראַקטיצירטע „זעלבסט אַרבעט״, וואָס איז דאָס אָרט פון יונגע פייגנבוימער, ראש חודש רעטעכלעך און פיינע דרשנים אין פויערישע תחתונים..... ביי מאירלען האָט זיך אויסגעמישט אין דער רגע אַנטציקונג און כעס: „אַ יונג־דאָרף, וואונדערלעך ביסטו פון דערווייטנס! וואָלסטו נאָר נישט זיין דאָס אָפּוואַרביקסל פון פענצאַקס, וואָלוואַנסקיס און אַנדערע פּאָלקס פאַרזאָרגערס. מאירל האָט לאַנג געקוקט און די אויגן נישט אָפּגעריסן פון די רויטע טשערעפּענע דעכלעך, אויף יענעם באַרג, וואָס האָט ערשט־נישט־לאַנג נעפּוסטעוועט, געטראָגן אין זיך קדחת און אַנדערע חולאתן און היינט בלעקערן דאָרטן קעלבער און ס׳הירזשען פערד... מאָדנע איז אים, מאירלען גע־ווען אויפן געמיט: „ניהיליליה! דיינע שטיבעלעך חנען אַראָפּ פון אויבן, און דיינע יונגע גערטענער, ערשט־פאַרפלאַנצטע, ווינקען־צו און דערוועקן אַ חיות.״ און פון דער צווייטער זייט אַ כעס, ביז בייסן די נעגל און צופּן דעם ראָק אויף־זיך... ר׳האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. אַ פעלז, אַ זקן, אַ פאַרשוואַרצטער פון ווער־ווייסט־וויפל יאָרן און דורות. און אויפן שוואַרצן שטיין זיצנדיק האָבן זיך ביי אים אין מוח געצויגן און געשפּינט מטושטשע טראַכטונגען: „מאירל, דו זיצסט אָט־דאָ, אין תל־שממער וויסטעניש, קוקסט צום לעבעדיקן דערפל און גאָרנישט... ווערסט ווייטער נאָגן, ווערסט ברעכן דעם קאָפּ און זוכן נעכטיקע טעג... און, אַ שטייגער, ווען וועסטו געפינען,

מאירל? וואָס וועסטו האָבן? אויף קיין אָרט וועסטו זיך שוין נישט אַוועקזעצן... פאַרפונדעוועט וועסטו זיך שוין נישט... רויק לעבן דאַרפסטו אייביק נישט — פּענצאַק האָט דיך שוין איינמאָל־פאַר־אַלע מאָל אַרומגעשטרייכלט און קיין בחורה וועסטו שוין אויך נישט האָבן, מאירל... מאירל! אַן אַמעריקאַנער אָלרייטניק האָט זי ערגעץ פאַר־שלעפּט. ר'האָט דיר דורכגעבויערט ס'אויער... און דו וועסט טאַקע ווייטער רייטן אויף געגנבעטע אָדלערס... טאַקע רייטן..."

ז'האָבן זיך געשפּינט און געדרייט, שוואַרצע פלאָגעדיקע טראַכ־טונגען און דאַן האָבן אָנגעיאָגט שטיקער דערמאַנונגען:

„געדענקסט, מאירל, יענע... זי, נחמהן... ז'האָט דיר געזאָגט וועגן... יאַ, וועגן ליבע און דו האָסט איר געזאָגט, אַמאָל, וועגן אַ היים, אַ שטילער, ערגעץ אין אַ דאָרפיש ביידל... עופות, אַ קעלבע־לע, אַ.. און דו ביסט ערגעץ נעלם געוואָרן. האָסט זיך פאַריאָגט, עמעצן געבעטן און דיך האָט מען אויסגעלאַכט... עטלעכע פּיאַסטער האָט מען דיר געוואָלט געבן... דיר, מאירלען, פאַר אַלע דיינע יאָרן... פּיאַסטערס עטלעכע... דיר.. אַזוי ווי מען גיט אַ.. אַזוי־ווי..."

זיינע פינגער האָבן געריסן די גראָזן, די שטעכינקעס און ר'האָט נישט געפילט, ווי די גרינע שפּיצעכיקע נאָדלען קריכן אים טיף אַריין אין פלייש און גראָבע טראָפּנס בלוט שפּריצן אַרויס. דאָס „גזלנישע" האַרץ איז צעגאַנגען געוואָרן פון וויי, פון דערוועקטן צער און רחמנות צו זיך אַליין: פאַר געפּטרטע יאָרן און אויסגעקראָכענעם קאָפּ. ס'האָט געשניטן ס'האַרץ...

און פון צפונזייט וווּנקען די ניהיליליהער שטיבעלעך מיט רויטע דעכער...

„עך! נאָך נישט דאָס! ס'טוט עפּעס אַנדערש וויי: מ'האָט דיך אַרויסגענאַרט, גזלן! מ'האָט דיר ליבע צוגעזאָגט און... עך! אָט וואָס!" — — —

— העי! מאירל, ווו ביסטו? — האָט זיך פלוצלינג דערטראָגן אַ רופן, איבערן סטעפּ־שטח — ווו ביסטו? ס'פאַרעט אויס דער גריץ אויפן קאַסטן!! פריש געקאָכט, העי, מאירל!...

ר'איז נישט געגאַנגען עסן. — — —

*

ביידע יונגען האָבן זיך, באין ברירה, אַוועקגעזעצט אַרום טאָפּ, געלעקט די לעפל און נישט געהאַט קיין הנאה. טעוול האָט עפּעס געשמייכלט און שושני האָט זיך געחכמהט:

— הערסט, טעוול, ביסט דאָך אַ בעל-דרשן, אַ גאַנצער דברן, אפשר וואָלסטו, אַזוי אויף איין פוס, אויפגעסטריגעוועט אַ רבנן־קדיש נאָכן גזלן? אַנו, נו, גאָרט אָן דיינע דאַרע לענדעלעך, אַנו!

„וועגעראַ" האָט זיך געריסן פון דער קייט און געשנאַפּט מיט די נאָזלעכער.

—ס'איז בלויזער גריץ, כלבטע! בלויזער גריץ — האָט שושני זי געטרייסט.

און שטיל איז דערנאָך געווען, און אַ ליכטיקייט האָט זיך אַריינ־געגאָסן דורך דער אָפענער טיר, און געציטערט אין דער בודע.

די יונגען האָבן זיך געלענגערט אויפן פּריטש און זיך געפוילט צו קראַצן די אָנגעביסענע הענט־און־פיס, גלייך ווי ס'וואָלט זיי גאָרנישט אַרן, וואָס די פליגן בייסן און די ווערים קיצלען. איבער דער צוויי־טער זייט וועגטל האָבן דו פערד מעלה־גרהעט און געפּאָרקעט מיט די נאָזדרעס. אויפן הילצערנעם בענקל האָבן פּאַרבלאָנדזעטע בוזיקעס געדזיאָבעט מיט די לאַנגע, מאַסיווע שנאָבלען און געמאַכט לעכער אין די ברעטער. אָבער ווייטער, — שאַ, שטיל, קיין שאָרך נישט. „נשר", דער יוספיהער אָגער האָט זיך איינגעווילנט מיט דער פענטע אינדרויסן פאַר דער פרעמדער טיר, און אונטערגיביק געקייט דאָס אונטערגעוואָרפענע ווילד-גראָז, ווי ער וואָלט מיט זיך האָבן אָפּגע־מאַכט, „אַז מ'קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער..."

אַזוי האָט זיך געצויגן דער טאָג אין תל־שמם...

* *

*

מאירל האָט זיך פון לאַנג געהאַט אויפגעהויבן פון שטיין און איז געווען אַוועקגעגאַנגען אַ היפשן מהלך, טאַקע גאָר נאָענט צו יע־נע בערג־קייטן־צו, וואָס ציען זיך אַוועק פון דאַנען, ווייט־ווייט קיין מערב-זייט צו שומרון־צו... אַפנים די שפּיציקע פעלזן, וואָס האָבן

פֿרויסגעשטאַרצט, האָבן צוגעצויגן, און מאירל האָט בענטער צו זיי געשפּאַנט. און מאָדנע: פֿאַרגעסן אָן דער ערשט-נישט־לאַנגיקער מוראדיקער פּיין, ווערן זיינע טריט זיכֿערע, פּעסטע, ווי ער וואָלט דאָס ציען צו ערגעץ אַן אָפּגעשמועסטן אָרט... טראָט נאָך טראָט! איינס... איינס... צוויי... הגם ס'האָט זיך איצט כּמעט וועגן גאָרנישט מער געטראַכֿט—אפשר טאַקע צוליב דעם די פּעסטקייט פֿון זיינע טריט — האָט דאָך ערגעץ, אומבאַוווסט, עפּעס פֿאַרקלעמט און דערפֿאַר: טאָ גיין! שפּאַנען! טרעפֿן! באַגעגנען! אַריינקוקן אין די אויגן! אין די פֿאַרשטאָכֿענע אויגן און פֿרעגן: „האַ? ס'סטו געטון? קוק און זע!" ס'האָט אומבאַוווסט אונטערגעטראָגן: איינס... איינס... צוויי... ביז... ביז דער אָניאָגענדיקער אייזערנער שד האָט מיט אַן אויסגעצויגענעם גרילץ פֿון זיין צעפּאַרעטן, רויכֿערדיקן האַלז, אויפֿגעריסן די שטילקייט, און זיינע שווער־געשווייסטע רעדער האָבן זיך איינגעפּאַסט אין די אייזערנע אָדערן, וואָס ציען זיך איבער דער ברייט פֿון סטעפּ. פּיף פּאַף! טשו הו! טשו פּאַף!.. פּאַ.

דעמאָלט האָט מאירל באַוויזן זיך אָפּצושטעלן. פֿון ווייטנס האָט ער געזען, ווי איין מענטש בלויז, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער, ברייטער אַבאַיע, קריכט אַרויס פֿון וואַגאָן און לאָזט זיך אַוועק מיט דער סטעפּסטעזשקע, גלייך קיין דרומזייט, ווו ס'געפֿינען זיך פֿאַרוקטע בעדוויִנישע נאָרעס.

„איין מענטש איז אַרויס פֿון אַ וואַגאָן, — שוינזשע צוליב איינעם, דעם אין דער אַבאַיע, איז כּדאַי געווען אָפּצושטעלן זיך און אויפֿרייסן די שטילקייט? אויפֿרודערן אַ סטעפּ?" — ס'איז אים קשה געווען מאירלען.

דערפֿאַר אָבער, אַז אַזאַ-זעלביקער גרילץ האָט זיך נאָכאַמאָל געלאָזט הערן און דער שד מיט די גרויסע גלעזערנע אויגן האָט זיך ווידער אלאָז־געטון, גענעצנדיק גאַנצע קלעמבעס רויך, וואָס האָבן זיך געקנוילט און געשלענגלט אין דער לופֿטן, האָט אַ מינע פֿון צעפֿרידנקייט דורכגערייזלט זיין פּנים:

„ס'איז פֿאָרט גוט... וואָס ער שטעלט זיך אָפּ דער אייזערנער שד, אָט-דאָ אין סאַמע תּל־שמם. טאַקע פֿאָרט גוט... אפֿילו נאָר דעם רויך צו זען און הערן דאָס גערילצעריי." דאַן האָט ער לאַנג נאָכֿ-

געקוקט, ווי דער צוג שניידט זיך וואָס אַמאָל מער אַריין צווישן די בערג און ווערט דאָרט אַנטרינען; צוגעהערט זיך, ווי ס׳ווערט אַנט-שוויגן זיין אַנגסטיק סאָפּען און איבער דאָס געררייבערייַ פון די רע-דער איבער די רעלסן. „הען הען! אַוועק קיין חיפה... פּיו—פּיו"...

מאירל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ, ווי וועלנדיק אויס-דריקן אָן ווערטער: „וואָסזשע לאָזט זיך טון? מילא... פּיו—פּיו-פּיו"... — — — —

דער אָוונט, אַ גרוינעפּלדיקער, אַ שיטערער, איז פּאַמעלעך אָנ-געשטויגן, זיך פונאַנדערגעוויקלט און לייכט אַראָפּגעזעצט איבערן סטעפּ. באַלד האָט אַ געאיילציקער שאַקאַל זיך פאַרפּירט מיט אַ סאָלאָ-יללה, אַ פּיפּסנדיקער, אַ הונגעריקער, אַ מין אַדאַרויף אויף שפּעטער, אויף באַנאַכט. האָט זיך מאירל מיישב-געווען און צוריק אומגעקערט אין דער בודע. „מען דאַרף ענדיקן... אָנזאָגן דיביידע בחורים. וואָס זיי האָבן „צו טון מיט „נשרן", זיך אַוועקלייגן און גאַנץ פרי זיך קלויבן ווייטער אין וועג אַריין." — —

אין בודע איז געווען גאָר אילומינירט. די יונגען האָבן געטונ-קען אַ סך קנויטן אין אַוירדיקן בוימאייל און דאָס האָט געפלאַמט און געטשאַדעט.

— אָהאָ, זעסט, מאירל, ביי אונז צינדט מען חנוכה-ליכטלעך אין סאַמע פּורים צייט? קום אַהער לייג אַ קנייטל! שושניס איינלאַ-דונג איז ביי מאַירלען נישט שטאַרק חשוב געווען, וואָרום שטייענ-דיק נאָך אויף דער שוועל האָט ער אויסגעשפּיגן:

— אַ ווילער געשטאַנק!

— נישקשה ברודער! מאַך זיך נישט נאַריש, גיי אַהער! אָט וועל איך תיכף אויפקאָכן אָקרופּ, ס׳וועט זיין אַביסל טרינקעכץ און מיר וועלן דורכשוועכקען די געדערים. אַ בלעטל צייטונג איז אויך דאָ און ס׳וועט אונז אַוועק ווייל ווי די וועלט! — האָט שושני אים אָויס-גערעדט — העי, טעוול! נעם זיך פאַר דער בלעך און מאַך פייער! מיר דאַרפן זיך דאָך אָנפּיקן פאַר דער אַרבעט. מיר וועלן נאָך איב-גאַנצן אַ צוויי שעה קאָנען פאַרברענגען אינאיינעם. ר׳איז צוגעגאַנ-גען צו דער טיר. אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געזוכט אויפן הימל...

— די שטערן באַהאַלטן זיך אפילו, אָבער די צייט ווייס איך...

טעוול האָט שווייגנדיק, זיך געפּאָרעט ביי דער בלעך, געמאַכט דעם שנעלזידער און אַפּירגעזוכט סוכאַרקעס.

מאירל גזלן האָט זיך געלאָזט איבערעדן, זיך אַוועקגעזעצט ביים קאַסטן, וואָס דינט ביי די יונגען פאַר אַ טיש, און ביי עפּעס-וואָס זיך לעת-עתה גענומען צורעכטמאַכן דאָס ציבוקל.

— טאָ־טאָ... הם... טאָ־טאָ... — —

אַז טיי איז פאַרטיק געוואָרן, איז שוין געווען אָנגעגאָסן אין די אויסגעשטשערבעטע, בלעכענע טעפּלעך, אָן אויערלעך, און געפּאַרעט אויפן טיש, האָט שושני אַפּירגענומען פון צווישן בעלעק אַ פאַר־געלט, מיט פליגן־פּינטלען באַצירטן בלאַט־צייטונג.

— מיין נישט, מאירל, אַז מיר זענען נישט קיין ציוויליזירטע לייט און לייענען קיין צייטונגען נישט! זאָלסט אַזוינס גאָרנישט קלערן! אַי, דאָס בלאַט איז נאָך פון א זעקס טעג פריער — אָבער דאָס מאַכט דאָך נישט אויס. פאַרשטייסטו, חבר, מיר קאָנען שוין פּשוט נישט לעבן אָן אַ צייטונג. פאָרט דורך אַ צוג—איז היידאַ! צו־געלאָפן צום פענסטער און צוגעשלעפּט, אַ פרישע, אַן אַלטגעבאַקענע, אַ לינקע, א רעכטע—אַבי אַ בלעטל־שמות. היינט האָב איך זיך גאָר פאַרטאַיעט און דער צוג איז דורכגעפלויגן. טס! טס! אַ נכפה!. אָבער נישקשה, מיר וועלן נאָכאַמאָל אַ קוק טון, זורכלייענען, וואָס דאָ איז אַזוינס דאָ.

— טרינק די טיי, זי ווערט קאַלט! ר׳ ריש לקיש האָט זיך שוין צעטענהעט!—האָט דער שווייגעדיקער טעוול זיך איינמאָל אַרויס־דערבוועט — ניין מאָס רייד פאַרמאָגט דער ראָדעמער עלוי.

— יאָ, חבר טעוול, דו פאַרמאָגסט מער: שווייגן, זאָגט מען איז מיט גאָלד געוויגן. האַלט־זשע ס׳מויל וועט מען דיך טאַקע זיכער אָפּגילדן.

מ׳האָט אויפגעהערט רעדן און געטרונקען טיי; מ׳האָט פאַרקייט מיט אַלטע סוכאַרקעס און מיט דאַרן ברויט; דאַן האָט מען גערוי־כערט און געברומט אַ ניגונדל; דאָס אַלטגעבאַקענע בלעטל צייטונג האָט זיך געוואַלגערט אויפן קאַסטן, אַ פאַרנעצטס און פאַרשמירטס. שושני האָט שוין אַוודאי פאַרגעסן, און טעוולען איז עס גע־לעגן אין דער לינקער פּאה. אָבער דערפאַר האָט שטאָט זיי גאָר

מאירל, אומגעריכטערהייט, אַ צו געטון דאָס בלעטל מיט צוויי פינגער־

— מ׳מוז דאָך, צו אַלדי גוטע יאָר, כאָטש איינמאָל אין אַ יובל אַ בליק טון אויף די געדעכטע אותיות! מען מוז דאָך אַ קוק טון וואָס פאַר אַ וואַסער מען גיסט דאָרט אויף די קעפּ פון אונזער חברה. הי, יונגען, גיסט... מילא... גיסט שוין צו אַביסל בוימאייל ס׳זאָל נישט שווינדלען פאַר די אויגן!

ר׳האָט געגומען לייענען מאירל, מיט אַ וואַזשנער מינע איבער־געקוקט די פעטע קעפּלעך איבער די שפּאַלטן; יעדן האַרבן זאַץ אי־בערגעחזרט אויפן קול און אויסגעטייטשט:

— הם. טאַקע! טאַקע זיך אויסגעלאָזט אַרבעט... הם... יונגען גייען דאָרט אַוודאי אַרום שלונג-און-שלאַנג... מ׳זוכט עצות... טצאָ!

שושני האָט צורעכטגעמאַכט די קנויטן, געגאָסן אייל און מאירל האָט געשלונגען די שורות.

—הם... ס׳איז אַ בלאָטע דאָרט... מ׳מאַכט זיצונגען און אסיפות.. מ׳זוכט דעם גנב... זע! דער גדול הדור חנא נחום פאָרט צו די אַמעריקאַנער פעטערס! — —

נאָר מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטון:

— אַוודאי וועט מען זיך דאָרט הענגען, אין תל-אַוויאָשקע! אַוודאי! איך ווייס דאָך דאָרט איז אַנדערש נישט געמאָלט. אַ בחור האָט זיך אויפגעקניפּט אויף אַ בעלעק.

טעוויל וועלכער האָט זיך בשעתן לייענען אַוועקגעלייגט אויפן פּריטש, האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען:

— און דו, גזלן, ווילסט דיך נאָך פאַריאָגן אַהינצו? מהיכא תיתא...

נאָר שושני האָט איבערגעשלאָגן טעוולס רייד:

— וואָס הערסטו, ברודער גזלן? דעם שותק!? לייען בעסער, וואָס ס׳שטייט אויף דער דריטער זייט!.. מען טאַנצט! מען גרייט זיך צו פּורים! ס׳איז לעבעדיק... פּורים, ברודער!.. פאָלג מיך, הער נישט וואָס אָט דער בחורעץ האַקט דיר אַ טשייניק! צי זיך קיין תל־אביבושקאַ! וועסט דיר איבערקערן די הויזן אויף דער לינקער זייט און מיטטאַנצן. פּורים רוקט אָן, און דעמאָלט איז לעבעדיק דאָרטן. מ׳קערט אַ וועלט... וועסט דיר קאָנען צוטשעפּען אַ פּאָר הערנער אויך

און אַרומשפּאַצירן איבער די בכבודיקע גאַסן. הער נישט דעם שותקו! וואָס ווייסט ער? אַהין, אַהין! ווו מען טוט אָפּ אַזוינע מעשים און מ׳טאַנצט נאָך ביז גאל־ישראל... יאָ, יאָ... — —

ר׳האָט זיך אַליין אַזוי פאַרעדט, שושני, און נאָכדעם איז ער זיך אין די אייגענע אויגן אויסגעקומען גאָר לעקעשעוואַטע... עפּעס פּלאָנטערט זיך די צונג, ס׳וויל זיך אָפּשפּעטן... ס׳וויל זיך שטעכן און אַרויסקומען קומט עס אַרויס מעשה־טפשות... חוזק... הוזק... איך דער לינקער זייט... איז ער געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער נאָז, געקוקט אויף די שפּיצן פון די האַרטע, אַלט־סאָלדאַטישע שוך, וואס זענען מגולגל־געוואָרן אויף די פיס פון אַ תל־שממער שומר... — — — —

און אינדרויסן איז אַ פאַרשלייערטע טונקלקייט, וואָס וויקלט זיך אַריין דורך דער האַלב־אָפענער טיר פון בודע, אינאיינעם מיט אַ לייכטן ווינטל, וואָס הויכט איבער די צאַנקענדיקע קנויטן אין די בלעכלעך אייל. און דורך דערזעלבער האַלבאָפענער טיר און די שפּאַלטן פון די צעפוילטע, ברעטערנע ווענט יאָמערט אַריין אַזאַ פאַרשטאַרקטע יללה פון אַ סטאַדע שאַקאַלן פון די פאַרהאָנגענע בערג קומען זיי איצט, פון די פעלזן אַרום, וואָס זעען איצט אויס, ווי איינגעהילטע, ברייטלייביקע פרויען, וואָס הויערן אין די הויכן... און זיי וואָיען, יאָמערן, און די יללות קומען פון די ליידיקע בייכער אַרויס, וואָס הענגען זיי צווישן די געפלעקטע פיס, ווי טאָרבעס ליידיקע. ווערט די יונגען אין בודע אומהיימלעך, אַזש אייליק און זויער צווישן די ציינער און ס׳קריצט אונטער דער הויט.

מאירל פאַרנעמט זיך ווידער מיטן ציבוק און שושני קלערט, וואָס ס׳וואָלט גוט געווען צו טון אין אַזאַ אויפדערנאַכט. אַ שעה אַנדערהאַלבן פאַר שמירה־האַלטן... נאָר מיטאַמאָל דערהערן זיך טריט פאַר דער טיר. שווערע און נישט־זיכערע

— ווער איז דאָרט? ווער גייט עס דאָרטן?! — טאַנצט טעוול אַראָפּ דער ערשטער — ווער איז עס?

— איך, איך כאַוואַדזשע... זאָל זיך דיין האַרץ נישט שרעקן. אַ שכן קומט רוען אַ ווייל אונטער דיינע בעלקעס.

— אַך, דו ביסט עס, אַבאָ סעלים?

— איך, כּאַוואַדזש „טעבל״. זאָל דיר און דיין חבר די נאַכט צום גוטן קומען. סאַלעם אלעיקום!

און מיט אַ צענדלינג ברכות אויף די ליפּן רוקט זיך אַבאָ־סעלים אַריין אין דער בודע.

— אַלעיקום סאַלאַם, זעץ זיך, אַבאָ־סעלים. אַ גאַסט ביי אונז. טייל זיך מיט אַלעמען, מיט ברויט און מיט צוקער. — האָבן שוין ביידע בחורים, אי טעוול, אי שושני, זיך גענומען מטפּל־זיין מיטן אורח. — זיך און דערציילן עפּעס נייעס.

— איך זע, אַז נאָך אַן אורח איז ביי אייך פאַראַן. כ׳האָב אַן אָגער דערקענט, וואָס איז צוגעקניפּט דרויסן. אַ וווּנדערלעכער אָדלער. אויף אַזוינע פלעגן די גרעסטע גבורים אין דער נאַכט צו פליען. אין די פריערדיקע צייטן פלעגט מען אויף אַזוינע אָדלערס דורך די גרעסטע סכנות צו פליען. איבער בערג, איבער טאָלן, אי־בער פייער אין גיהנום. מען דערציילט, די זיידעס אונזערע, אַז אויף אַזוינע אָדלערס פלעגט מען אַוועקצוטראָגן די שענסטע כּלות פון פיינטלעכע שבטים; די שענסטע יונגפרויען אַרויפזעצן און אַוועקפירן צו די אייגענע ווייטע מחנות. אַזוי פאַרציילט מען. געווען... געווען. נו, פאַרפאַלן. זאָל אַללא און זיין נביא זיך מרחם זיין אויף די פרומע קינדער און ווייבער מאַכן די הערצער פון נישטגלויביקע און זיי ווייזן דאָס אמתע ליכט. אַללא און זיין נביא. הכּלל, וואָסזשע מאַכט איר? ביידע אין אייער געזונט? אייערע פערד און אייער הונט?

— און דיין אייזל? — האָבן די בחורים געפרעגט — און דו אַליין אַבאָ-סעלים?

— וואָס זאָל מען מאַכן? ס׳ווערט אומעטיק אין אָוונט.

אַבאָ־סעלים איז אַן איינזאַמער וועכטער ביי די רעלסן זינט באַנען גייען דאָ פאַרביי. ער רוט אין אַ הילצערן ביידל, נישט ווייט פון דאַנען, מיט אַ קליין אייזעלע און אַן איינציק ווייב נאַזראַ, וואָס האָט אים בעשענקט מיט אַ זון סעלים, נאָך וועלכ׳ן ר׳האָט שוין דעם כּבוד צו הייכן „אַבאָ״ — דער טאַטע פון סעלים. אַבאָ–סעלים איז אַ הויכער, ברוינער אַראַבער, מיט ווייסע בלישטשענדיקע ציין, מיט אַ גרויסער בילמע אויפן רעכטן אויג, וואָס האָט זיך צו אים גענומען פון נישט

איבריקער ריינקייט, און וואָס פאַרשאַפט אים צער. ער איז אַ מענטש מיט אַ פעסטן אָרעם און מיט אַ נאָך מער אייזערנעם האַרץ. אַ סך שווערע זאַכן איז ער גובר, נאָר דעם אומעט זייַנעם קאָן ער זייער שווער בייקומען...

— מיטן אומעט, אין אַזוינע אָוונטן, קאָן מען דיר אַ קנאַפּע עצה געבן. שווער... — קלאָגט ער זיך, אבא־סעלים — וואָלט כאָטש נאָך איין וויַיב געווען, אַ יונגע, וואָלט שוין לעבעדיקער און ניחאער געווען מיט איר צו ליגן און זיך וואַרעמען ביי איר יונגן פלייש... אַז אללא וויל אָבער נישט העלפן. צייטן זענען שווערע און... „מאַ־פיש מאַסארי”, נישטאָ קיין געלט... אַז פאַרן קלענסטן שטיקל וויַיבל, וואָס איז גרויס ביז צו דער קני און דאַר, ווי מיינע זוילן, הייסט מען זיך באַצאָלן אַ שלל מיט גאָלד, אַן אוצר... מוז איך נעבעך זיצן און קוקן אויף מיין גוטער נאַזראַ, וואָס איז שוין ווי אַ נבלה, און אַווירט, ווי אַ אויסגעמאָרעט אַלט קעמל, דערפאַר באַפּאַלט אַן אומעט...

— ס'איז אויף דיר אַ רחמנות, אַבאַ־סעלים... — פאַלט אים שושני אין די רייד — אַ רחמנות, ווי איך בין אַ לעבעדיקער.

— וואָס מיינסטו? אַ גרויס רחמנות אויף דיר, אבאַ־סעלים... זאָל זיך נאָר אללא און זיין נביא אויף דיר מרחם־זיין — שאָקלט טאַקע אבאָ־סעלים אַליין אויף זיך צו מיטן קאָפּ — זאָלן זיי זעען דיין פּיין.

אַז די יונגען זענען אים מכבד מיט אַ גלאָז קאַלטער טיי, דאַ־רע סוכאַרעס און אַ ביסל טאַביק־בלעטער, קומט אויף אים אַ אויפ־רעכטונג. ס'ווערט אים וויל און זיינע ציינער גלאַנצן נאָך מער, פאַר גרויס הנאה:

— נישטאָ די אַלטע יאָרן איבערן סטעפּ. איז געווען, קינדער, אַ גרויסער און אַ ברייטער סטעפּ... און די בערג און די פעלזן זע־נען נאָך העכער און גרעסער געווען. און רויבערן פלעגן זיך אָט די בערג און מיט פייער פלעגן זיי שפּייען. — אללא זאָל מיר אַזוי אַ יונג וויַיב באַשערן, — ווי מיט פייער געגעצן! און איך, אבאָ־סעלים, פלעג דאָס העלישע פייער מיט מיינע הענט צונויפנעמען, שאַרן עס אין הויפנס.. יאָ, יאָ! און קומען פלעגן דאַן מכשפים און מכשפות

מיט גרינע און בלויע אויגן; מיט נעגל, ווי מיט מעסערס... פלעגן זיי צוקומען פון צווישן די בערג, כדי מיט מיר אַ עצה צו האַלטן; כדי צו לערנען ביי מיר... אָבער איך, אבאָ־סעלים, פלעג זיי טרייבן, בלויז מיט אַ געשריי און מיט אַ שפרונג... אין גיהנום מיט אייך, מכשפים גרין־אויגיקע! יאָ, יאָ. און שלאַנגען גרויסע, און פּיפּער־נאָטערס פלעגן דאָ פויזן און איך — כ'לעבן, איך — פלעג זיי מיט די פינגער ביי די פיסקעס אָננעמען, ביי די בייכער זיי טאַפּן, און דאַן דערשטיקן... נו, און מיט אַ הויך פון מיין מויל. — זאָל אללא מיר אַזוי העלפן, ווי ס'איז גאָר קיין גרויסער ליגן נישט... נישט קיין שקר, וואָס איך דערצייל... יאָ, יאָ... און טאַקע נאָך יענע וואָך — יענע וואָך! — רייט איך אַזוי, איך אבאָ־סעלים, אויף מיין אייזעלע און דאָ, — אַז אַ שלאַנג גיט דיר אַ שפרונג גלייך אין פנים, נעמט דיך לעקן און איר צונג איז ווי אַן אָנגעגליטע ריט... וואָסזשע מיינט איר? העכען! העכען! — הויב איך אָן שרייען — העכען, עפן דיין פיסק! און די שלאַנג עפנט איר גרויסן מויל און איך, אבאָ־סעלים, שטעק איר אַריין מיין קולאַק אינעווייניק און אין .דער רגע — וואָס מיינט איר! אין דער רגע האָב איך די צונג געהאַט אין די הענט... און ווייטער? נאזרא, מיין אַלטע, האָט די צונג אויף אַ שפּיז גע־בראָטן און אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר שטיקער געשניטן און זיך גע־לאָזט ווויל באַקומען... אַזאַ גרויסע צונג איז עס געווען... יאָ, יאָ... ווי איך בין אַ לעבעדיקער, אַז דאָס איז נישט נאָר דער גרעסטער, שענסטער ליגן. — —

די קנויטן האָבן אָפּגעסמאַליעט און דער פלאַם האָט זיך ניד־ריקער געזעצט. אין בודע איז שוין פינסטער געוואָרן, און די יונגען האָבן גאָר פאַרגעסן אָן דער שמירה. די פערד, אין דער אַנדערער זייט, האָבן געשפּאָרטעט מיט די פּאָדקאָוועס אין דער ערד און געצופּט אַ פויל גרעזל. מ'האָט זיך גאָר פאַרגעסן. אַבאָ־סעלים האָט געפינטלט מיט דער גרויסער בילמע, זיך געקראַצט אויפן קאַרק און אונטערן אויער, ווי וועלנדיק נאָך צוטראַכטן עפּעס, און זיינע גראָבע ליפּן האָבן זיך באַוועגן:

— אַזוי, אַזוי... גאָר קיין שקר נישט... נישט דער גרעסטער נאָך.

און מיטאַמאָל — מאירל הויבט זיך אויף, שאַרט זיך צו אַבאָ-סעלים, לעגט אויף אים אַרויף אַ האַנט און צעשאָקלט אים:

— זאָג, אַבאָ-סעלים, האָסט געלייגט? געלייגט, ווי אָט די כלבטע, צי ניין? אויב דו האָסט געלייגט, זאָלן זיך ביי דיר בייזע רוחות באַזעצן! זאָל דיין ביידל חרוב ווערן און דיין אַלט לייב פוילן! אויב דו האָסט אויסגעקלערט ווילדע שקרים, ביסטו אַ שטיוול! אַ שטיוול און נישט מער! נאַר... און אויב ס'איז אמת — זאָג, ווי-אַזוי רייסט מען פון אַ שלאַנג די ברענענדיקע צונג אַרויס?! וויאַזוי כאַפּט מען זי ביים האַלז און מען ווערגט זי? וויאַזוי מאַכט מען די גיפטיקע אומשעדלעך? רעד! וויאַזוי טויט מען זי און מען לאָזט זי פאַרעפּושט ווערן אויף גאָטס ערד?! זאג, רעד, אַבאָ-סעלים! עפן דיין מויל, אַלטער! אַבאָ-סעלים האָט זיך נאָכמער געטשוכרעט אין קאָפּ, געגלאַנצט מיט די ציין און נישט געוווסט, וויאַזוי אָנצוהויבן. און מאירל האָט געגרזעט:

— איר הערט, יונגען, איך גיי מלחמה האַלטן מיט אַ שלאַנג, וואָס האָט מיך געלעקט מיט אַ פייערדיקער צונג! איר הערט? דעם אָדלער, וואָס איז צוגעבונדן אין דרויסן, וועט איר צוריקפירן קיין יוספיה. כ'האָב אים פון דאָרטן אַרויסגענומען „נשרן", פון יענער שטאָל. איך אַליין לאָז זיך אַוועק. כ'וועל זי ווערגן די שלאַנג. אָהאָ! ווי איך וועל זי! אָבער פאַרוואָסזשע שווייגסטו, אַלטער? פאַרוואָס רעדסטו נישט, אַלטער? — —

האָט זיך אַבאָ-סעלים נאָכאַמאָל פאַרמאָסטן:

— אַזוי לעב איך, ווי ס'איז נישט דער גרעסטער און שענ-סטער ליגן... לייג זיך אַוועק וועסטו הערן און וועסט געוווּיר ווערן: ס'זענען פאַראַן שלאַנגען כלערליי, פאַראַן מיט רינגלען אויף די קעפּ און מיט שטרייפלעך אויף די האַרטע בייכער. פאַראַן אַזוינע, וואָס, וואָס... מעגסט הערן, דער אַלטער מאַכמעט, דער בלינדער, וואָס רוט אין דערפל דזשאַזי דערציילט... מאירל האָט זיך צעלייגט ביים דער-ציילער צופוסנס און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַן אָרעם. די כלבטע ווענעראַ האָט דערווייל געכאַפּט אַ גענעץ, רייסנדיק זיך אויף דער פענטע.

— דער אַלטער מאַכמעט פון דערפל דזשאַזי דערציילט אַזוי:

ס׳איז געווען אין צייט, ווען דעם נביאס ווערטער זענען געהאָנגען אויף יעדנס ליפּן, ווען אללאס שפע און ברכה האָבן נישט געפעלט, און מענטשן זענען פון זאַקרויבן נתעשר געוואָרן; ס׳איז געווען נאָך דעמאָלט, עט דעמאָלט... אַבאָ-סעליס האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיין קוואַל האָט זיך געעפנט....

— — — — — — — — —

X

אַ יונגע שטאָט, ביים ברעג פון ים התיכון ליגט זי, באָדט זיך אין אַ גאָס פון ליכט, וואָס ציטערט אינם חלל, דעם בלוילעך־דינענקען, און גאַרבן שטראַלן, חודש-אדרדיקע גילדן, ליישן טויערן און לאָדנס. ליכטיק איז! און שטיינער גליען אונטער פיס-טריט און זאַמדן ברענען. יעדעס קערנדל, יעדנס זעמדל, אַ שטויבל גאָלד! און הימלען הויכע, בלויע, טיפע, הויבן זיך און הויבן. און מענטשן דרייען זיך אין שטאָט, אין ליכט־פאַרגאָסענער, און אויגנלעפלעך פאַלן צו פון צופיל גאָלד.

נאָר... „פאַרוואָס שלעפן זיך אַזויפיל מענטשן, אין טאָג אַזאַ יונג־זומערדיקן, אַזוי פיל? פאַרוואָס יאָגן זיי זיך נישט, די יונגען, אין הוילע העמדער, אויף לייבער קווארע, איבער די גאַסן ניי־גע-בויטע און פריש-געפלאַסטערטע?—ווי די בינען דאַרפן זיי דאָך זיין, ווי די בינען?" — —

מאירל איז געשטאַנען אויפן האָרן פון אַ גאַס, געגאַפט און געפינטלט מיט די אויגן. שעהן, גאַנצע שעהן. און געשעפט: — מיט אויגן, מיט אויערן, מיט נאָז, מיט אַלע חושים; פאַר זיך, הינטער זיך, אַרום זיך, שווינדל פון רעדער, געשריי פון טרעגעס, געזידלע-ריי פון פאָליסן, גלעקער־געקלינגעריי אויף קעמל־העלזער און כאַר־טשעריי פון גראַמאָפאָנען; וואָס דאָס אַלץ איז... אָבער... „מענטשן אין די גאַסן, אין גרויסע כנופיות, אין קליינע און ביחידות—פאַר־

וואָס איילן זיי זיך נישט? און ווער זענען זיי?" קיין איין אייגענער נישט, קיין באַקאַנט פּנים נישט, קיין גואל און קיין פריינט... פּנימער אָנגעכמורעטע, פּנימער צאָרנדיקע, שטייפע אָרעמס, קעפּ צעשויבערטע, הערצער צעבראַסטעטע—„ווערזשע זענען זיי?" האַ? האַ?— „אַרבעטער, מאירל, וואָס ביטן פּלייצעס אָן, וואָס טראָגן הענט און רוקן אונטער, און ס'איז קיין קונה נישט און בעלן גאָר נישטאָ אויף זיי; וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג אַ שטאָט אויף וויסטן שטח אויפגעשטעלט און טורעמס אויסגעבויט און וועגן אויסגעפּלאַסטערט, כּדי זיך אַהינצוטון אויף זיי און קאָפּ און האַרץ פאַרלירן; כּדי מיט זשעדנע אויגן אין די פענסטער, גרויסע, געשליפענע, צו קוקן און ליפּן בייסן; כּדי, נאָך טעג פון זוכעניש, פון נישטערן און פרעגן, אומצוקערן זיך, אין ביידלעך הילצערנע, צעפּוילטע, און געצעלטן מויליקע און וואַנציקע, וואָס וויקן ערגעץ, ווי די שוואָמען אויף שטחים זאַמדיקע...

ר'האָט זיך אַליין געפרעגט און אַליין פאַרענטפערט. נאָר איין שאלה איז געבליבן אַן אומפאַרענטפערטע:

— „ווי די בינען דאַרפן זיי דאָך זיין, די יונגען, ווי די בינען"....

ר'האָט געשעפּט מיט אַלע חושים, מאירל. נאָר חושים זענען אַ ביסעלע טעמפּע, צו באַנעמען... צוליב ליכט און הימלבלוי... אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך מאירלס בליקן אָנגעקלעבט אויף גרויסע הילצערנע טאָוולען אויף אַ וואַנט ביים עק גאַס און זיך שוין נישט געקאָנט אָוועקרייסן: אַפישן מיט רעגנבויגן קאָלירן—בלוי און גרין און וויאָלעט און אַנדערע—האָבן אַראָפּגעשריגן מיט פעטע אותיות: „טעאַטער, טענץ, פוסבאָל און... אַסיפות פון הונגעריקע, אַרבעטסלאָזע". „קומט, קומט טאַנצן ביי פּויק און דזשאַז! קומט, קומט אין מאַסן באַוווּנדערן שפּיל און געזאַנג; קומט זעען, ווי מ'וואַרפט חריפותדיק דעם באַלן, קומט גאַפן די גבורי ישראל, די זיילן פון אונזער יונגן שטאָלצן דור"... און... „קומט! קומט מיט גאָרגלען צעגטויזנטער אויסצושרייען: וויי! מיר זענען הונגעריק! גיט אַרבעט! אַרבעט! נעמט בלוט און מאַרך אונזערן פאַר לאַנד. פאַר גאָלדן שטויבל-זאַמד!—קומט שרייען מיט העלזער און צונגען!"

אַז ר׳האָט אַוועקגעדרייט די אויגן פון די בונטפאַרביקע פּלאַ־קאַטן און בלעטער, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס יונגען שלעפן זיך אַרום אַזוי פויל, אין העלע, יונג־זומערדיקע טעג, אין גאַנצע כנופיות, קליינע, גרעסערע און ביחידות, איבער די פּרישבּרוקירטע כראָטואַרן. האָט זיך אים. לסוף, אויך פאַרגלוסט, זיך אַריינצופלעכטן אינם געדרענג פון אָט דער חברה. ס׳האָט זיך אויך געוואָלט, אַוועק־שטעלן זיך, צוגלייך מיט די צעשויבערטע, פאַרן גרויסן, גראָען הויז, וואָס אַקעגנאיבערן האָרן און ס׳איז דאָס הויז פון „איינזאַמלונג״ פאַרן האָרעפּאַשנעם בחור און אויסגעצאָמטן מיידל, וואָס ביי מאַשין, אויף דינסט ביי רייכע לייט און וואָס זיצט מיט האַמער ביי די קופּעס שטיינער, אויפן ברען פון זון. ס׳האָט זיך אים אַצינד אויך פאַרוואָלט אַוועקשטעלן אין רעדל פון די יונגען און מיידלך, וואָס פּילן אָן און באַלעבן דעם גרויסן פּלאַץ ביים גראָען הויז, וואָס טראָגט אויף זיך די שווערע, שטאָלצע שילד: „אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון העברע־אישן אַרבעטער.״ — —

און אַז ער מישט זיך אַריין, מאירל, קוקן אויף אים אויגן אַ סך, און פונקען פון לייכטן חוזק פלעמלען אין זיי:

— פרידן צו דיר, חבר! ווען געקומען? לאַנג שוין אין „ערעץ״? דוכט, די קנייטשן פון קאַראַנטין־לויז־מאַשין אויף די תחתונים דיינע, אמת? דוכט, אַ גרינער האָרן וואַקסט ביי דיר אויפן סאַמע־מיט פון שטערן. אמת? חבר, ס׳רינט מיט מילך און האָניק. שטעל די צונג אַרויס און לעקן.

געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! — —

וואָסזשע זאָל ער ענטפערן, מאירל? אַז חושים זענען אַביסל טעמפּ און ס׳שווינדלט קאַפּעטשקע אין מוח... באַוועגן זיך זיינע ליפּן און שעפּטשען פאַר זיך:

— עך, יאַטן! ווי פאַרשטייט איך אייך! אין אייערע ביינער און ביינדעלעך! דאָס גראָע הויז איז אַ הויכס, מיט טרעפּן, אַ שטאָקיקס. אויפן שטאָק קאַנצילאַריעס, מיט באַאַמטן, מיט פאָרטפעלן און פּענס־נעס. פאַרגלוסט זיך מאירלען אַקוק־טון, אפשר פאַראַן אויבן אַ באַ־קאַנטער פּרצוף, אַן אַלטער פריינט... נאָר אויבן כאַפּט אים אַ זאַדוכע אַרום. אַ שמאָלער קאָריטאַר און בחורים און בחורות שטופּן זיך מיט

עלנבויגנס און מיט קניען. בייזע אויסגעשרייען און גאַליקע אויסרו-פענישן. טירן פון ענגע, שמוציקע חדרים שטייען אָפן און אינעווייניק זיצן טרובע פאַרזאָרגער מיט פעדערן אונטערן אויער און געפּיבען נישט די הענט און פיס. מוזן זיי, די פאַרזאָרגערס, טרייסטן:

— גייט, גייט! לאָזט צורו. דערווייל נישט פאַראַן קיין אַר-בעט... אַז ס'וועט זיין וועט מען מודיע זיין.

חברים־יאַטן לאָזן זיך אָבער נישט טרייסטן. זיי קאָנען נישט וואַרטן. יאַטן האָבן ליב, מ'זאָל תיכּף מסדר־זיין, אָדער אַנדערש ענטפערן... פליען דערפאַר ביכער און טינטערס און היטלען און שפּענער, גלייך אין פּנים פון טרודן „חבר־פאַרזאָרגער". און זלזולים שיטן זיך אויף זיין קאָפּ: „מנוול! פּאַראַזיט!" און פּשוט: „סטראַמפּ!" אַ מהומה, אַ געפּילדער און געזידלעריי. און פּאָליציי איז פלינקע פאַראַנען: דראָטן זענען מודיע, און פריילעך ווערט און לוסטיק ווערט... קאָן שוין מאירל גאָרנישט מער, ווי ווידער פּאַר זיך שעפּטשען:

— וואָסושע, צו אַלדי רוחות, איז דאָ? נו, טאַקע—וואָס?

און ענג ווערט אים אין גאָרגל און טרוקן אין מויל. קוקט ער זיך אַרום און איז מבולבל.

און ווענט, אין ענגן קאָריטאַר, זענען אָפּגעשיילטע, גרויע, קויטיקע. מיט הונדערטער אויפשריפטן פון צינישן באַטייט פאַר־ציירט; מיט צענדליקער קאַריקאַטורן פון גרויסע העברעישע מענער און מיט אַ סך לאָזונגען... באַטראַכט ער, מאירל, באין ברירה, דאָס אויך, באַקוקט און לייענט. ס'פעלט אויך נישט, צווישן אַנדערע גע־שריפצן, אַ געדיכט, מיט רויטן שריפט געשריבן, וואָס דערציילט פון „גרויסער גלוסטונג צו מיידל־לייב, צו מיידל־קוואַל"... און ס'פעלט אויך נישט אַ ליד, אין וועלכן דיכטער ווילן וויסן, פון וואַנען „מיידל־פיס וואַקסן"... אָט אַזוי פּשוט, אָן חכמות... לייענט ער מאירל און קאָן זיך נישט דערכאַפּן. נאָר פלוצלינג:

— אָווא! וועמען זע איך! גזלן?!! דו?! דו?! ווי קומסטו אַהער?! מאירל? דו אַליין? פוי! ימח שמך! פון וועלכע היילן און מדבריות האָסטו זיך אַהערפאַרשלעפּט?

מאירל דרייט אַ האַלב־געפּלעפּטער אַוועק די אויגן פון די

געשריפּצן אויף די ווענט, קוקט מטושטש פאַר זיך און ווייסט נישט, וועד ס׳רעדט צו אים.

— גזלן! וואָס גלאָצסטו מיט קעלבערנע אויגן? דערמאָנסט זיך נישט?

אַ חידוש! ער קאָן זיך טאַקע, באין אופן, נישט דערמאָנען; ס׳פאַלט אים נישט איין, אַז דער ברייט־פּלייציקער יונג, מיטן באַ־לעגאָלטע פּנים, מיט זעמל־פּיס און געבערגס־גוי־קול, וואָס שטייט לעבן אים, איז קיין אַנדערער נישט, ווי ער אַליין, דער קניאַקער אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, דער באַרימטער חבר מיציעס! וווּנדערט ער זיך דער חבר מיציעס, דער וואָס טראָגט איצט אַ לעדערטעקע אין דער גרויסער לאַפּע; וווּנדערט ער זיך טאַקע, מיט איבערגעקער־טע אויגן פון אַ באַיאָרטן שיכור, באשר מאירל גזלן מאַכט זיך נישט וויכנדיק.

— גזלן! דו שפּילסט דעם „טויבן יאָסל״? דערקענסט נישט דיין אַלטן חבר? מיך מיציעסן, מ י צ י ע ס ן ! ?

— דו ביסט עס? טאַקע? נו, זייער פיין. ווערזשע איז עפּעס די טעקע אין דיין לאַפּע, חבר מיציעס? האַ, האַרצינקער?

— נישט וואַזשנע, גזלן־סערצע. זאָג בעסער צוליב וואָס דו האָסט זיך פאַרשלעפּט אַהער... אפשר דאַרפסטו גאָר אַ טאָג אַרבעט? מיר בויען איצט אַן אייגן „אַרבעטער הויז״, וועט זיך פאַר דיר אויך געפינען אַ פאַרדינסטל. זאָג, וואָס טוסטו דאָ און וואָס זוכסטו? איך זע, די שטיוול דיינע זאָגן זיך עפּעס אונטער... נו, דערציייל...

נאָר דאָס שלום נעמען און אויספרעגן מאירלען, האָט דערווייל נישט געשטערט, אַז דערזעלבער חבר מיציעס אונזערער זאָל דערלאַנגען אַ פּאָר יאַטן ביזן עלטער־זיידן פאַר שטופּן זיך אין די טירן און מאָנען „לחם״, הגם ער איז אַן „אומפּאַרטייאישער״ און דווקא אַ ווילער יונג. אַ סימן: אָט, איין בחורה מיט אַ פלאַקסענעם קעפל, מיט באָר־וועסע, צעקראַצטע „כאַכאַלאַ״־פּיס אָנגעשטעקטע אין סאַנדאַלן, גע־פינט דווקא חן און לייטזעליקייט אין זיינע אויגן און ער שרייבט פאַר איר אויף די קני, אַ רעקאָמענדאַציע־צעטל צום אַרבעטס־פאַר־טיילער.

— אָט האָסטו, מויד, וועסט פאַרדינען אַ וואָך פּרנסה. אָבער

וואָס איז מיט דיינע רויטע, צעבלוטיקטע פיס? און דער בחור דיינער וואָס מאַכט? און ווען איז חופּה ביי דיר? אָדער גייט עס אפשר ביי דיר „פּריאָמים סאָאָבשטשעניעם“?..

אַז די בחורטע ווערט נעלם מיט אַ גדולה, דרייט ער זיך ווידער אויס צו מאירלען:

— וועסט פרעסן מיט מיר און כערען צוזאַמען. כ׳וועל דיר שוין ביי מיר פאַרזאָרגן נאַכטלעגער. לעת עתּה קום מיט, ריר זיך. יאַללאַ. מ׳דאַרף אַ קיי-טון. יאַללאַ! אין גאַס, ביי דער זייט פון אַן אַלטן באַקאַנטן וואָלט שוין נישקשה געווען זיך צו שלעפן; גיין ערגעץ אין אַ שענקל עסן, אָנשטאָפּן אַן אויסגעליידיקטן מאָגן. ס׳איז אָבער גערעדט, ווען מ׳וואָלט נישט קיין איבריקע שאלות פרעגן, ווען מ׳וואָלט נישט צושטייען מיט פּראַגעס. דען... „וואָס איז דאָ צו דערציילן און צו ענטפערן? ס׳ווייסט זיך דאָך אַליין נישט“... און ס׳איז ליכטיק אין דרויסן און הייס, און אויגן זשמורען זיך פון צופיל זון. אויף פריש-געקאַלכטע הייזער שווינדלען שאָטנס, און גאַרבן שטראַלן טאַנצן אויף גזימסן און שויבן. פון אַ שטאָק נורטעווען אַראָפּ אַן אָפּגעריסענער אַקאָרד פון אַ צעשטימטער פּיאַנאָ, און פונקט אַקעגנאיבער דעם אָפענעם פענסטער פאַלט אויס אַ לאַנגאויערנדיקן אייזל זיך צו צעיאָמערן אויף זיין חמורישער עלנטקייט און פּלאָג. יאַכמערט ער זיך, דער לאַנגאויערנדיקער, גלייך אַ מינוט פאַר פּגירה און ביזן דריטן געסל יאָגט נאָך זיין פּחדים-נוראימדיקע יללה. נאָר אָט איז שוין דאָס בלויווייסע שילדל מיט אויסגעמאָלענע גאָפּלמעסער.

— אָט דאָ איז עס! און טאַקע אין דעם שענקל וועסטו מיך אויך אויפזוכן פאַר שלאָפנגיין, הערסט, גזלן? — האָט חבר מיציעס אַ צי געטון מאירלען פאַרן אַרבל און אַריבערגעפירט די שוועל. — —

צוערשט זענען זיי זאַלבע-צווייט געזעסן ביים טישל: מאירל גזלן און דער חבר מיציעס, ר׳ וואָווסיע אַליין — אַ טשענסטעכיווער ייד מיט גאָלדענע ברילן אויף דער אָדלערנאָז, אַ ייד, וואָס בענקט נאָך די אַלטע גוטע יאָרן אין פּוילן דער מדינה — האָט דערלאַנגט צום טיש, און די אורחים האָבן זיך געלאָזט וווילשמעקן. ס׳האָט גענומען אַן עק צו מיציעסעס אויספרעגעכצער און זאָגעכצער, און מאירל האָט זיך אויך געפּרווט פאַרגעסן ביי די אונטערגערוקטע

שיסעלעך. מ׳האָט בלויז צוגעוואָרפן אַ וואָרט, אַ קליינע באַמערקונג וועגן אַ מאכל און ס׳איז געווען צו האָפן אויף אַן אויסגעהאַלטענעם אַפּעטיט פון די ביידע אַזוי־פאַרשידענע חברה־לייט. און די געריכטן זענען געווען מילכיקע. האָט מען, פאַרשטייט זיך, פאַרזוכט פון כלערליי מינים: קניזשעלעך און קניידלעך, זיסע, געפּוטערטע און מיט קעז, ביי וועלכע די וואָווסיעכע אַליין, אַ געבוירענע קאָלישערן פּעטלייביקע אַריסטאָקראַטקע, האָט זיך געבריהט מיט דער הילף פון אירע צוויי שוואַרצחנעוודיקע טעכטער, זאָסיע און מאַלווינע, וואָס רעדן נאָך עד־היום אַ זינגנדיקן פּויליש מיט אַ ניגון איבער די ליכטיקע גאַסן פון תּל־אביב, און אַפילו אין קיכל, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ שפּאַניר־ווענטל פון דער גרויסער שענקשטוב. צוליב דעם „פּויליש״ האָט דער חבר מיציעס אַלע ווייל טאַקע אַריינגעברומט אין טעלער אַריין און געדראָט ר׳ וואָווסיען מיט אַ פערמלעכן באַיקאָט:

— געמיינהייט! — האָט ער געבולבעט — אין מיין קעגנוואַרט, אין מיציעסעס, אין מיציעסעס, צו פּלאַפּלען פּויליש! געדענקט ר׳ וואָווסיע, געדענקט, מוידן! „עברי, דבר עברית״, טשאָרט וואַס דיערי, פּראָוואָקאַטאָרי פּראָקליאַטי! און דו, מאירל, זאָגסט גאָרנישט דערצו? מאירל האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ס׳האָט זיך גאָרנישט געקאָנט און גאָרנישט האָט זיך געוואָלט צונויפנעמען און וואַרעמען האַלב אויסגעליידיקטן מוט. ס׳האָט נאָר געמאָנט — אין מאָגן — און ער האָט געלייגט אין חמר אַריין. און דאַן האָט זיך אַ דורשט אין אים דערוועקט, געברענט, און ער האָט פאַרלאַנגט צו טרינקען.

— טרינקען? — האָט דער חבר מיציעס געפרעגט — נו גוט! אָט וועלן מיר טרינקען. ר׳האָט זיך אויסגעדרייט צו ר׳ וואָווסיען און אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— קאַלטע לימאָנאַדע! ווייַן מיט וואַסער און ווייַן אָן וואַסער, עסמאַ, סטאַריטשאָק! מ׳האָט געמאַכט די ערשט כוסע: ווייַן אָן וואַסער... און טאַקע באַלד האָט דער חבר מיציעס שוין געדרייט מיט זיינע איבערגעלאָפענע גאַלקעס — אויגן אַזעלכע, — פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל זיין פּקידישע טעקע און אויסגעצויגן זיינע זעבל־פיס איבערן שטול

— לחיים, מאירל גזלן! רעד, וואָס זאָל איך דיר אָנווינשן? אין דיין גזלנישער נשמה!

זאַלבע־צוווייט זענען זיי צוערשט געזעסן. נאָר אַז ס׳האָט גע-האַלטן ביי דער דריטער כוסע, האָט זיך צו זיי צוגערוקט גרישקע, אַ הויכער, געשטיפלטער יונג אין אַ העלן העמדל, אַ באַקאַנטער קאָ־מוניסט, טאַקע ר׳ וואָווסיעס אַ לייבלעכער קרוב, צוליב וועמען די גאַנצע אַריסטאָקראַטיש-פוילישע משפחה נעמט איין חרפות און בושות...

— נעם, טרינק, גרישקע! זשליאָקע, קאָמוניסטישער כלב! — האָט חבר מיציעס אים דערלאַנגט אַ גלאָז און ז׳ערביי פאַרבראָקט אַ „גרוס” צו זיין מאַמע — טרינק כלב און ווער אַ מענטש! דער גע־שטיפלטער גרישקע האָט זיך דווקא נישט אָפגעזאָגט, צוליב דער ריי-נער מצוה, כאָטשבי אַזאַ מין נוץ צו האָבן פון אַ גראָשעדיקן סאָ־ציאַליסט, ווי חבר מיציעס איז.

— אויף דיין געזונט קליינבירגער! אויף דיין געזונט „יוניע”־תקיף — האָט גרישקע אָנגעשלאָגן אָן מיציעסעס גלאָז. —

— „יוניע” שמוני, קליינבירגער, גרויסבירגער... טשאָרט וואַס דיערי אַלע אינאַיינעם! דאַוואַיטיע זאַפּאַיאָם!

הע־הע! ער האָט שוין ווייט געהאַלטן דער חבר מיציעס, דער קליינבירגער, דער גראָשעדיקער סאָציאַליסט און „פקיד”. נאָר, נישקשה, דער פלאַמעדיקער קאָמוניסט גרישקע, דער געטרייער טראָצקיאַנער, האָט באַלד דעריאָגט און ס׳האָט נישט געפעלט, אַז זיי זאָלן זיך פּיסקלען...

אוכאַר קופּיעץ, אוכאַר קופּיעץ,
אוכאַר קופּיעץ,
אודאַלאָי מאָלאָדיעץ!

ר׳ וואָווסיע האָט זיך געפלאָנטערט ביים טיש, אַ שמוציקן האַנטוך אויפן אַקסל און אַ קאָרקנציער אין האַנט. די גאָלדענע ברילן האָט ער אָפטער איינגעאָרדנט אויפן נאָז-הערביקל און געווישט דעם שטערן. לפנים האָט ער געמאַכט אַ מינע פון הנאה און אַרויסגעמיי־קעט אַ שמייכעלע פאַר אַ „דרייער”... אָבער אין האַרצן ביי אים איז גאָרנישט דאָסיק געווען... עפּעס האָט אַ ווערימל געטאָטשעט... אַ חצי-ספק און אַ חצי־פאַרדראָס אויף זיך אַליין, הלמאי ער גיט און

גיט און ווער־ווייסט, וואָס ס'וועט זיין מיטן „באַשלמען"...

האָט ער אַ כשרן זיפץ אָנגעשיקט צום רבונו של עולם איינ־איינעם מיט אַ שטומער בקשה, אַז דער חבר מיציעס, וואָס נעמט די גאַנצע „צעך" אויף זיין השבון, זאָל כאָטש געבן אַ העלפט מזומן, כאָטשבי „משביר"־קוויטעלעך און נישט ער זאָל הייסן פאַרשרייבן אין גראָבן בוך אַריין, וואָס איז שוין אַזוי אויך געגוג אָנגעפולט מיט פּאָזיציעס און ווו מיציעס פאַרנעמט אַ גאָר חשובן פּלאַץ, כּדי זיין כבוד און געהויבנקייט.... נאָר...

אוכאר קופּיעץ, אוכאר קופּיעץ
אוכאר קופּיעעץ,
אודאַלאַי מאָלאָדיעץ!

— כּן! כּן! חביבי מאירל גזלן! צוליב דיר איז די שמחה און צוליב דיר דער טראַסק! עך, וויפל יאָרן האָבן מיר זיך נישט געזען?! און וואָס בין איך אַמאָל געווען אַקעגן דיר, אַקעגן מאירל גזלן, דעם גרעסטן העלד, דעם גרויסן גבור, דעם אַלטן שומר? עך! היינט בין איך מיציעס! מיציעס, וואָס איז אַ תקיף אין „הסתדרות!" אמת! ס'זע־נען דאָ גרויסע קעפּ ביי אונז, מענטשן מיט אָפענע מוחות, מיט גע־שליפענע צונגען, מיט העלזער, אָבער איך, מיציעס, האָב זיי אַלע אונטער מיין קנאַפּל! מיציעס האָט נישט קיין האַלז, נישט קיין גאָמ־בע, נישט קיין מוח, נישט קיין איידלען קאָפּ — דערפאַר האָט ער אַ קולאַק! מיציעס האָט אַ קולאַק! וויל ער, נעמט ער אַלע איין! הערסט, גזלן? גיסט אָן די גלעזער! אַ יום־טוב אין סאַמע מיטוואָך! מיין פריינט, מיין אַלטער גוטער-ברודער מאירל גזלן איז דאָ! און ווייסט איר, ווער מאירל גזלן איז? סלושאַי, וואָוסיע-סטאַריטשאָק! צו ווייסטו ווער מאירל איז? האַ?

די צוויי שוואַרצע חנוודיקע מיידלעך, זאָסיע און מאַלווינע, האָבן זיך באַוויזן פון הינטערן שפּאַניר-ווענטל. שטייענדיק ביי די זודנדיקע פּרימוסעס, האָט זיי מיידלעריש-ציעקאַווע פאַרנומען דער „פרעמדער", צוליב וועמען מיציעט קערט וועלטן, פראַוועט אַ סעודה און חזרט איבער זיין נאָמען צען מאָל אַ רגע: „מאירל גזלן"... אָבער דערזעענדיק ביים טיש דעם „פרעמדן", דעם „מאירלען", מיט די צוויי האָר אויפן אויסגעקראָכענעם קאָפּ, מיטן אַלטן צעאַקערטן פּנים,

מיט אַ קורצער ליולקע אין אָנצייענרדיקן מויל, האָבן זיי זיך איבער־
געקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן, און אַ מינע פון אַנטוישונג האָט גע-
ציקט אויף זייערע פנימער. דאַן האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אין
אַ זייט, מיט פאַרלייגטע הענט אויף די זיך־הויבנדיקע ברוסטן, וואָס
צייכנען זיך אַרויס פון הינטער די טיולענע בלוזקעס און אַרויסגע־
שטעקט זייערע ווייסע, פערלדיקע ציין. און דאָך האָט זייער שטייען
בײַ אַלץ — געגאָלטן דעם פרעמדן, דעם „גזלן“. נישט מיציעס מיט
זיין געבירגסגוי־קול, איבערגעקערטע אויגן און זידלעריי, נישט דער
לאַנגער, געשטיפלטער קרוב, גרישקע דער קאָמוניסט, וואָס האָט זיך
געגרייט — לויט אַלטע סימנים, וואָס זיי דערקענען אָן אים — אַרויס־
צושיסן מיט אַ רעוואָלוציאָנערער דרשה, — נישט די צוויי לייט האָבן
אַצינד פאַרנומען די מיידלעך.

פאַרגעסן אָן זיין אויסערלעכער מיאוסקייט האָבן זיי, די צוויי
שוואַרצחנעוודיקע מיידלעך, פאָרט נישט געקאָנט אָפּרייסן זייערע
בליקן פון דעם אומבאַקאַנטן, וואָס זופט אַלע-ווייל פון אַ פולן גלאָז,
הערט ווייניק, וואָס מען רעדט צו אים, און קוקט מיט נעפלדיקע אויגן
אין גאַס אַריין, ווייט אַרויס, דורכן האַלבאָפּענעם לאָדן. „ווער איז
ער, אָט דער פרעמדער, וואָס שאָקלט זיך אויפן בענקל, מיט דער
קורצער ליולקע צווישן די ציין, און מען הערט נישט זיין קול?“ די
מיידלעך האָבן זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן און נייגיריק אויפגע-
כאַפּט יעדע באַוועגונג.

— העי! דו, גזלן! וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט אויף נעכטיקע
טעג? מיציעס האָט דאָס אַמט אָן אַ זייט געשטעלט, פראַוועט אַ
סעודה פאַר דיין כבוד וועגן און דו זיצסט, ווי אַ פגר!...

— פגר... פגר... — האָט מאירל אַרויגענומען די ליולקע פון
מויל און אויסגעשפּיגן...

אין דער רגע איז אויפגעשפּרונגען דער געשטיפלטער גרישקע
און זיך צעשריען:

— רעאַקציע! וויסטע רעאַקציע! ווען אונזערע ווערטער קלעפּן
זיך אָן, ווי אַרבעס אָן אַ וואַנט, וועלן מיר מיט מעשים באַווייזן—מיט
מעשים! מיר וועלן צינדן! צינדן, צינדן... רויטע פלאַמען! פלאַקער!
פ ל אַ ק ע ר...

ר׳ וואָוסיע, וואָס האָט זיך געדרייט, ווי אַ לייגנדיקע האָן, און געקוקט אין אַלע ווינקלען, האָט, דערהערנדיק דעם תכשיטס פּלוצלינגדיקע דרשה, צוגעטענצלט צו דער טיר, אָנגענומען די קליאַמקע מיט צוויי פאַרשוויצטע פינגער און זי צוגעשלעפּט.

— פאַר מענטשן, פאַר לייט — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיינע צוויי כּלה־מיידלעך.

— מיר וועלן ווייזן ווער מיר זענען! טויט אייך, קליינבירגער און באַלעבאַטישע ציציליסטן! טויט אייך! קסטיענקע! — האָט גרישקע געדונערט, האַלטנדיק אַ פול גלאָז רויטן וויין. ר׳האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן און די שלייפן זענען אים געוואָרן אָנגעצויגן, ווי אָנגעציוגענע שטריק.

— מיר... מיר...

אָבער דאָ האָט ער זיך דערשטיקט מיט די לעצטע ווערטער. די צוגעשלעפּטע טיר האָט זיך צעפּראַלט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין—אַ מומיע. אויף די פיס פון אָט דער מומיע זענען געווען אַרויפגעצויגן אַ פּאָר שוואַרצע הויזן, דער קאָפּ באַדעקט מיט אַ געלן, צעלעכערטן קאַפּעליוש און אונטערן רעכטן אָרעם איז געווען אַריינגערוקט אַ שאַל, פון וועלכער ס׳האָט אַרויסגעשטעקט אַ בינטל ביכער... אַ רגע האָט די מומיע געשוויגן, נאָר מיטאַמאָל האָט זי אַ באַוועג־געטון אירע ליפּן, איינגעקנייטשט דאָס געפּרוּוירענע, צעפּאַלמעסטע פּנים און אַ פּאָר אויסגעקרומטע פּעדער-ציין האָבן אַרויסגעגעלט.

— חברה! מה אתם צועקים?

און דאָ איז געשען דאָס, פון וואָס די שוועסטער זאָסיע און מאַלווינע האָבן זיך מסוכּן דערשראָקן און בלאַס געוואָרן—דער, וועמען מ׳רופט „מאירל גזלן" מיט דער ליולקע אין מויל, האָט זיך אונטערגעריסן פון בענקל, צוגעלאָפן צו דער דערשינענער מומיע ביי דער טיר און זיך צערעוועט מיט אַ פאַרשטיקטן גאָרגל:

— צבי! דו ביסט עס, צבי חיות?!

די מומיע האָט זיך בלויז אַ ריר געטון פון אָרט, אַרויסגעלאָזט פון אונטערן רעכטן אָרעם דעם איינגעקנוילטן שאַל מיט מויליקע ספרימלעך און זיך צעשאָקלט.

— דו לעבסט?! ימח שמם, אַזוינע כּלבים! האָבן מיר פֿירגעזאָגט, אַז דו ביסט אומגעקומען, און איך האָב דריי טעג געטרויערט און געאַרבעט איבער אַ בלעטל זכרונות... ס'האָסטו דיר מיין אַרבעט און מיין טרויער... דו לעבסט? שעם זיך אַליין אויך אין דיינע אויגן... לעבסט... מיך אַזוי צו גענאַרן...

— וואָס? איך אומגעקומען? איך? — האָט מאירל אָנגעכאַפּט די מומיע פֿאַרן אויסגעדבּרטן גאָרגל — איך אומגעקומען? ווער האָט עס געזאָגט? וואָס פֿאַר אַ הונט?

— כּלבים... — האָט די מומיע זיך געשאָקלט — נו, מילא... איז גוט, אַבי דו לעבסט...

— אוודאי לעב איך! אוודאי מ'וועט מיך נאָך פֿילן! — האָט מאירל נעסאַפּעס און אָפּגעטרעטן פֿון דער טיר, צוריק צו זיין אָרט ביים טיש — אוודאי וועט מען... נאָר איצט, אויף דעמזעלבן חשבון, קום און טרינק מיט אונז, דו קוואַרער מאַרק-ביין!

די מומיע האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געשאָקלט, ווי איבערלייגנדיק אין איר טרוקענעם געהירן, צי ס'איז איננאַנצן כּדאַי צוצוטרעטן צו דער חברותא; צי ס'שטייט גאָר אָן פֿאַר אַן אַלטן פּועלי-ציונקעמפּער, אַ „רעוואָלוציאָנער", צו זיצן ביי איין טיש מיט אַ באָלשעוויק, אַ יעווסעק, אַ כּופר בעיקר און צי ס'איז גאָר פּאַסיק—פֿון דער צווייטער זייט—זיך מתיחס צו זיין מיט מיציעסן, וואָס טראָגט אַ פּאָרטפּעל און איז אַ האַלבער ביוראָקראַט. צוליב, אָבער, דעם חבר מאירל גזלן, וואָס איז ממש תּחית־המתים אויפגעשטאַנען, האָט די מומיע, צבי חיות, זיך איינגעשטעלט און צוגעשטאַנען צו דער קאָמפּאַניע. נאָר נאָכן ערשטן גלעזל האָט ער באַלד פֿאַרגעסן צוליב וואָס אייגנטלעך ער זיצט דאָ ביים טישל און ווער ס'האָט אים אַהער צוגעשלעפּט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט דער מאירל גזלן, לעבן וועמען ער זיצט אַצינד, איז פֿון תּמיד אָן אין תּל אביב, אין אַן איינגעבירגערטער דאָ און אויסגעקאָכט אין דער היגער היימישער הינטער־קוליסן-פּאָליטיק און אינטריגעלעך. האָט ער גענומען פּאָנפּען, אויף זיין שטייגער, און זיך אָפּרעדן פֿון האַרץ: אויף דער מומע חנה־דרייזלס קיך, ווו ער, צבי חיות, האָט יאָרנלאַנג געגעסן וועגעטעריאַ-

נישע מאכלים און, לסוף, געמוזט אַנטלויפן פון דאָרט אין וואָווסיעס שענקל אַריין:

— „אַזאַ חוצפּה! ביי צבי חיותעס טיש, פאַר מיינע אויגן, צו דערלאַנגען געהאַקטן הערינג!" אויף דער תּל אביבער „סמעטענע", אויף אַלע גרויסע קאַרפּנקעפּ, ביי וועלכע ער איז אַ שטענדיקער איינגייער און וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פּריקרע, אומערלעכע און אומריינע לייט; און, לסוף, אויף דער פּאַרטייאישקייט פון באַקאַנטן רעדאַקטאָר שמערל בערלזאָן.

— „אַ ליגנער! אַ צבועק! אַ דעמאַגאָג, אַ מוילמאַכער און אַ חונף!"

מיט וואָס דער רעדאַקטאָר ווייזט אַרויס די אַלע געהויבענע מעלות, האָט ער אפילו נישט אויפגעוויזן, נאָר גאַנץ אומגערעכט האָט ער נישט געקאָנט זיין, צבי, די מומיע... אַ סימן: חבר מיציעס, וואָס איז מיט דעמזעלבן רעדאַקטאָר קנעפּל־בקנעפּל, האָט גאָר שוואַך רע־אַגירט אויף די דאָזיקע אַטאַקעס. אפשר צוליב דעם, וואָס צבי חיות, דערזעלבער צבי, נחמהס פריינט, וואָס טרוקנט שוין אַן ערך פון צוויי צענדליק יאָר אונטער „דער ארץ־ישראל־זון", וואָס פאַרמאָגט אַ פאָר סמאָקינג־הויזן נאָך פון אַלטן „קיסר־קעניגלעכן" ווין, גילט פאַר אַ שטיק משוגענעם, אַ מאָדנע בריה: אַ פּועל־ציוניסט, וואָס קעמפט קעגן יידיש, אַ סוכאַרקעס־קייער און אַנטיקן־זאַמלער; אָדער צוליב דעם, וואָס חבר מיציעס אַליין האַלט, נאָך אַלעמען, גאָר שטאַרק פון „נאַפּלעוואַט"!

האָט ער גענומען קלאַפּן אין טיש, דער חבר מיציעס, מיט זיינע באַלעגאָלע־פויסטן און אויספּרווון זיין געבירגס־גוי־קול:

— איך שפּיי דערויף! נאַפּלעוואַט! שמערל בערלזאָן, פּריזנהאָף, שמיזנהאָף און פּערצערסקי! נאַפּלעוואַט! קטשאָרטו מאַטיער, ווסיעם! זויין! וויין, גראַזשדאַנין ר׳ וואָווסיע.

דאַן זענען זיי שוין זאַלבעפערט געזעסן און זיך שטיל גע־דבקהט. צבי חיות האָט אפילו אָנגעשטעלט פון צייט צו צייט זיינע געפרוירענע קוקערס אויף גרישקען, אַזוי ווי אַ צאַפּ אויף אַ שפּיגל, אָבער אין געהירן איז אים געווען וואַרעמלעך און ער האָט זיך נישט געקאָנט אויספּלאָנטערן... מיציעס האָט אָנגעשפּאַרט דעם שווערן

שקיס-קאָפּ אויף אַן אָרעם און גאָר געכליפּעט.. גרישקע האָט סתּם געפּלאַפּלט און נישט געקאָנט אויסרעכענען דעם טאָג פון דער ענט-גילטיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף אויסברעכן נישט ערגעץ אַנדערש, ווי אויפן הר-הצופים אין ירושלים...

איז דעריבער פּאַר מאירלען גאָרנישט מער איבערגעבליבן, ווי צו פּיפּקען די ליולקע און אַריינצוטראַכטן אין זיך. אָנגעטרונקען איז ער נישט געווען צופיל, דער מוח א כמעשה נישט קלאָרער — נאָר דאָס האַרץ איז אַ ביסל צעוואַרעמט געווען — האָט ער הייסער און פּיבערדיקער געצויגן געדאַנק נאָך געדאַנק, אַזוי אָט בערך: „נו שוין, ביסט שוין אין שטאָט... האָסט שוין מקבל-פּנים געווען די חברה — נו, איצט וואָס? ווײַן שטייט לרוב... רעדן רעדט מען ביז חלשות — איז וואָסזשע איז דערפון? איז צוליב דעם, גזלן, ביסטו געקומען? איז צוליב אָט דעם?—ביסט דאָך אַהער, ווי אַ ווילדער פויגל אַרי-בערגעפלויגן"... און ווייטער: „דוכט, גזלן, אַז ד'האָסט גאָר אַליין פאַרגעסן, וואָס דו ווילסט... וואָס? וואָס ווילסטו? מ'האָט דיך גע-פרעגט און דו ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן"... און לסוף: „עמעצן זוכסטו דאָך אין שטאָט!.. עמעצן..! וואָסזשע זיצסטו דאָ און זויפסט, ווי אַ לעצטער? וואָס זיצסטו דאָ? דאָס איז עס? וואָס זיצסטו! וואָס זיצסטו דאָ און וואַרטסט אויף נסים"—האָט עס שוין געשריען אין אַלע זיינע אברים אין ביינער.

האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און צוגויפגעצויגן דעם רימענט אַרום די לענדן:

— איך גיי! גענוג פאַרמיינעטוועגן; איך גיי!

— וווהין איז? — האָט מיציעס אויפגעהויבן דעם קאָפּ—וווהין??

— איך גיי! איך דאַרף גיין! איך... איך דאַרף!

— וואָס דאַרפסטו? — האָבן זיך אַלע דריי מיטאַמאָל צו אים גענומען — וואָס דאַרפסטו אַזוינס?

— וואָס איך דאַרף? וואָס איך דאַרף, דאַרף איך און איך גיי! איך... איך.. איך!... — —

און לאַנגע מינוטן זענען די אויגן פון אַלע דריי געווען גע-ווענדט צו דער טיר, ווו אַרום מאירל איז אַרויס, ווי אַ חיה, וואָס האָט זיך נאָך לאַנגן רייסן באַפרייט פון דער פּענטע...

*

איבער די גאַסן האָט שוין געאָטעמט דער פאַרנאַכט מיט אַ קילן, לייכטן אָפּפרישנדיקן ווינטל. די לאָמפּן, אויף הויכע, אייזערנע סלופּעס, האָבן זיך צעצונדן און געפלעמלט מיט אַ מאַטער שיין. מאַסן מענטשן אין ווייסע קליידער, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די טאָג־באַהעלטענישן, האָבן אָנגעפילט די טראָטואַרן מיט לעבן, שטראָמנדיק צום ים, ווי איין מעכטיקע כוואַליע. אפילו זקנים, זקנות און קינדער אין די וועגעלעך. איז דעריבער מאירלען אויסגעקומען, פשוט מיט כוח פאַר זיך צו מאַכן אַ וואַרע. ר'האָט געשטאַרכעט מיט די פויסטן, מיטן רוקן, מיט די זייטן, מיט די עלנבויגנס, נישט צו־הערנדיק זיך צו די בייזע ווערטער, וואָס די שפּאַצירנדיקע האָבן אים נאָכגעשיקט פאַר דעם „נישטמענטשלעכן, ווילדן" גאַנג. אים האָט דאָס שוין גאָרנישט געאַרט. ער איז געלאָפן, זיך געאײַלט, פאָרויס, צום באַשטימטן ערגעץ־אָרט. פאָרויס, פאַר אַלע, אַהין... „וווהין? אַהין, מאירל, אַהין"!... ווי ס'וואָלט אַן אומגעזעענער פינגער! אים ווייזן דעם וועג: „אַהין! דו דאַרפסט דאָרט זיין דער ערשטער". נאָר דער ערשטער דאָרט, ביים ברעג, איז ער שוין נישט געווען פונקט ווי ער האָט נישט געקאָנט זיין דער לעצטער. — ווי פון בי־נען האָט געווימלט פון מענטשן, וואָס האָבן דעם ברעג פאַרפלייצט. פון דער געפלאָנטערטער אַלעע, ביז ווייט אַראָפּ צו די זאַמדן. איז ער אַהין געלאָפן, אַהין צו די זאַמדן. „אַלע איבערלויפן, אַלע!".

און אויף די זאַמדן זענען בחורים געלעגן מיט בחורות, ווי די פּרעש... איבער זיי דער אָוונטיקער הימל, פאַר זיי דער ים, דער ברייטער און אומענדלעכער; אונטער זיי — זאַמד... זאַמד... זאַמד... האָבן זיי זיך געניורעט, די בחורים און בחורות, געכיכעט, געזשונגען און זיך געשטיקט. געשטיקט... זאַמד... זאַמד און שטערן איבער די קעפּ... דאָ זענען מאירלס טריט שלאַבריקער געוואָרן. דורך די גע־לעכערטע פּאָדעשוועס האָט זיך אָנגענומען פול זאַמד, געריבן אין די קנעכל, אין דער הויט, און זיך אַרויסגעשיט דורך די צעריסענע פּרישוועס, ווי דורך אַ זיפּ. האָט ער שווערער געשטאַמפּט און שוין געמוזט פאַרנומען נישט־איין וואָרט, וואָס אַן איינגעגראָבן פּאָרל האָט געלאָזט פאַלן בכיוון, אויפן חשבון פון אַן איינזאַמען וואַנדערער, וואָס

זוכט אַן אָפּרו אויף די „חולות"... אויפן חשבון פון דעם, „וואָס קריכט צו שטילן זיין פּיין און ליבעסבענקעניש"... דאָ האָט ער שוין געמוזט אַלץ הערן, מאירל. אויך די קושן, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט און די זיפצן, וואָס האָבן זיך צו ים-כוואַליעס געריסן.. אין ים אַריין... אפילו צום שלאָגן פון זיין אייגענעם האַרצן האָט ער זיך געמוזט איינהערן און צום פאַרבאָרגענעם ווערעמל, וואָס זיצט ערגעץ טיף, נאָגט און פּיקט: „וואָסזשע לויפסטו? האָסט דאָך גלייך אַ ים?! ס'איז דיר הייס אין קאָפּ? האָסט דאָך כוואַליעס, שוים... — זוכסט עמעצן? — וועמען? ווער ביסטו, אַלטער נאַר, און וואָס פאַר אַ פּנים האָסטו? — אַ פאַרפאַלענער, אַן אורחא פורחא, אַן אָפּגענאַרטער אַן... אַן... וואָס קלערסטו דיר, אַלטער נאַר?" און דער יתושל ענדיקט נאָך נישט אַזוי גיך זיין דרשה: „און אַז דו וועסט זי שוין יאָ געפינען, — זי — וואָס האָט זיך פון דיר אָפּגעלאַכט, אַז דו וועסט זי שוין געפינען, אַז דו וועסט זי שוין וואַרגן, צעטרעטן,— וואָס וועט דאַן זיין?... וואָס וועט זיין?.."

זענען די טריט נאָך שלאַבריקער געוואָרן און אַ שווייס האָט אים באַגאָסן: „איך וועל זי דערשטיקן, דערשטיקן... אַלע! זי, פּענצאַקן, פורינאָווסקין, אַלע! און זי, צעטרעטן! דערשטיקן און דאָס וועט זיין! דאָס וועט זיין... דאָס! דאָס! דאָס! הערסט, יתושל, הערסט? אָט-וואָס..."

אָבער פּלוצלינג איז ער געבליבן שטעקן אין זאַמד, און אַ גרויל איז אים דורכגעפלויגן. אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין אָנגעפּרעגטן גאָרגל און טאַקע דאָרטן דערוואָרגן געוואָרן:

— נחמ... נחמה... חמ!.. פאַר אים איז געשטאַנען אַ בחורה אין אַ ווייסן קלייד, מיט נאָך ווייסערע איינגעפאַלענע באַקן, און מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן האָט זי זיך איינגעשניטן אין זיין צורה:

— מאירל?

— חמ.. נח.. מה..

ביי מאירלען האָבן געציטערט די קני, דער גאַנצער גוף האָט זיך געקאָרטשעט, געשאָקלט, ביז ר'האָט זיך אַראָפּגעוואַלעט מיט דער

גאַנצער שווערקייט אין ווייכן זאַמד אַריין... דאַן האָט אַ רעווע, ־וי פון אַ ווילדן בוהאַי, אויפגערודערט אַלע ווינקעלעך און זיך געריסן צום ים.

און אָפגעענטפערט האָט נאָר אַ־מין טייוולאָנישער געלעכטער:
מע, ע. ..מע ע.. ע..

XI

— ... און שפּעט בײַנאַכֿט האָט די היץ מיך פֿאַרשטאַרט צום האַלז אַרויף, ביז דערשטיקט צו ווערן. ביז... אין יענער נאַכֿט, ווען איך בין אַוועקגעפֿאַלן קראַנק...

דאָ האָט נחמה איבערגעריסן איר דערציילונג. די ליפּן זענען בײַ איר פֿאַרטרוקנט געווען און די אויגן האָבן געגליט. מאירל גזלן איז געלעגן אויפֿן שטיינערנעם דיל, מיטן פּנים אַראָפּ און באַטראַכֿט די דלאָניעס זײַנע. צבֿי חיות, די מומיע, בײַ וועמען אין קעלערל זײַ זענען געזעסן, איז צוגעגאַנגען צו אַ קעסטל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַן אויסגעשטאָפּטער פֿויגל, און זיך צעלאַכֿט מיט זײַן פֿאַרפֿרוירענעם געלעכֿטער:

— העע-כֿע..הע..כע! ווי ער הערט זיך צו, דער לאַמפּערט!

ר'האָט אָנגענומען דעם פֿויגל בײַ זײַן אײַנגעדאַרטן ווײַדל און אונטערגעטראָגן זײַנע אורחים:

— האָט איר שוין געזען אַמאָל אַזאַ לאַמפּערט? האַ?... דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר פֿאַרזעעניש, עקדישן, עטלעכע טרוקענע שלענגעלעך, יאַשטשורקעס און זײַ באַטראַכֿט מיט אַ מין מבֿינות:

— הע.. הע.. כע.. ווען זײַ וואָלטן לעבעדיקע געווען... הע־כע!

ווײַזט אויס, אַז אָט דעם צבֿי האָט נישט שטאַרק געצויגן צו הערן נחמהס דערציילונג ביזן סוף, וואָרעם אָפּטרעטנדיק פֿון זײַן קעסטל מיט די אַנטיקן, האָט ער אַרויפֿגעשפּרײַזט די טרעפּלעך און

אַרויס אין דרויסן אָן אַ „זייטגעזונט"... איז אַ ווייל שטיל געוואָרן אין קעלערל. דורך די פענסטערלעך, וואָס ביי סאַמע ד׳רערד, באַ־שלאָגענע מיט דראָטענע זיפּלעך, האָבן זיך דורכגעשניטן גאַנצע פּאַסן ליכט אינאיינעם מיט זאַמד פלאַכעס און זיך געלייגט אויף די ווענט און דיל. דורך ערגעץ אַ שפּאַרע איז אַריין אַ גרויסער, בונטפּאַרביקער שמעטערלינג און אָנגעפּולט די דושנע קעלערלופט מיט זיין גע־פלאַטער.

מאירל האָט זיך געשטרעקט אויפן דיל און טיפער אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ צו די קילע שטיינער. נחמהס אויגן האָבן אַלץ געגליט. זי האָט נישט געקאָנט זיצן און נישט ליגן אויף דעם אייזערינעם בעטל, וואָס האָט אונטער איר געקריצט מיט די זשאַווערדיקע אייזנדלעך. זי האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן.. — — —

נאָר אָט האַקט, דער ערשטער, דווקא מאירל איבער דאָס שווייגעניש:

— און נאָכדעם וואָס די היץ האָט דיר פאַרשפּאַרט ביזן האַלז? נאָכדעם?

און ווונדערלעך: קיין סימן נישט פון בייזקייט און פון צאָרן אין זיינע ווערטער. גיכער גאָר אַ בענקעניש פון אַ קראַנקן, פון אַ מיד קינד, צו הערן אַ חידושלעכע דערציילונג, אַ מעשה, וואָס דאַרף פאַרגעסן מאַכן אָן אייגענער פּ״ין, אָדער איינשלעפערן.... — — אויף נחמהס אָפּגעצערטן פּנים האָט זיך אויף אַן אויגנבליק אויסגע־לייגט אַ שאָטן. אָבער אַ קורצער, שאַרפער שמייכל האָט אים תיכף אָפּגעיאָגט:

— הם... נאָכדעם איז שוין אַלץ גוט געווען. אין דער היץ האָב איך אין אַ פּראַכטיקער וועלט אַרומגעוואַנדערט. ס׳לאָזט זיך גאָרנישט אַלץ געדענקען. איך בין געווען אין דער היים, אין ווייטן ווייסרוסישן שטעטל, ביי דער מוטער, ביים פאָטער... אַמײַסטן מיט זיי אינאיינעם. דאַן בין איך אין הימל געווען. יא, יאָ-אין הימל... און פון הימל צוריק אין יוספיה. דאָרט, אין יוספיה, זענען געשטאַ־נען זוניקע טעג, און אונזערע שניטער האָבן ווייץ געשניטן. בליענ־דיקע גאָלד-זאַנגען. צוריק אַוועק פון יוספיה האָב איך זיך געפונען אין שפּיטאָל. גאָר אין אַ שפּיטאָל. אין אַ גרויסן, ווייסן זאַל אַרום־

געריגגלט מיט בעטלעך, אויף וועלכע מענטשן האָבן אָדער געגוססעט, אָדער זיך געריסן און געקראָכן צו די פענסטער. — גאַנצע זעקס וואָכן בין איך געווען אינם שפּיטאָל. כמעט די גאַנצע צייט אין דעמדאָזיקן ווייסן זאַל.

זי האָט ווידער געפּרוּווט איבעררייסן, נאָר מאירל האָט מיטאַמאָל אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אויף איר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אָנגעלאָפּענע אויגן:

— אָבער ער? ! ער... וווּ איז ער איצט געבליבן? ער, דער...

— ער? שוין נישטאָ מער. איך האָב זיך מיט אים צעזעגנט... מאירל האָט אויפגעריסן ס׳מויל.

— וואָס הייסט? — האָט ער געציטערט, ווי אַ לעצטע סטרונע וואָלט אין אים געווען אָנגעצויגן — וואָס הייסט?

— פּשוט... איך האָב אים מער נישט געוואָלט דערקענען. איך האָב אים בלויז געדאַנקט פאַר די שיינע שעהן און ער... האָט געוויינט...

— געוויינט? — האָט מאירל איבערגעחזרט — געוויינט? און דו?

— מיך האָט שוין גאָרנישט געאַרט. דו ווייסט, אין דער קרענק אין מיינער האָט אַלץ אויסגעברענט, אַלץ אויסגעפּיבערט. אָהאָ! און איך האָב גאָרנישט מער געקאָנט און נישט געוואָלט וועלן. איך האָב בלויז געוואָלט זיין אַליין!.. און איצט בין איך טאַקע שוין... — איך האָב געהאַט איין פאַרלאַנג: מיט אַ ליידיקן קאָפּ, מיט ליידיקע הענט, אַ לייכטע, אַ פרייע אַרויסלויפן אין די גאַסן פון דער ליכטיקער שטאָט און פון דאַנען צוריק אַהין, פון וואַנען איך בין געקומען... צוריק אין יוספּיה.

מאירל האָט אַרויסגעשלעפּט זיין קורצע ליולקע און זי געגריזעט, געגנאָגט, נישט אָנגעצונדענערהייט...

— הם... צוריק... — האָט ער זיך געחזרט.

אָבער דאָ האָט ער זיך אַ ריס געטון פון דער ערד און צונעשאַרט צו נחמהן.

— אָבער דו ווייסט נאָך וואָס איך בין געקומען אַהער? דו ווייסט... האַ? אַז איך בין געקומען אַהער, אַז דו, עך! אַז דו

זאָלסט מײַנע אָרעמס אויף דײַן פּעל פּילן. די פינגער אַרום דײַן גאָרגל... זעסט! זעסט? מײַנע פינגער!״

נחמהס אויגן אָבער לויכטן מיט אַזאַ פרייד און מיט אַזאַ דער־לייכטערונג און זינגען ממש אויס:

— אָ, ווי גוט ס׳איז זיך אומצוקערן פון אַזאַ וועג! פון מו־זיק, אויטאָמאָבילן, פון צירונג, פון ווילטאָג, פון אַלץ—צוריק אַהין, אין יוספּיה; נאָך אַ לאַנגן פיבער, נאָך אַ דערשטיקעניש און בראַנד, צוריקקומען אַליין... אַ לייכטע... אַליין...

איז מאירל אויפגעשפּרונגען, אַוועקגעשליידערט די ליולקע און פעסטער געביילט זײַנע פויסטן.

— פאַרעדטסט מיך!? פאַרעדטסט די צײַנער! און ער ווו איז?

— וואָס טויג דיר ער? ער איז באַלד צוריקגעפאָרן אין זײַן געבענטשטן לאַנד אַרײַן... נאָך דעמזעלבן טאָג, עהערגעכטן. באַלד ווי כ׳האָב זיך מיט אים צעזעגנט; איבער אַלעקסאַנדריע איז ער אַוועק.

מאירל האָט זיך געשאָקלט פאַר כעס.

— טאָ זאָלסטו אַליין אָפּקומען! אַליין! איך, איך...

אָבער נחמה לאַכט אַזוי אָן פאָרכט און אָן מורא, כאַפּט אים אָן פאַר זײַנע הענט און גלעט זיי אַזוי צערטלעך.

— צו וואָס טויג דיר דאָס. איך זאָג דיר דאָך, אַז אַלץ האָט ביי מיר אויסגעברענט, אויסגעפיבערט... דער באַגער צו וועלט, דער פאַרלאַנג צו רוישיקן לעבן...—ווי גוט ס׳איז געווען, נאָך נעכטן אין אָוונט, צו גיין אַליין, זיך צו שלעפּן איבער די זאַמדן, פון גאָרנישט צו קלערן און אַזוי דווקא זיך צו באַגעגענען... נאָר ביסטו אַ ביסל אויסגעלאָשן...

— איך? איך אויסגעלאָשן?! דו זאָגסט, איך... איך דיר אַזוי אָט באַווייזן...

זיי האָבן זיך אָבער נאָכגעלאָזן. מאירלס אָנגעצויגענע אָרעמס, פון זיך אַליין, און ער האָט זיך דאַן מיט זײַן גאַנצער שווערקייט צוריק אַנידערגעטלומעט אויפן דיל.

— איך, איך אויסגעלאָשן... איך...

— אָ, ווי גוט ס'איז צו האָבן אויסגעבּרענט, צו זיין אויסגע־לאָשן... — האָט נחמה זיך געטרייסט.

צבי, די מומיע, וואָס איז פריער געווען אַרויפגעגאַנגען, איז צוריק אַראָפּגעקומען אין קעלערל אַריין שלעפּנדיק אַ היפּשע טאָרבּע אונטערן אָרעם...

— נו, חברה, דאָ האָב איך געבּראַכט צו קייען. פרישע טאָמאַ־טעס, צוויי לחמלעך, סוכאַרקעס... נו, חברה, כאַפּט מיט די טענות!

נחמה האָט נאָך אַ ווייל געקוקט צום קליינעם פאַרדראַטעוועטן פענסטערל און דאַן אַראָפּ פון בעטל. זי איז די ערשטע צו צום טישל, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע קרעמל מיט עסנוואַרג, און מיט אַן אימפּעט זיך גענומען צו דער אכילה. זי האָט געקייט מיט אַפּעטיט און מיט חשק. געבּראָכן ברויט און אָנגעביסן אויף אַלע ציין, רעדנדיק דערביי:

— אַזוי! ווי לאַנג איך האָב שוין נישט געפּילט אַזאַ טעם אין עסן; אָט אַזוי! האָרעפּאַשנער מאכל!

צבי, דער בּאַלעבּאָס, האָט פאַרקאַשערט די אַרבּל און זיך אויך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבּעט מיטן פולן ערנסט; ער האָט גענומען שווינצן איבער אַ גרויסער שיסל אָנגעקרישלטע טאָמאַטעס מיט ציבּע־לעס און געטונקען ברויט אין אַ פּאַפּיר זאַלץ...

— הם... הם... וואָס גייסטו נישט עסן, מאירל? וואָס איז דאָס? הם... הם... מניע... מניע... — האָט ער געבּילבּעט מיט אַן אָנגעפּאַ־קעוועטן מויל — ס'וועט דיר דאָך גאָרנישט בּלייבּן!.. וואָס איז דאָס? הם... מני... מניע...

מאירל האָט זיך אַפּנים בּאַרעכנט און זיך צוגערוקט צום טיש.

— אָט אַזוי! עס און זאָל דיר שמעקן אַזוי ווי מיר: — האָט נחמה געוווּנקען צו מאירלען האַלטנדיק אַ שטיק ברויט אין איין האַנט און אין דער אַנדערער אַ צעשניטענעם פּאָמידאָר — זאָג, מאירל, איז כאָטש פאַראַן גוט ברויט אין יוספיה? אָדער עסט מען נאָך אַזאַ ליימיק לחם, ווי פאַר מיינע צייטן? אָבער, מילא, נישקשה!

אַז די מומיע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעפּיקעוועט צו דערזעט, האָט זי צוליב הרחבה פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס פון אייגענעם בּלע־טער־שניט און זיך דערמאָנט אָן פּעקל גייעסן:

— איר ווייסט, חברה, ס׳איז פריער פריילעך געווען אין דרויסן... מ׳האָט זיך געשלאָגן, געהרגעט, געשפּאָלטן קעפּ! אַרבעט, נישטאָ אַרבעט... קאָמוניסטן, פּועלי־ציוניסטן... מאָפּסן... פּראָוואָקאַטאָרס... יונגען, כּוליגאַנעס... אָרגאַניזאַציע... ימח שמם! שמע, נבלה!

איז ער אָבער אין דער רגע אַריין אין אַזאַ היץ, דער צבי, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין פון דעמדאָזיקן דערציילן, מער ווי די ערשטע צוויי ווערטער, אַז ס׳איז וואַרעם געווען אין גאַס; אַז מ׳האָט זיך געשלאָגן... ר׳האָט געמאָלט, געאַרבעט מיט די איינגעפאַלענע ליפּן, זיך געבייזערט, געפּאָנפּעט, אַז ס׳איז בשום אופן נישט מעגלעך געווען צו דערגיין, ווער וועמען ס׳האָט געשלאָגן און דער עיקר: ווו און פאַרוואָס?... צום גוטן סוף איז ער גאָר אַריבער אויף אַנדערע ענינים: אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען, דעם מאָרגנדיקן „יום טוב פּורים" און וועגן זיינע אַנטיקן, וואָס ער קלערט צו קויפן.

— אַ טייערע זאַך איז דאָ צו באַקומען: אַ בילדל פון חנא נחומען, נאָך אין פאַהלעך, אַ יאַרמולקע און אין גאַנצע תחתונים. כּי כּי! מ׳וויל אָבער דערפאַר אַ ספּאָדיק מיט פּיאַסטערס, נאַר, בחיי!! איך וועל עס קויפן... איר הערט, חנא נחום אַליין האָט נישט אַזוינס—בחיי! בחיי... כּי כּע...

נחמה האָט זיך דערווייל ווידער צעשטרעקט אויפן בעטל און געקלערט פון דעם, ווי שיין ס׳מוז איצט זיין אין יוספיה. ז׳האָט געקלערט וועגן די יונגע אייקאַליפּטוסן, קיפּאַריסן און פון דעם, ווי אַזוי חברים וועלן זיי אויפנעמען און וואָס—בעיקר—ס׳וועט זאָגן ער, צמח, דער פּאַסטוך...

צבי דער באַלעבאָס פון קעלערל האָט נאָך אַלץ געבילבעט, אויסגעפּונען אַ פרישן ענין און אינמיטן, אָן אַ פאַרוואָס, זיך צעלאַכט, טרייסלנדיק מיט דער איינגעשרומפּענער גאָמבע.

— האַ.. האַ.. כּאַ... הע.. ס׳האָט אָבער קיינער נישט מיטגעהאָלפן און ער האָט זיך בשלום אַליין אויסגעלאַכט און צו זיך געקומען. —

מאיר־ל גזלן האָט זיך געדרייט אַראָפּ און אַרויף איבערן קעלערל און נישט געקאָנט זיך דערטראַכטן וועגן דעם, וואָס ר׳האָט

געוואָלט. עפּעס האָט זיך געשפּינט, געקנוילט ביי אים אין מוח, נאָר אַלעמאָל האָט דער עק-פֿאָדים זיך ערגעץ פֿאַרפֿלאָנטערט און ער האָט אים נישט געקאָנט דערכאַפּן. האָט ער געברומט, פֿעסטער געקלאַפּט מיט די קנאַפּל איבערן דיל און געציילט יעדן שפּאַן. נאָר מיטאַמאָל איז זיין בליק געפֿאַלן אויף אַ גרויסן, לעדערנעם ראַנץ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. ער איז צו צום ראַנץ, אַ קלאַפּ געטון מיטן שפּיץ-שטיוול אָן דער לעדער און אַרויסגעפּאָרן:

— און דאָס וואָס איז?—ר׳איז אָבער תּיכּף אָפּגעטרעטן פֿון אָרט. קיינער האָט נישט איינגעהערט זיין שאלה און קיינער האָט נישט געענטפֿערט. האָט ער נישט מער איבערגעפֿרעגט און אָפּגעטרעטן. „וואָס גייט אים אין אמתן אָן, ווער דער דאָזיקער ראַנץ איז? איז אָבער תּיכּף נאָכדעם נחמה אַראָפּגעקראָכן פֿון בעטל און צוגעגאַנגען צום ווינקל, וווּ דער ראַנץ איז געשטאַנען; זי האָט אים אויפֿגעמאַכט און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן פֿון דאָרט פֿאַרשידענע קליידער, לוקסיעזע שמאָכטעס און כלערליי ווייבערישע צאַצקעס; ז׳האָט זיי אָנגעוואָרפֿן אין אַ הויפֿן, נישט געאָרדנעט און נישט צוזאַמענגעלייגט און דאַן זיך אויסגעדרייט צו צבין:

— קוק צבי אַהער... זעסט, יענער, וואָס איז שוין נישטאָ... ער... ר׳האָט דאָס נישט געוואָלט צוריקנעמען פֿון מיר... אָבער איך דאַרף דאָס אויך נישט... וועסט דיר דאָס איבערקוקן צענויפֿלייגן און באַרייכערן דיין אַנטיקן-מאַגאַזין. מיר פֿעלן זיי נישט אויס מער, די אַלע זאַכן. קוק אַהער, צבי, קאָלירטע שמאַטקעס!

צבי, וועלכער שפּיגלט זיך ממש אין לאַכמאַנעס, סיי ווייבערישע, סיי מענערישע, האָט זיך מיט גרויס וויכטיקייט גענומען צום איבערקלויבן די זאַכן נישט צוריקלאָזנדיק דאָס קלענסטע שטיקל אָן אַ גענויער בדיקה. ביי אַ גרויסן, רויטן זיידענעם שאַל, מיט געהאַקטע פֿראַנזן, האָט ער זיך לענגער געפּאָרעט; געוואָרפֿן אויף אַלע זייטן און נישט געקאָנט דערמיט פֿאַרטיק ווערן.

— דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז, צבי? קאָנסט נישט פֿאַלן דערויף? — האָט נחמה אים איבערגעפֿרעגט, באַמערקנדיק אַ מין „נישט אַהער און נישט אַהין" מינע אויף זיין פּנים.

— ניין... איך ווייס... כ׳זע דאָך אַ מין דעק מיט שפּיצן און

טראָלדן... נאָר איך באַקוק, צי איז צו מאַכן דערפון אַ רויט העמדל פאַרן „ערשטן מאַי".. דאָס אַלטע העמדל מיינס איז שוין אויסגעשיס.. שוין פינף „ערשטע מאַיס" אין דעם געפּראַוועט... ווי מיינסטו, נחמה פון דער דעק קאָן עפּעס אַרויס?.. נחמהן איז געפעלן געוואָרן דער איינפאַל.

— אַנו, מיר וועלן זען, וויאַזוי ס'וועט דיר פּאַסן! — האָט זי צו אים אַ זאָג־געטון. זי האָט אַריבערגעוואָרפן דעם שאַל איבער זיינע פּלייצעס און אים איינגעהילט — אָ! נהדר! ביסט אַ בריליאַנ־טענע שיינקייט!

די מומיע, צבי, האָט אויסגעצויגן דעם באַלסאַמירטן פּרצוף און נישט קיין פינטל געטון מיט קיין אויג.

— נהדר! פּראַכטפול—כי־כי־כי! — האָט נחמה זיך נישט געקאָנט זאַט אָנגאַפן. אָבער מיטאַמאָל האָט זי אַראָפּגעריסן דער שאַל פון צבי, פאַרוואָרפן אים איבער די אייגענע אַקסלען און מיט אַ פּאָר אָנגעגליטע אויגן זיך צוגעשאַרט צו מאירלען, וואָס איז געשטאַנען ביים אונ־טערשטן טרעפּל.

— און דו, וואָס זאָגסטו דערצו, מאירל?—מאירל איז געשטאַנען אַ רגע אַ צעחושטער, און אַ מאָדנער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים. נאָר באַלד דערויף זענען זיינע אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט, די ציין האָבן זיך צוגעקלעמט און ער האָט זיך אויף איר אַ וואָרף־געטון מיט ביידע בינטלעך־פינגער. ער האָט פון איר געריסן דעם שאַל, געשיילט דאָס קלייד און ווי אַ צערייצטע חיה געדושעט: כרע... כיר...

און מאָדנע: נחמה איז געשטאַנען, ווי אַ צוגעשמידטע און זיך נישט גערירט פון אָרט; געלאָזט פון זיך רייסן און שיילן. ערשט אַז מאירל איז איר געפאַלן צו די פיס, ווי אַן אונטערגעוואַזשעטער קלאָץ און זיך צעוויינט אויף זיין ווילדן שטייגער, האָט זי זיך אי־בער אים אָנגעבויגן און אַרומגענומען זיין קאָפּ: —

— וואָס איז דיר, מאירל? דיר איז עפּעס? מאירל האָט גע־כליפּעט, זיך געוואַלגערט און אַרויסגעברומט פון זיך האַלבע, קוים פאַרשטענדלעכע רייד:

— וואָס.. רעדסט... זיין מיט מיר? האַ? וועסט? מיט מיר.. דו...

— זע, דו האָסט זיך באַנאַרישט!.. האָסט אויף מיר ס׳קלייד צעריסן און די הויט צעשיילט... קוק, כ׳האָב אַ צעבלוטיקטן אָרעם..

— צעריסן!.. צעבלוטיקט... רעד! זיין מיט מיר — האָט מאירל געברומט... נחמה האָט אים געגלעט און געטרייסט:

— איך גיי דאָך קיין יוספיה צוריק... צוריק.. קאָנסט אויך גיין מיט מיר...

— יאָ? כ׳קאָן? וועלן גיין...ביידע אינאיינעם.. איך, דו...—צבי, די מומיע, האָט דערוייל גאַנץ רויק צעגויפגענומען די שטיקער פון דעם רויטן שאַל און געפרוווט צעגויפלייגן פּאָנפּענדיק גאַנץ פאַרזיך:

— געמיינט, ס׳וועט זיין אַ ניי העמדל... אָט, שוין נישט ווייט צום „ערשטן מאַי"....

— — — — — — — — — —

פייער, פייער אין אַלע גאַסן; גרין און רויט און אַנדערע קאָלירן. ס׳איז אילומינירט אַ שטאָט מיט צעצונדענע לאָמטערנס. אויפגעפּראַלטע טויערן און פענסטער און אַ לבנה, אַ זילבערנע אַ צעשמייכלטע הענגט אַראָפּ. ים. כוואַליעס. מענטשן צעזונגענע איבער ברוקן זינגען אויס אַן אָנגעשטויגענע פרייד. אָנגעקוואָלענעם באַגער. ווילדוסטיקייט! און זעלטן נאַכטיש גליק... פרייד. פאַרגעסנקייט. — פון לאָדנס אויפגעריסענע צעשווימען און צעגיסן זיך טענער און ס׳דרינגען אַרויס טאַקטן פון וויגנדיקן, רייסנדיקן טאַנץ. ס׳הילכן אַרויס און ס׳שלאָגן אָן זיך אָן ווענט און אָן שכּנותדיקע, פלאַכע דעכער — ריטמישע שריט פון רקודים און געוויגעריי. ס׳מונטערט און ס׳וועקט דאָס קלינגעריי פון געשפּאַנטע קאָטשן און פייפעריי פון צעלאָזטע אַווטאָס, וואָס פירן מענטשן צום באַנאַכטיקן אונטערהאַלט — צו צוויי, צו צוויי, אַ זכר און אַ ווייב. — און איבער אַלץ: ריחות פון ווייבען און געריך פון צעלאָזטע געבליטן... און שיכּור זענען די שיכּורע און שכּור אפילו די ניכטערע: די, מיט קוואַרע ליפּן און אויגן איבערגעלאָפּענע פון קנאה און בלינדער דערוואַרטונג... — — —

ס׳כוואַליען זיך מענטשן איבער גאַסן, איבער ניישטאָט־פּלעצער, אין אַלע עקן. און די פיס, קני און קנעכל — ציטערן, סיי־די, וואָס זענען שיכּור, סיי־די, וואָס ווילן אָנגעטרונקען זיין אין דער פאַר־פורים־נאַכט.

און מענטשן מיט פנימער פאַרשטעלטע: סיי־די, וואָס וואַרפן אָפּ די שלייערן פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, סיי-די, וואָס ריסן אײַן די פּרצופים פאַר דער איינער נאַכט אין יאָר: „פּורים"...

און ס׳זינגען די שטיינער און ס׳טאַנצן די שטאַנגען, מיט דראָטן געשפּאַנטע:

עם ישׂראל חי!
עם ישׂראל חי!
הי, חי!
עד בלי די! — — —

ס׳שאַרן זיך פיר שאָטנס ביי די ווענט, ווי זיך נישט אויסצו־מישן און פאַרשלינגען צו ווערן אין דעם גרויסן שטראָם, וואָס פאַר־פלייצט; ווי צו האָבן אַ קוק איבער אַלץ... האַלב־ניכטערע, האַלב־שיכּורע שאָטנס פיר, באַוועגלעכע: פּאָרויס מאירל גזלן, מיט דער ליולקע, און ביי זיין רעכטער האַנט דער דייטשער „יודע", „גענאַסע" וואַגנער, וואָס וויקלט זיך אַ גאַנץ יאָר אין אַ זאַק, צוליב פּראָטעסט קעגן אומרעכט, וואָס הערשט אויף „הייליכער ערדע"; וואָט עסט בי־טערע און געזאַלצענע מאכלים, אַלס סימן פון טיפן טרויער, צוליב דער טויטער מענטשלעכקייט און אום-צדק אויף דער גאָרער וועלט...

אויך אין דער ערב פּורים נאַכט איז ער שטרענג ערנסט, גרייט צו מוסרן און איינגעוויקלט אין זאַק.... פון הינטן: נחמה, אין אירע אַלטע, דאַרע שיך פון דער יוספיהער קאָמונע און נעבן איר: צבי אין די ווינער, „קייזער-קעניגלעכע" הויזן און מיט יום טובדיקן „פּאַלמען-שטאָך" אין דער רעכטער האַנט.

אינם רוקן-זיך פון די פיר איז צו דערקענען, אַז ערגעץ האָבן זיי אַ באַשטימטן מאַרשרוט; אוודאי אַזוי. נאָר פון די רייד איז צו דערקענען, אַז נישט אַלע זענען מסכּים, די מומיע, צבי חיות, טענהט:

— איך הייס, ס׳איז דאָך עפּעס יום־טוב! פּורים אין אונזער העברעאישן תּל אביב! מ׳דאַרף אַלע גרויסע לייט „גוט יום-טוב" ווינטשן און אַ הוליע טון!.. נחמה איז נישט להוט. זי דערמאַנט בלויז:

— עך! ווי איך האָב עס געהוליעט!.. ווען איך וואָלט דעמאָלט געוואָלט... נאָר דער דייטשער „יודע" וואַגנער האַלט איין זיינע שריט, שטעלט זיך אָפּ, ווישט אַרום דעם גראָען קאָפּ און דאָס פאַרוואָרלאָזטע

פנים; דאַן מאַכט ער אַ צייכן, אַז אַלע זאָלן שווייגן און הויבט־אָן, אָן אַ נוסח:

— מיינע פריינדע! גענאָסן! אַ מענטש דאַרף געדענקען אָן באַ־דינגונגען! אָן אומשטענדן... ווייסט: פאַלשקייט פאַר אונז, באַטראָג און אומריינקייט הינטער אונז... פאַר די אויגן: אוממאָראַליש געיעג... „יאַ! ביי עהרע״ מיינע פריינט! אויך הייטע. און הייליכער נאַכט דעס פאָרים פעסטעס מוזן מיר פראָטעסטירן! נישט פייערן מיטן המן! „יאַ בייעהרע!״ זאָל די וועלט וויסן, אַז מיר זעען זי דורך און דורך: אַז מיר ווילן ריין מאַכן דעם באַפלעקטן אמת! גענאָסן! מיר טראָגן אָן אידעאַל אין אונזערע הערצער! מיר זענען גראָ און אַלט און „מאָרש געוואָרדען״! יאַ, גאָט איז צייכע! — איך גלויבע אָן העהערע מעכטע — גאָט איזט צייכע״, פריינט! גענאָסן!

אָבער מאירל האָט פאַרענדיקט:

— אַ טייוול וועט עס נישט כאַפּן! איך וויל דווקא זויפן! מאָרגן וועלן מיר שוין נישט זיין! בחיי, וואַגנער, דייטש! יאַללאַ! מאָרגן... פון דאַנען... „קאַפּוט״!

מאירל האָט געוואָרפן אַ זייטנדיקן קוק אויף נחמהן. אָבער נחמהס שאָקל מיטן קאָפּ האָט גיכער געקאָנט הייסן: „איך וועל גיין... דו וועסט גיין... מיר וועלן ביידע גיין״... צבי חיות האָט פאָרגע־לייגט צו זינגען דעם אַלטן, האָלענדישן מאַרש, כדי וואַגנער זאָל דיריגירן. — —

גאַסן זענען צעצונדן, אילומינירט. מענטשן שטראָמען און פאַר־פלייצן. ביי דער זייט רוקן זיך די פיר. טויזנטער אויגן זענען צו זיי געווענדט און די אויערן אויסגעשפּיצט צו הערן:

„טאָרף אין די ראַנסל, טאָרף אין די ראַנסל
איז כא מער כא מאָדע מער,
טאָרף אין די ראַנסל, טאָרף אין די ראַנסל
איז כא מער כא מאָדע מער...״

דער באַזיגטער דייטש וואַגנער דיריגירט מיט צבים יום־טובדיקן פאַלמען־שטאָק, און זיינע איינגעגראָבענע, וואַסער־גראָע אויגן שפּריג־גען, פאַר שטרענקייט, פון די לעכער: „איינס! צוויי! טעמפּאָ! מאַרש!״—

שפּעטער־צו איז גאָר שווער געווען זיי נאָך ווייטער צו האָבן אויפן אויג. ד'האָבן זיך געדרייט גאַס־איין, גאַס־אויס און סוף־כּל־סוף זיך ערגעץ צונויפגעגאָסן מיט די צעיום־טוב־טע, צעהוליעטע מענטשן־מאַסן. — האָט שוין קיינער נישט געוווּסט, ווו זיי האָבן צוגעבראַכט די נאַכט און וויאַזוי ס'איז זיי, בכלל, דערנאָך צוגעגאַנגען. — —

ערשט אויף־צומאָרגנס, אין סאַמע „איינמאָל־אין־יאָר־פּורים, ווען דער אָפיציעלער „קאַרנאַוואַל־צוג" האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן אונטער טאַצן און פּויקן, טרומייטערן און גלעקלעך, זענען צווישן די מאַסן מאַסקעס און רעקלאַמעס, היסטאָרישע כאַראַקטערן און גרימען, אויך אויפגעשווומען אונזערע פיר לייט, אָבער אין אַ ביסל אַ געאַנדערשטן סדר: פאָרויס מאירל גזלן מיט וואַגנערן אין זיין זאַק־קאָסטיום, אָרעמס אויף אַקסלען פאַרוואָרפן, אין דערמיט נחמה, מיט צביס פּאַלמען־שטאָק, און ערשט נאָך איר צבי, די מומיע אַליין, מיט אַ גרויסן טאָוול אויף אַ הויכן דראָנג: „זאָל לעבן, די באַוועגונג! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם! זאָל לעבן דער פרייער יום־טוב־פּורים! זאָל לעבן רוטנבערגס עלעקטריק־סטאַציע — הידד!"... און דווקא די פיר לייט, אָן מאַסקעס, מיט די אייגענע פּרצופים האָבן אויף זיך געצויגן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און אַממייסטן באַוווּנדערט און אַפּלאָדירט געוואָרן פון דעם גרויסן המון, וואָס איז נאָכגעגאַנגען, און פון דעם מאַסנפּובליקום, וואָס האָט באַלאַגערט די פלאַכע דעכער, באַלקאָנעס און אויפגעפּראַלטע פענסטער. נאָר איין באַשעפעניש האָט אַרויסגערופן אַ קליינע אויפרעגונג: הינטער די פיר לייט האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ קליין בחורל אין אַ מאַסקע פון אחיתופל מיט הערנערלעך אויפן שטערן, מיט אַן אַרויסגעשטעלטן רויטן לעקער, און פון אונטן אַ לאַנגן ווײדל.... האָבן אים אַ טייל מענטשן נאָכגעשריגן און געדראָט מיט פויסטן.... די טאַצן און די פויקן, די טרומייטן און גלעקלעך האָבן אָבער פאַרהילכט, און ס'שדל האָט זיך שעלמיש צעפּיפּסט: פּי־פּי! פּיס! פּע.. פּיו.. — — — —

* *

*

באַגינען, די צעהוליעטע, צעיום־טובטע שטאָט תּל־אביב ליגט

אין דרימל. חלומט נאָך ווער פון ווייַן, מאַסקעס און פאַרשלייערטן גליק. און ווער — פון מידע טעג און וויסטקייט... ס׳דרימלען נאָך די הויכע, ברעטערנע געריסטן אַרום נישט-געבויעטע הייזער און וואַרטן, פאַרלאָזענע, אויף רוקן־און־לענדן, אויף הענט־און־פיס פון דערווייל־שלאָפנדיקע אַרבעטער. פוסט און אויסגעליידיקט אויף גאַס און געסל. בלויז פאַרפריטע שטראָז־קערער מיט לאַנגע בעזעמס אין די הענט, אָפקערנדיק דעם צוריקגעבליבענעם יום־טוב־שטויב און מאַראַנצן שאָלעכצער, כאַפּן אַ נישט־פאַרגינערישן קוק אין אַ פאַרלאָדנט פענסטער און דערמאַנען זיך אָן עפּעס: — ווער אָן אַ ווייב, אַן אייגענער, ערגעץ אין אַ בעט און ווער אָן סתם אַן אָנגענעמער זאַך... אַ לעצטער לאָמפּ, אויף אַ חשובן פּלאַץ, לעשט זיך אויס און יאָגט אָפּ אַ שאָטן פון אַ קהלישן געביי... פון פאַרוואָרפענעם קליינעם וואָקזאַלעכל פאַרטראָגט זיך אַ גרילצנדיקער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו... און ווידער שאַ... שטיל... און מיטאַמאָל הילכן אָפּ טריט איבער גערייניקטע טראָטואַרן: ראַן־טאַ, ראַן־טאַ... ראַן־טאַ. איינס... צוויי, דריי, פיר... טאַ־ראַן... מען שפּאַנט. אַראָפּ־גאַס. אויפן שאָסיי אַרויף, אַרויס פון שטאָט. מיט צוויי זעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט פאַרוויקלטע קעפּ און מיט גראָבע שטעקענעס. מאירל און נחמה. — —

שטייט ביים שייד־וועג אַ „שוטר" און קוקט נאָך מיט אַ פרימאָרגן געגעץ די צוויי וואַנדערער. נאָר ס׳פּאַלט אים נישט איין אפילו אָפּצושטעלן די צוויי לייט און זיי אַ פרעג טון: „וווהין איז אייער וועג און ווער זענט איר?" דער געגעצנדיקער „שוטר" אויפן שייד־וועג ווייסט שוין, ווער ס׳קאָנען זיין אָט די צוויי פוסגייער און צוליב וואָס און וווהין זיי שפּאַנען... דערויף איז ער פּאָליציימאַן... אַ ייד... נאָר אַז מאירל גיט אים אומגעריכט אָפּ אַ ברייטן שלום און פרעגט חבריש דעם „אדון" מיט דער קאָלבע, וויפל אַ זייגער ס׳קאָן אַצינד זיין, ענטפערט ער אַלץ מיט אַ געגעץ:

— הע... האָ! או... ע — פיר מיט פינף מינוט... פונקט, פונקטום...

אַרום פינף מיט זעקס מינוט זענען די צוויי לייט שוין גאָר ווייט פון דעם פּאָליציימאַן, גאָר ווייט פון די גאַסנקערער און פון די דרעמלענדיקע הייזער. זיי שטאַמפּן שוין אויף דעם פוסטן זאַמדוועג.

און זייער גאַנג ווערט אַ באַשווערטער און געמאָסטענער: ס׳איז דאָך שוין אָפּגעפּלאַנט, ווו זיי האָבן אָפּצוטרעטן אויף נאַכטלעגער, דאַרף מען, בכן, זיך נישט צו איילן.

— אין פּתח תּקוה וועלן מיר נעכטיקן, הערסט, נחמה?

— אוודאי הער איך.

— לאָמיר אויסטון די שיך, נחמה.

— איך קאָן אויסטון די שיך... ס׳רייבט מיר טאַקע אין קנעכל...

טוט מען אויס שטיוול און שיך, מ׳הענגט זיי איבער די אַקסלען אַריבער און ס׳ווערט לייכטער אין גאַנג. אַ ווייסער וואָלקן ציט דורך אויפן ראַנד פון הימל און זאָגט אָן אַ זוניקן, ליכטיקן טאָג. אָבער דאָס אַלץ קאָן נישט אָפּטרייבן די אומהיימלעכקייטן, ווייל אַרום איז שטיל און ליידיק, אויסגעדאַרט און אויסגעטרוקנט. דערמאָנט זיך נחמה!

— דערציייל עפּעס, רעד, מאירל

— וואָס זאָל איך דערציילן?

— וואָס דו ווילסט. ס׳וועט היימלעכער זיין. אין וועג דאַרף מען רעדן. ס׳איז נישט גוט און נישט פריילעך צו שווייגן... אין צווייען.

— אַזוי מיינסטו, נחמה?—נאָר ער קומט נישט איינגאַנצן דערצו אָנצוהויבן צו רעדן. אַראָפּשפּאַנענדיק דאָס משופּעדיקע בערגל, ביי דער זייט פון אַן אַראַבישער מאַראַנצן־באַיאַרע און אַרויפקומענדיק אויף דעם כּמו־שאָסיי, האָבן זיי דערזען אַ גאַנצע כאַליאַסטרע פון בחורים און בחורות מיט פעקלעך אויף פּלייצעס און אַקסלען, גיין־פּאָרויס, אין דערזעלבער ריכטונג וואָס זיי. האָט זיך נחמה אַזש דערפרייט:

— מאירל? מיר גייען נישט אַליין! זעסט, דאָרט שפּאַנען חברה!

— נו, גוט!.. שפּאַנען זיי... גוט...

מאירלען האָט גאָרנישט געצויגן אָנצויאָגן דעם עולם און זיך אָנצושליסן צו זיי. אָבער נחמה האָט אים געטריבן:

— קום! לאָמיר גיכער שפּאַנען. לאָמיר זיי כאַפּן! אחד! שתּים! אחד! שתּים! ז׳האָט זיך צעלאָזט און געמאַכט שנעלע שפּרייז. האָט מאירל, שוין, באָין ברירה, געמוזט נאָכשפּאַנען טראָגנדיק אָן אָפּענע

אומצופרידנקייט אויפֿן פּנים און ברומענדיק שטיל, צו זיך אַליין: „ט'האָסטו דיר חבֿרה אויף מיין קאָפּ"...

זיי זענען נאָך געגנוג הינטערשטעליק געווען פֿון יענער חבֿרה, וואָס האָט זיך פֿאַרויס אַרויסגערירט. אויף די פֿלאַכע טאָלן, וואָס ציען זיך צו מזרח־זייט פֿון ים התּיכון; איז אַזוי דין און דורכזיכטיק די לופֿט, אַז דו זעסט אויף מייַלן יעדן ווייטן און קליינסטן פּינטל. נחמהן האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט איז זי שוין נעבן זיי, אָבער וואָס־ווייטער זי איז אָפּגעלאָפֿן, אַלץ מער האָבן זיך די פֿאַרויסנדיקע דערווייטערט — ווי אויף להכעיס. זי האָט זיך געוואָלט צעשרייען, נאָר מאירלס ברוגזער מרוק פֿון הינטן האָט זי אָפּגעהאַלטן.

— וואָס דאַרפֿסטו זיי? — האָט ער צווישן די ציין געפֿרעגט.

— איך וויל...

— טאָ וויל דיר...

און די חבֿרה פֿאַרויס האָט זיך ליכט געפֿאַליעט, געטראָגן די קעפּ אין דער לופֿטן און פֿאַרהילכט דעם מאָרגן מיט אַ האַפּערדיקן בראָדיאַגע־ליד. די אָפּגעהאַקטע, פֿאַרטאָגנטע זאַצן האָבן זיך געריסן פֿאָרויס און אויף צוריק; זיך פֿאַרטראָגן ביז צו נחמהן און זי מער צערייצט און אונטערגעוואָרעמט. ז'האָט צוגעהאַלטן מיט איין האַנט די ברוסט, מיט דער אַנדערער אונטערגעשפּאַרט דעם טלומאַק אויפֿן רוקן און נאָך שנעלער זיך געשאַרט.

— ווי זי לויפֿט עס! — האָט מאירל געברומט מיט אַ קול, ווי איינער, וואָס ווייסט, אַז ער וועט שוין גאָרנישט פּועלן. און דערביי האָט ער אַליין זיך גענומען צום הילכן.

נאָך אַ היפּשער האַלבער שעה, האָבן זיך די לייט באַגעגנט. די ערשטע האָבן זיך שוין געהאַט צעזעצט נעבן אַן איינציקן דאַרן פֿייגנבוים, וואָס האָט געטרוקנט אונטער דער זון, אויף אַ בערגיקן אָרט און געשענקט אַ קנאַפּן שאָטן. נחמה איז גלייך צו צו זיי און, אַ פֿאַרשוויצטע, זיך לעבן זיי אַנידערגעוואָרפֿן:

— שלום, חבֿרים!

— אַ, שלום צו דער פּוסגייערין! שלום! — האָבן חבֿרה פֿריי־לעך אָפּגעענטפֿערט — צעשטרעק זיך, ווי דיר גלוסט! נאָר ווער איז דיין באַגלייטער, וואָס האַלט זיך פֿון דערווייטנס און איז אָנגעבלאָזן?

העי, חבר, קום רוען לעבן פייגנבוים! „עסמא”, מאַנסבילן!

— איך וועל זיך זעצן, אַז איך וועל וועלן! — האָט מאירל ברוגזלעך אָפּגעענטפערט. חברה האָט תּיכּף געזען, מיט וועמען מ׳האָט דאָ צו טון, און זיך צוריק פאַרנומען מיט „צידה לדרך”.

סוף-כּל־סוף האָט זיך מאירל פאָרט אַוועקגעזעצט, נאָר אָפּגע־רוקט פון איבריקן עולם. ער האָט פאַרויכערט דעם ציבוקל, געבלאָזן רינגלעך־רויך און געקריצט מיטן פינגער אין זאַמד. האָט זיך פאַוואָ־ליענקע זיין אומצופרידנקייט אָפּגעטון פון אים און ער האָט אַ שמייכל געטון; מעגלעך אַז ס׳איז אים נישט אומזיסטן לאַכעדיק געוואָרן... נחמה האָט דערווייל געהאָלפן דער חברה קייען ברויט מיט „זתים” און דערציילט וועגן „עמק” און יוספּיה. חברה, צומיינסט איין אָדער צוויי יאָריק דינער אין לאַנד, וואָס זייער פוס איז נאָך נישט געווען אין יענע מקומות, האָבן זיך בייגעריק צוגעהערט. אַ טייל האָבן אַזש אויפגעריסן די מיילער פאַר גרויס התפּלות און איבערגע-מען זיך... און וווּנדערלעך, ווי דאָס דערציילן האָט נחמהן פאַרגע-ניגן געמאַכט; אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן דערמאָ־נענדיק ערטער, זאַכן, געשעענישן און מענטשן...

— און איר זענט נאָך דאָרט נישט געווען, חברה? נישט גע-ווען אין יוספּיה?

אַ קליינער חברה-מאַן פון אַ יאָר זיבעצן האָט זיך קוים דער־וואַרט צו ענטפערן:

— מיר גייען איצט אַהין. ביז אַהין צופוס! מיר וועלן אָנקומען אוודאי ערשט פאַר פּסח. אונטערוועגס וועלן מיר באַקוקן אַ שטיק יהודה און גאַנץ שומרון. אויך שומרון איז פּראַקטיק... איך ווייס, אַז אין...

— קענסט שומרון? — האָט נחמה אים איבערגעשלאָגן.

דער חברה־מאַן האָט, אַ מבוישער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איינגעהאַלטן דעם פלאַמיקן טאָן.

— נאָך נישט געווען... ערשט איצט צייט באַקומען... נישטאָ קיין אַרבעט—גייט מען שפּאַצירן... מיר גייען אַלע... אַלע האָבן נישט קיין אַרבעט און נישט קיין... אָבער עסן וועט מען אונז געבן אומעטום, איאָ?

און ס'בחורל האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט כאָטש אַ חודש־צייט זיין פאַרזאָרגט מיט עסן, אַזוי לאַנג דער שפּאַציר וועט אָפּהאַלטן, גייענדיק פון דאָרף צו דאָרף, פון פונקט צו פונקט, ווו נאָר אַ קבוצה איז פאַראַן.

מאירל, ליגנדיק פון ווייטנס, האָט שוין צייט געהאַט אויסצורויכערן די ליולקע און אַנטדרימלט צו ווערן אויף דער זון. אָבער אין דרימל האָט ער נאָך אַלץ געהערט ווערטער, „יוספיה", „עמק" און עפּעס האָט זיך געוואָלט איצט חלומען וועגן קומענדיקע טעג, וואָס זענען נאָך פאַרשלייערטע; וועגן קומענדיקע טעג דאָרט אין יענע מקומות און וועגן... נחמהן. דער שלאָף איז אָבער אים געקומען. די זון איז שוין גאַנץ הויך געווען, און אַלץ האָט געגליט. דורכגייער האָבן זיך שוין אַרויסגעלאָזט אין וועג צוריקקלייענדיק סימנים פון טריט און פאַרשוואונדן ווערנדיק אין פאַרשידענע עקן. אַן אַראַבער אויף אַן אייזעלע און צוויי ווייבער לעבן אים צופוס; אַן אַלטער דערוויש מיט אַ פאַרוויקלטן קאָפּ מורמלענדיק תפילות און קוקנדיק צו אַלע פיר זייטן וועלט... און איין מענטש, נישט קיין הי־מקומדיקער, נאָך זיין אויסזען: מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, אַ גרויסן אייזערנעם צלם אויף דער ברוסט, מיט אַ „רויזנקראַנץ" אין האַנט, זאָגנדיק:

— „איך טרעט אויף דיין ערד, און רייניק זיך פון טמאה"...

דער וועג האָט שוין מער נישט געפּוסטעוועט. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ יונגע בעדוינערקע מיט אונטערגעטריפטע, גרויסע, שוואַרצע אויגן, און מיט אַ נאָזבאַנד פון געלע בלעכלעך, וואָס האָט זיך געבאָמבלט פון שטערן אַראָפּ איבער דער גאַנצער צורה. ז'האָט געטראָגן אַ גרויסן ערדענעם קרוג אויפן קאָפּ און אַזוי עלאַסטיש און בויגעוודיק זיך געוויגט מיט איר יונגן קערפּער, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַן אויסגענייטן, ברייטן, בלויען קלייד...

דערזעענדיק אַ הייפל מענטשן ביים פייגנבוים, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געפרווט פאַרשניידן אויף אַ זייטנוועגל. אָבער איינער פון די יוגגען, וואָס זענען געלעגן און זיך צוגעהערט צו נחמהס דערציילונגען, האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרלאָפן דער בעדוינקע דעם וועג און זי אָפּגעשטעלט:

— האָסט וואַסער, יפהפיה?

— כ׳האָב, כאַוואַדזשאַ

זי האָט אַראָפּגענומען דעם קרוג, דערלאַנגט דעם בחור צו טרינקען און דערבײַ געגלאַנצט מיט אירע ווײַסע פּערלדיקע ציין. דערווײַל איז דעם בחור אײַנגעפאַלן פרעגן, פאַרוואָס בײַ איר אַזאַ טונקעלע הויט.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי ברוין, יפהפיה?

— מיך באַקט די זון...

דער בחור האָט זיך נאָך נישט באַנוגנט און געוואָלט אינאיינ־וועגס געוווּיר ווערן, אויב אירע אָקסלען זענען אויך ברוין... די בעדווינקע האָט פאַר שרעק אַראָפּגעלאָזט דעם קרוג, און ער איז צע־שפּרונגען געוואָרן אויף שטיקלעך. דערזעענדיק די שערבעלעך אויף דער ערד, האָט זי זיך אַזוי צעכליפּעט, אַז דער גאַנצער זאַמדיקער שטח איז פול געוואָרן מיט איר געיאָמער. זי האָט געכעסט, געכלי־פּעט, געשאָלטן און גערופן „אַללאַ" צו הילף און געדייצט די „שדים".

דער בחור האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן; ס׳האָט אים שוין באַנג געטון אויף דער גאַנצער מעשה און דערבײַ מורא גע־האַט, ס׳זאָל נישט עמעצער פון ישמעאלס אייניקלעך אָנקומען. ר׳האָט גענומען זיך אַרומקוקן, זוכנדיק ווי אַזוי זיך אָפּצורוקן. אָבער מיטאַ־מאָל איז די בעדווינקע אונטערגעשפּרונגען, אַזוי ווי אַ ווילדע קאַץ, אַרײַן מיט די נעגל אין יונגס פּנים, אַזש ער האָט זיך אײַנגעקאָר־טשעט פאַר שמערץ. ר׳האָט זי תיכף געפּרוווט אָנכאַפּן פאַר אירע הענט, אָבער באַלד האָבן אירע שאַרפע ציין געשטעקט אין זײַנע פינגער און ער האָט געמוזט נאָכלאָזן. ער האָט דערפילט אַ ווייטאָק און זיך ממש נישט געקאָנט איינהאַלטן אויף די פיס; האָט ער זיך אַנידערגעוואָלגעט אויף דער ערד מיט אַ צעבלוטיקטן פּנים און הענט. אַ ווײַל איז די בעדווינקע נאָך געשטאַנען, געשפּיזט מיט אירע גרוי־סע, שוואַרצע אויגן, דאָ אויפן יונג און דאָ אויף די שערבעלעך. נאָך מיטאַמאָל האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בחור, אים אַרומגע־כאַפּט מיט אירע הענט, געוויקלט זיי אַרום זײַן האַלז און אים אָפּ־

געדעקט מיט אַזוי פיל גליענדיקע קושן, אַז ביי דעם בחור האָט שיר דער אָטעם זיך אויסגעלאָזט.

— אָט דאָס! דאָס... „אַנט... קאָוס״... — האָט די בעדוינקע געציִשעט אַזוי ווי אַ שלאַנג...

די חברה ליגנדיק אַ שטיק דערוויטערט האָבן שוין איצט אָנ-געמאַכט אַ געפילדער און זיך געלאָזט ראַטעווען דעם בחור. אָבער ביז זיי זענען אָנגעקומען, האָט זיך די בעדוינקע שוין געהאַט אויפ־געהויבן און אויס געווען די צייט... ווי אַן אינדיק איז זי געלאָפן איבערלאָזנדיק שפורן פון אירע באָרוועסע פיס אין זאַמד. בלויז אַ ווילדער געשריי פון אויפגערייצטקייט, שנאה און יסורים האָט זיך געלאָזט פון איר פאַרנעמען... מאירל גזלן, וואָס האָט בעת מעשה פון עפּעס געחלומט ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך אויפ־געהויבן, און אַ מבולבלער, הן פון זיין חלום, הן פון געפילדער, זיך אַזוי צעשריגן, אַז אַלעמען איז אַן אימה באַפאַלן, און ער האָט זיך צוגעלאָזט צום עולם.

דערזעענדיק די חברה אינאיינעם מיט נחמהן, נעבן דעם צע־בלוטיקטן, פאַרחלשטן בחור, האָט ער זיך איבער אים אַ בויג-געטון און אָן אַ באַשטימטן „פאַרוואָס״, אָפּגעשיט מיט אַ האָגל געביילטע פויסטן.

— ווּעסט נאָך?! ווּעסט נאָך? ,איך בין מאירל גזלן און דאָס איז זי, נחמה! ווּעסט נאָך? האַ? ר׳האָט געברומט, מאירל, און זיין ברום איז געווען, ווי פון אַ לעמפּערט.

— מר!.. מר!.. האַ? האַ? מרי! — — —

XII

ניסנטעג אין יוספּיה. ס׳בליִען די יונגע מאַנדלבוימער און ס׳גריִ־נען די קליינע ווײַנשטעק; די ערשט־פּאַרפּלאָנצטע מאַראַנצן־סעדער אָטעמען אויף און פּאַרטרינקען מיט זייערע פרישע ריחות. שווערער נאָך און פּאַרשיכּורנדיקער ווערן ערשט די דופטן אין אָוונטן, ווען ס׳ציִען לײַכטע ווינטן אָן פון צפון־זײַט. זיי זענען ווערגנדיקע, די אָוונטן אין ניסן־צײַט, אין יוספּיה. ווײַסע, מיט ליכט פּאַרגאָסן, מיט שימער פון פעלזן אַרום, אָנגעטרונקענע און דורכגעזאַפּטע מיט גע־רוכן פון צעבליטע שטעך. און די מענטשן... אויפגעבייטשטע געבליטן און אָנגעטרונקענע קעפּ, אין אָוונטן, נאָך טעג פון שווערער עבודה מיט דער באָראָנע און ריסקל. ווילדע געמיטער און אָנגעיאָגטע אָדערן, אַנידערצופאַלן און צו בײַסן די ערד, וואָס גרינט אויף און ס׳ווערט אין איר שויס אַ קערנדל צײַטיק...

צופיל אומגלויביק גליק....

גייען זיי, די יוספּיהער לײַט, אין אויפדערנאַכטן, אַזוי־וואָגיק און אַזוי געמאָסטן, — אַמאָל צו צוויי, אַרומגענומען, געקייטלט — און ווייסן נישט, צי גלויבן אָן אָט דעם ניסנדיקן גליק... רײַסן זיי די אויגן אויף און עפענען די מײַלער. צעשרײַען זיך פון די לונגען און פון די צאַפּלענדיקע הערצער: „העי, פּאַרשלייערט גליק אונזערס! העי, פּרעסנדיקער ספק! מאַרך אונזערער, אויפגעשרויפטער אָהאָ!״

איז אין אַן אויפדערנאַכט אַזאַ דאָס געווען, די מעריבדיקע

סעודת־אחים איז שוין לאַנג אויס געווען, און עולם האָט זיך שוין געהאַט צעטיילט אין אַלע עקן און אַלע ווינקלען, ווען מאירל און נחמה האָבן שווייגנדיק, די טלומאָקלעך אויף די אַקסלען און אַ בינטל אין האַרצן, זיך דערנענטערט צום ראָוו, וואָס נעמט אַרום דעם יוסיפיהער הויף... מאירל האָט אָנגערוקט דעם קאַפּעליוש איבער די אויגן, געבליבן שטיין, ווי אין אַ דערוואַרטונג, און נחמה איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און זיך פונאַנדערגעוויינט.

— ערד... היים... אָרימע בליענדיקע היים.... און מאירל האָט נאָכגעזאָגט:

— היים... אָרימע, בליענדיקע... און פּלוצלינג זיך צעשריגן: העי! ווו זענט איר חברה?!

איז אין אַן אויפדערנאַכט אַזאַ דאָס געווען. מאירל גזלנס קול לאָזט זיך תּיכּף דערקענען. האָט זיך באַלד צעטראָגן דער אָנזאָג וועגן זיין קומען, פון באַרג-צו-באַרג, פון ווינקל צו ווינקל. „חברים, געסט זענען דאָ! מאירל גזלן און”... דער אַנדערער נאָמען איז אַיבערגעחזרט געוואָרן אָן פאַרגאַפונג: „און נחמה”...

און אין דעם אויפדערנאַכט האָט אויפגעפלאַקערט אין מיטן הויף אַ גרויסער שטורקאַץ, אָנגעצונדן לכּבוד די געסט, און פישל דער גיטאַרשטשיק האָט געסטראָיעט די כּלי... פישל דער גיטאַרשטשיק שיכּורט זיך אָן מיט מאַנדל־דופט און מיט שימער פון פעלזן....

אָבער דער עיקר פון קבלת פּנים איז געווען נחמוני דעם לע־רערס דערציילונג וועגן אַלעמען און אַלץ, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין משך פון די אַלע וואָכן, וואָס זיי ביידע, נחמה און מאירל, האָבן געפעלט אין יוספיה. ר'האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דערמיט, דאָס הויקערל, צווישן מאירלען און נחמהן, און אַלץ איינגעטייטשט מיטן גראָבן פינגער און געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט. ר'האָט גערעדט וועגן דער גרויסער דערוואַרטונג אויפן ערשטן פרי־לינג־טאָג; וועגן טויבנשלאַג, וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט און וועגן די בייע געמאָלטע טאָוולען אין דער לערן-שטוב. וועגן פאַרשידענע קראַנקהייטן, וואָס אַ טייל פון די חברים האָט געמוזט אויסשטיין. וועגן זייער גענעזן־ווערן און וויאַזוי מ'האָט פון תּל שמם צוריקגעבראַכט „נשרן”...

—אָ, ע, ווי ער האָט זיך צעפּלאָשעט דער „נשר", אַז ר'האָט דערזען די אייגענע שטאַל! און אַ יונג פון תּל שמם האָט אים געבראַכט און...

ר'האָט איבערגעריסן, נחמוני, און באַלד ווידער אַרויף אויפן ענין-חברים.. און רעדנדיק וועגן מענטשן האָט ער אַ וואַזשנעם פרעג געטון:

— און פון זיי ווייסט איר, פון בערעלע האַז און מרים, ר' זיינוועלעס טאָכטער?—צוויי פּאָר אויגן האָבן אויף אים געקוקט מיט נייגיריקייט.

— וואָסזשע? איר ווייסט גאָרנישט? אָהאָ! נחמוני האָט אַוועקגעווישט מיטן פינגער אַ נאָכטפליגעלע, וואָס האָט זיך באַזעצט ביי אים אויף דער אויבערשטער ליפּ, און מיט גרויס וויכטיקייט גענומען אַוועקלייגן די נייעס:

- אָהאָ! אַז ס'זאָל עמעצן געוועזן איינפאַלן! קיינעם נישט! מ'האָט גאָרנישט באַמערקט, גאָרנישט געוווּסט און פּלוצלינג — אין סאַמע פּורים אויסגעשפּרונגען: בערעלע האַז איז זיך מתחתן מיט מרימן! וואָלט איר עס געוועזן געגלויבט? בערעלע האַז האָט מיט איר קיינמאָל נאָרנ־שט געהאַט און נישט זי, מרים, מיט אים... אָבער פּאַרטיק! באַלד אויפן אַנדערן טאָג האָט מען צענויפגעבונדן די פּעקלעך, אַוועק פון דאַנען און פּטור! איבערגעגאַנגען ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט און כאַלאַס!

ר'האָט זיך אַרומגעקוקט, נחמוני,ווי וועלנדיק אָפּלייענען אויף די פּנימער פון די צוויי אורחים דעם רושם און פאַרוואונדערונג, וואָס זיינע נייעסן האָבן געמוזט איבערלאָזן. נאָר נחמה און מאירל האָבן געשוויגן. מאירל האָט געצויגן דעם רומענט אויף זיינע לענדן און נחמה האָט געגלאָצט צום פלאַם פון שטורקאַץ.

— עי, דאָס איז נאָך גאָרנישט... יאָ, דער עיקר! ר' זיינוועלע און ביילע יענטל האָבן זיך אין דעמזעלבן טאָג אויך צעזעגנט מיטן הויף. זיי האָבן באַקומען צוויי בעטלעך אין ירושלימער מושב־זקנים און זיך פאַרנומען אַהינצו. ווי געפעלט אייך? איר וואָלט אָבער געדאַרפט זען אַ געזעגענען-זיך פון די אַלטע לייט: אַ מין קושן די ערד, קושן די ביימלעך, קושן די חברים... עי, בחיי! ר'האָט זיך

געשיבערט איבערן הויקערל, אויסגעקנאַקט די פינגער און געשמייכלט:

—יאָ, יאָ... ס'האָט זיך אַ סך געענדערט... ס'זענען טאַקע צוגעקומען אייניקע אַנדערע חברים פון שטאָט... אָבער...

די נייגיריקייט פון די געסט איז נישט געוואַקסן און ר'איז אַרויס, נחמוני, מיט דער גרעסטער באָמבע:

— עי, וואָס איז דאָס מיט אייך?! ס'פאַלט אייך גאָרנישט איין צו פרעגן אויף נאָך עמעצן? און מער פעלט אייך קיינער נישט? הם... און נאָך צוויי לייט זענען אַוועק... שאַ! איר האָט דאָך געקענט שושנהן, די זכרונער יפהפיה, וואָס איז ביי אונז פאַרבליבן אַ צייט? יאָ, נו... כאַלאַס! איינמאָל אין טאָג זיך אויפגעהויבן און אַנטרינען, אָן אַ „זייט-געזונט"... נישטאָ... ס'איז אָבער שוין גאָרנישט כדאַי וועגן איר צו רעדן... עס, זאָגן יאַטן, אַז זי האָט זיך ערגעץ באַגעגנט מיט אַ רייכן „עפענדי" און מיט אים אינאיינעם צוריק אַוועק אין דער וועלט אַריין... זאָגן יאַטן... איך אַליין ווייס אויך, אַז אין אירע אָדערן האָט געזאָטן אומריין בלוט. מ'האָט געקאָנט זען... איך ווייס מיינס. נאָר דאָס ווייס איך אויך, אַז אין איר אַנטלויפן איז עמעצער בפירוש שולדיק...—נחמה האָט אַריינגעצילט:

— צמח. איך ווייס, אַז צמח...

— פאַסטוך... אמת, אמת! ער איז שולדיק... — האָט נחמוני צוגעשאָקלט מיטן הויקערל — טאַקע ער...

— און וואָס זאָגט ער צמח? — האָט נחמה איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי נישט! וואָסזשע? — האָט נחמוני זיך אַצי־אונטער געטון — און דאָס ווייסט איר אויך נישט, אַז צמח איז אין איין פאַרטאָג אַהינגעקומען? אָהאָ! נאָך גאָר אַ סך פריער פאַר שושנהן... ר'איז דאָך שוין גאָר אַ צעטראָגענער געווען אין די לעצטע טעג. וואָס דען?! ווי איך זאָג!...

דער שטורקאַץ האָט געפלאַמט, חברה האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער און אין דער לופט האָט, אינאיינעם מיט די ווערגנדיקע ריחות, געהאָנגען אַ רעטעניש. פישל דער גיטאַרשטשיק האָט אומוויליק אַ גראַבל געטון מיט אַ פינגער איבער צוויי באַסאָווע סטרונעס, און אַ מעטאַלענער, טיפער געקלאַנג האָט זיך אָפּגערופן, גלייך ווען־ס'איז צו וועקן. אַ טייל חברים האָבן זיך צוגעזעצט, אַרונטער־

גענומען אַלע פיר הינטער זיך און געוואַרט אויף עפּעס. אַ טייל ווי־דער האָבן זיך אויפגעהויבן, דורכגעריבן די אויגן און זיך אַוועקגע־רוקט צו די ביידלעך און געצעלטן. האָבן זיך אויסגעלייגט לאַנגע שאָטנס נאָך די אַוועקגייענדיקע.

כּרמי דער מנהל עבודה האָט זיך אויך געפונען אין דעם בינטל. ער האָט זיך דערמאָנט:

— וואָטזשע קלערסטו, מאירל, איצט צו טון? דו וועסט אוודאי שוין איצט בלייבן ביי אונז, האַ? זי, נחמה, איז דאָך שוין דאָ צו־ריק און דו וועסט אוודאי... וואָס דען? צייט דיר שוין זיך אַוועקצוזעצן און... מיר וועלן דיך אַריינגעמען פאַר אַ חבר און מיט דער צייט וועסטו ווערן אַ חשובער „קבוצהניק" און אַ מענטש...

— כאַ כאַ! און דו וועסט דיר נעמען אַ באַזונדערן געצעלט מיט נחמהן אינאיינעם און טראַכטן אויפצושטעלן אַ יונגן דור! — האָט רבקה דער פלאַם אויסגעשאָסן מיט אַ מין היסטערישן געלעכטער — כאַ כאַ! אַזוי גזלן!

מאירל האָט אַ לאַנגע ווייל געשוויגן, ווי איבערוועגנדיק ביי זיך אין געהירן, אויף וויפל די אַלע עצות פון דער חברה זע־נען אָנגעמאָסטן פאַר זיינעטוועגן. דער קודלאַטער „זאַבדאל", דער ברוינער הונט פון קבוצה, האָט זיך ווי אַרום אַהער פאַרקליבן, זיך אַוועקגעלייגט מאירלען צופוסנס, געשנאַפּט צו אים און געפּרוווט אַ לעק טון זיינע צערעפּעטע זולן. נחמוני היקערל האָט נאָקיוועט דעם כּלב מיט אַ פינגער און אים געדרייט די לאַנגע אויערלאַפּעס...

— שקט! מנוחה, כּלב! שקט — האָט ער אים געלערנט דרך־ארץ, נחמוני.

דאָס רעדל איז נאָך שיטערער און קלענער געוואָרן. איינציק־ווייז האָט זיך דער עולם אָפּגערוקט. ווער שלאָפן — און ווער, מיט צעשרויפטע געפילן, זיך טולען צו אָפּענער נאַכט. פון צווישן די בערג אַרום האָט זיך אַ וווּנדערלעך ליד צעגאָסן, פון צער און מיד־קייט, הכנעה און דערשלאָגנקייט: „און גאָרנישט רופט זיך אָפּ אין די דערשלאָגענע געמיטער, ווען פון דער וויסטעניש דערטראָגט זיך דעם שאַקאַלס געוויין"...

מאירל האָט נאָך אַ ווייל געהערט און דאַן זיך אויפגעכאַפּט

— וואָסזשע זאָגסטו, נחמה? באַשטייסט, האַ? וועסט בלייבן מיט... מיר...

ס׳האָט קיינער נישט געענטפערט... די דריי פיר חברים, וואָס זענען געזעסן אַרום האָבן זיך אומגעקוקט און שטום זיך געוווּנדערט: נחמה איז נישט געווען לעבן זיי... פון אַרום די בערג איז דאָס ליד אויסגעגאַנגען און אין מיטן הויף האָט זיך דער שטורקאַץ אויך

* * *

ס׳איז אַרום האַלבער נאַכט געווען, ווען נחמה איז געבליבן שטיין ביים אָפּגעזונדערטן געצעלט, וואָס אין דער לעצטער ריי בייד־לעך, דער תמיד אַראָפּגעלאָזענער, פּרעזענטענער צודעק איז געווען אַוועקגעריסן און פון אינעווייניק האָט אַרויסגעגענעצט פוסטקייט און עצבות... די צעפּרעסענע און צעלעכערטע לייוונטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף עטלעכע אונטערגעפוילטע שטריק, האָבן לייכט געפּאָכעט, ווי דערציילנדיק אין דער טיפער שטילקייט: „נישטאָ, נישטאָ דער פּאַסטוך... און קיינער קומט נישט מער”...

און ס׳האָט קיינער טאַקע נישט אַריבערגעטראָטן אַהין, זינט דער באַוווינער, צמח, איז אַוועק; און קיינעם איז אויך נישט איינ־געפאַלן אָפּצורוימען דאָס געצעלט פון פּלאַץ.

איז עס אַ זכר לחורבן... בלויז אַ קבוצה הונט „נאַבאַ” אָדער „זאַבדאל” באַווייזט זיך אַריינצורוקן אינמיטן טאָג צו כאַפּן אַ דרימל; אָדער ביינאַכט—אַ פאַרבלאָנדזעטער, יונגער שאַקאַל... נחמה איז די ערשטע, וואָס האָט זיך אינם געצעלט דערמאָנט. אַז זי איז אַריין אינעווייניק, האָט זי מיטאַמאָל דעם אָטעם פאַרהאַלטן: פון אַלע ווינק־לען האָט אויף איר געהויכט די ליידיקייט און געשראָקן. אַ הייליקע אימה האָט זי אַרומגענומען. אין די שלייפן האָט איר געהאַמערט, דאָס האַרץ געזעצט, און די קני האָבן געציטערט. דאָס היי־געלעגער אויף וועלכן צמח פלעגט זיך וואַלגערן איז שוין געווען צע־פּרעסן פון ווערעם און צעפוילט. נאָר צוליב דער פּלוצימער אימה

ביז אויסגיין, וואָס האָט זי אַרומגענומען, האָט זיך נחמה דערויף אַראָפּ־געלאָזן... אירע פינגער האָבן זיך איינגעפּלאָנטערט אין היי און געמי־קעט אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג. און גראַבלענדיק אַזוי אין טוכלע היי, האָט זי מיטאַמאָל דערפילט אין איר האַנט אַ דיקערע זאַך. אַ קיילעכדיק־געטאָקטע, אַ הילצערנע—נישט קיין זאַנג... און די קיילעכיקע, דיקע־רע זאַך האָט איר געוואַרעמט אין דלאָניע; געוואַרעמט און די וואַ־רעמקייט איז איר ביזן האַרצן צוגעשווומען... אַזש זי האָט די אויגן פאַרמאַכט, פאַר צופּיל חיות און זיסקייט; אַזש זי האָט געמוזט מיט דער האַנט צוהאַלטן די ברוסט, כדי דאָס האַרץ זאָל נישט פון זיין פאַרמאַכונג אַרויסטאַנצן... די הילצערנע, לענגעכיקע, רונד־געטאָקטע זאַך אין איר האַנט האָט געשפּילט... געשפּילט... און פאַרוויגט... דורך די נישט־פאַרשטאָפּטע לעכלעך האָבן נאָגנדיקע קולות אַרויסגע־שוווּמען און האָבן זיך צעגאָסן איבער דער טונקלקייט, איבער אַלע ווינקלען און זיך לייכט געקיילערט און געקייקלט איבער די פאָכנ־דיקע לייוונטן...נחמה האָט פעסטער פאַרמאַכט די אויגן און אויף אירע ליפּן איז געבליבן הענגען אַ שטומע תפילה...

*

פאַרטאָג האָט דער שומר געקלונגען אין אייזן: דין! דין, דלין! דין! אַ טאָג, ווי אַלע טעג איז געשטאַנען. דין! דלין!...

קוים איז דער געקלאַנג אין אייזן אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך די ערשטע באַוויזן נחמה מיט אַ שווערן פּיאָש אויף אירע אַקסלען. אָבער תיכף דערויף איז אויך מאירל גזלן אַרויסגעקומען פון ערגעץ אַ ביידל שלעפּנדיק אַ פּאָר שווערע פעלד־מכשירים. זענען זיי דאַן שווייגנדיק, די צוויי לייט, געגאַנגען אין איין שורה מיט נאָך חברים און חברטעס צו די אָפּגעלעגענע יוספיהער פעלדער.

דעם טאָג האָט נחמה געאַרבעט, ווי נאָך קיינמאָל נישט אַזוי: אָן מידקייט, אָן מאַטערניש; קיין טראָפּן שווייס נישט אויף איר שטערן און פּנים, ז׳האָט אַ געזאַנג געפילט אין אירע ביינער, אין איר מאַרך. נאָר מאירל האָט זיך אַלעמאָל אונטערגעהויבן, געוואָרפן אַ בליק צו נחמהן און נישט געקאָנט דערגיין: „וואָסזשע וועט דער סוף זיין"...

פאַרנאַכט, ווען זיי זענען אַהיימגעגאַנגען, האָט ער זיך צו איר צוגערוקט און אומזיכער אַ פרעג געטון:

נו, נחמה... ?...

נחמה האָט אַ ווייל געקלערט און צוריק־געפרעגט:

— און אויפן אָדלער ווער וועט רייטן? און איבער די בערג ווער וועט פליען? דו וועסט נישט בענקען נאָך דיין פויגל־פרייקייט?

אין דער מינוט האָט זיך מאירלען געדוכט, אַז מ׳שניידט אים די אָרעמס אַראָפּ, מ׳טוט אים אָן אויפן קאַרק אַ גרויסן, שווערן יאָך פון סאַמע אייזן און מען יאָגט אים אונטער מיט פייערדיקע ריטער: „העי! האָפּ!" און אַז ער ווערט מיד פון שלעפּן, זעגט מען אים אונטער די ריפּן פשוט... האָט ער אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, צע־שפּרייט די אָרעמס, אויפגעריסן זיינע ליפּן... אָבער קיין ענטפער האָט ער נישט געפונען... נחמה האָט אַראָפּגענומען דעם פּיאָש פון איר אַקסל, זיך אונטערגעליינט און איבערגעחזרט:

— זאָג, מאירל, ס׳וועט דיר נישט באַנג טון? נאָך דיין פריי־קייט, ווילדקייט און מדבר? — אין מאירל גזלנס האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן און ער האָט געענטפערט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן ברום:

— בערג... פלי... מדבר...

— — — — — — — — —

ס׳זענען אַוועק טעג און וואָכן.

ס׳איז שוין געשטאַנען די ברענענדיקסטע צייט פון אָנהויב־שניט אין לאַנד. מאירל גזלן האָט זיך דאַן שוין ווידער געפינען אויף אַ פערד, מפקיר־זייענדיק זיינע טעג און נעכט צו די פעלדער און בערג, פליענדיק פון אָרט צו אָרט. ס׳האָט זיך דעמאָלט צוריק געהאַט אָפּגערופן די יונגקייט אין זיינע ביינער און די אַלטע ליבע צו פויגל־פרייקייט אויף בראַנד און פעלז. און געריטן האָט ער דע־מאָלט אויפן וווּנדערלעכסטן פערד, דאָס איז געווען צו געפינען אויף די בערג און סטעפּעס אונטן: אַ מתנה האָט ער דאָס באַקומען פון דעם מעכטיקן שייך פון אַ גלילער בעדווינער־שבט חליל־איבן־חליל פאַר דער פלינקייט זיינער און גבורה.

איז ער דעמאָלט שוין טאַקע זעלטן אַראָפּ פון דעם געשענקטן „אַראַבטשיק". ס׳איז דאָך שווער געווען אַפילו אויף אַ רגע זיך צו

שיידן פֿון אים. איז ער סיי-בייטאָג, סיי ביינאַכט געזעסן אויפֿן פֿערד, און די לייצעס זענען ממש צוגעוואַקסן געוואָרן צו זיינע דלאָניעס. און דערצו האָט ער נאָך צוגעקליבן די העכסטע געגנטן צו קאָנען זיך דערהויבן און נידערן אַראָפּ, ווי אַ פֿייל, אַן אָפּגעריסענער פֿון בויגן, נישט אָנצוזען מיטן אויג, אינם טיפֿסטן, שמאָלסטן אָפּגרונט אַראָפּ: אַרום די צפֿתער בערג, וואָס דרייען זיך אַרויף און קוקן מיט שטיינערנער ווייסקייט און שפּאַרן צום בלויען הימל—דאָרט האָט ער זיך אַצינד געהאַלטן, דער גזלן. די ווילדעסטע זענען דאָך יענע הויכקייטן, ווו ס׳ווייען אויבן לייכטע ווינטלעך און ס׳ווייעט מיט אַלט-אַלטער הייליקייט און פּחד, וואָס נעמט אַרום און קאָן אויך ווערגן.

און דעמאָלט האָט ער, דער גזלן, שוין צו קיינעם נישט געהערט, נאָך קיינעם זיך נישט געיאָגט און אויף קיינעם נישט געצאָרנט. בלויז מיט די בערג האָט ער געשמועסט, מיט די פֿעלזן זיך געסודעט און מיט זיין ביסטרען „אַראַבטשיק״ אַן עצה געהאַלטן:

— הע-הע, פֿערדל, ווי מיינסטו, וועסט אַריבער דעם שפּיץ? האָפּ! האָפּ!

זעלטן אַז ר׳האָט זיך מיט מענטשן באַגעגנט. סיידן, ווען זיין הונגער האָט גענומען וואַקסן און ס׳האָט זיך אים פֿאַרבענקט נאָך אַ ווייכן געלעגער. פֿלעגט ער דעמאָלט אַריינפֿאַלן אין אַ נאָענטן, יידישן ישוב, ערגעץ אין אַ „פּיקאַער״ קבוצה, עסן אַ וועטשערע און זיך דורכשלאָפֿן אויף אַ סטערטע היי. און ס׳איז שוין ביי אים אַזוי צו אַ שטענדיקן שטייגער געוואָרן. פֿון טאָג צו טאָג זענען שטייפֿער געוואָרן זיינע אָרעמס, שטאַלערן זיין קאַרק און דער רוקן, ווי געפּאַנצערט: האָט שוין קיין סימן פֿון פּחד נישט געוווינט אין זיין האַרץ. און דאָס קול זיינס איז אַזוי מעכטיק געוואָרן, מיט אַזאַ נעבירגס־שאַלונג, אַז אין נעכט, אין ווייסע, פֿלעגט ער ציטערן מאַכן פֿעלזן און לבנה; אָפּגרונטן אויפֿרודערן: אָ־העי! אָ־העי! הע-הע! אָ־אָ! אָ.. אָ..

נאָר אין איין מקום און אין איין שעה פֿלעגט זיין האַרץ אָנהויבן שלאָגן און אים פֿלעגט זיך דוכטן, אַז איבער אים קומט אַן אימה: אויף יענע בערג געפֿינען זיך הייליקע קברים פֿון אַלטע־אַלטע צייטן, און אַ שטיין ליגט אַ ברייטער און אַ גרויסער, וואָס נישט פֿון אָרט צו רירן און וואָס טויזנטער יאָרן איז זיין געלעגער דאָרט:

דער גרויסער „שטול פון משיח״... און אַ טויער איז דאָרט פאַראַן אַ גרויסער, אַן אויסגעהאַקטער אין אַ הויכן פעלז, אַ באַצירטער מיט מאָליקע קראַנצן: דער גרויסער „טויער פון משיח״... אָט אין יענעם מקום, אין צייט פון שקיעה, פלעגט מאירלען אָפּט באַפאַלן אַ בענקנדיקע פאַרכטיקייט, ביז צעקרושלט צו ווערן. זיינע אויגן פלעגן זיך ברייט פונאַנדער עפענען, דער אָטעם פאַרהאַלטן און ער פלעגט זען: אַ הויכן מענטשן, מיט אַ גאָלדענער באָרד און גאָלדענע לאָקן, אין אַ ווייסן קיטל... ער פלעגט צו זען: ס׳נויגט זיך דער מענטש, געווענדט צו מערב, איז מתפלל זינגנדיק אַ שיר; און דאַן צו מזרח-זייט... און ווייטער פלעגט ער זען, ווי דער מענטש גייט אַריין אין אויסגעהאַקטן טויער און ווערט נעלם...

אַזוי יעדעס מאָל, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען דורכצורייטן אָט-דעם מקום אין יענער באַשטימטער שעה.

איז ביי מאירלען אויסגעוואַקסן אַ פאַרלאַנג צוצוטרעטן און צו זען, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווער ס׳קאָן זיין דער מענטש אין ווייסן קיטל ... אַן אונזעריקער, אָדער אַ נישט-דאָוועלטיקער...

און אַז ביים גזלן איז צייטיק געוואָרן דער פאַרלאַנג, האָט ער, אין איין פאַרנאַכט, אַצי-געטון די אָדלערישע גריווע און אָפּגעשטעלט זיך וואַרטן פאַרן טויער, נאָך-איידער ס׳איז דער מענטש אין קיטל אַרויסגעקומען איבער דער שטיינערנער שוועל. און ס׳פאַרשטייט זיך, אַז גזלנס האַרץ האָט זיך געריסן, און אין מוח האָבן געצויגן אָפּגעריסענע געדאַנקען, געעקבערט און געשפּיזט. אָבער מיטאַמאָל האָט אים אַ ווייסל-געטון פאַר די אויגן, אַ ווייסל, אַ בלענד און ס׳איז אים ס׳לשון אָפּגענומען געוואָרן: אַז דער אין קיטל איז אַריבער דעם פעלזיקן טויער, זיך נענייגט צו מערב-זייט און דאַן צו מזרח, ווי זיין שטייגער; באַרירט די ערד מיט די פינגער-שפּיצן, האָט ער דערקענט אים, צמחן!..

ר׳איז געזעסן אויפן פערד מאירל, ווי צוגעוואַקסן צום זאָטל, אָן לשון, בלויז טיף האָט עס אין אים געשריגן:

— ס׳איז צמח!.. צמח, דער פאַסטוך... דער מענטש אין קיטל האָט אָנגעהויבן זיין תפלה: „איך ליב דיך אין צייט ווען זון פאַרגייט, איך ליב דיך, האַר פון וועלטן״... — — —

תל אביב תרפ״ו